STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04623

TRIBITSH LINKOLN

Joseph Nedava

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. David Cornblath & Deborah Lieberman
in honor of
their children, Sarah, Jacob & Samuel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף נדבה

טריביטש לינקאלן

1־טע טייל

החברה המאוחדת להדפסה בע"מ
רח' הרכבת 52, תל־אביב

יוסף נדבה
טריביטש לינקאלן

פאַרלאַג „לעצטע נייעס"
תל־אביב, תשכ"א, 1961

פאָרוואָרט

דער ראָמאַן, פּונקט ווי דראַמעס אין טעאַטער-און פילם-אויפפירונגען, האָבן מער ווי אַ קינסטלערישן ציל צו באַפרידיקן די עסטעטישע געפילן פונעם לייענער און צושויער. די איבערוויגנדיקע צאָל לייענער זוכן אין אַ ראָמאַן, ווי אין יעדער דראַמאַטישער שאַפונג, בעיקר דעם קאָנפליקט און דעם געראַנגל פון איין מענטש אָדער א גרופּע מענטשן אין זייער סביבה. דורך די האַנדלונגען פון די העלדן דרינגט אריין דער לייענער נישט בלויז אין דער נשמה פון די העלדן, נאָר אויך אין דער וועלט, וווּ די העלדן ווירקן. וואָס קאָמפּליצירטער דער העלד, וואָס גרעסער זיינע אַמביציעס און אומרו, אַלץ שטאַרקער ווירקט ער זיך אויס אין דער סביבה און אַלץ מער דראַמאַטישע קאָנפליקטן שאַפט ער.

דאָס בוך „טריביטש לינקאָלן״, געשריבן פון יוסף נדבה, גיט דעם לייענער אַ שפע פון אַזעלכע קאָנפליקטן און דראַמאַטישע האַנדלונגען, וואָס שטעלן פאָר אַ קאָמפּליצירטע וועלט און דעקט אויף די נשמה-וויבראַציעס פון אַ זוכנדיקן מענטש, פון אַן אומרויִקן כאַראַקטער אין אַ נאָך אומרויִקער צייט.

„טריביטש ליקאָלן״ איז אַ גרויסע מענטשלעכע דראַמע, וואָס דער לייענער נעמט אויף מיט אַ נאַטירלעכן נייגער, אַ נייגער, וואָס דויערט פונעם ערשטן ביזן לעצטן בלעטל.

„טריביטש לינקאָלן״ איז אַ פאַרכאַפנדיקער פילם, וואָס זיין מעלה אין בוך-פאָרם איז דאָס, וואָס דער לייענער קען זיך דאָ מער קאָנצענטרירן און האָבן דעם פולן גענוס.

צוליב דער גרויסקייט פון דער לייוונט און דער רייכקייט פון שטאָף, איז אוממעגלעך געווען די דראַ-מע צו שילדערן אין קורצע שטריכן. דעריבער דער-שיינט דאָס בוך אין צוויי טיילן.

קאַפּיטל איינס

די נאַכט־באַן, וואָס איז געפאָרן פון פּאַריז קיין פּעטער־בורג, האָט זיך נישט געטראָגן מיט קיין איבעריקער שנעל־קייט איבער די רעלסן. כאָטש אָפיציעל איז דאָס געווען אַן עקספּרעס־צוג, זענען אָבער די רעדער פון די וואַגאָנען געלאָפן לאַנגזאַם. אין יענע ווייטע טעג — אין די האַרבסט־טעג פון יאָר 1910 — איז די צייט נישט געווען אַזוי קאָסטבאַר, אַז מענטשן זאָלן מורא האָבן צו פאַרלירן אַן איבעריקע שעה. מענטשן זענען נישט געווען פאַרהאַוועט. די וועלט איז געווען רואיקער: מען האָט זיך באַנוגנט מיט דער שיף, מיט דער באַן אַריבערצופאָרן אין אַנדערע לענדער.

אין יענער נאַכט, ווען די באַן איז געווען אויפן וועג פון פּאַריז קיין פּעטערבורג, האָט שטאַרק גערעגנט. די טראָפּנס רעגן האָבן געשמיסן איבער די שויבן פון די וואַגאָן־פענצטערלעך און אַנגעיאָגט אַן אומעט אויף די פּאַסאַזשירן. די רעדער האָבן געקלאַפּט ריטמיש. פון צייט צו צייט האָט דער לאָקאָמאָטיוו אַרויסגעלאָזט אַ הילכיקן פייף, וואָס האָט אָפּגעהילכט ווייט און ברייט אונטער דעם געדיכט־פאַרכמאַרעטן הימל און איז אויסגעגאַנגען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

איינער פון די פּאַסאַזשירן, דזשאָרדזש מאַטיוס, וועלכער איז געזעסן איינער אליין אין דער קופּע נומער 5 פון דעם פּאָדערשטן שלאָף־וואַגאָן, האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצ־טער און פּרובירט זען די לאַנדשאַפטן ארום. ער האָט נישט געקאָנט זען די טעלעגראַף־סלופּעס און אויך נישט די גרינע פעלדער, וואָס האָבן זיך געשפּרייט ארום, ווייל דער פאַלנדיקער רעגן האָט פאַרשמירט די שויב. אָבער קוקנדיק אַ לענגערע צייט דורכן פענצטער, האָט ער יאָ

געזען זיין געזיכט, ווי אין אַ פאַרטונקלטן שפּיגל. ער האָט געזען דאָס אָפּבילד פון זיין ברייט פּנים און זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן.

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט אים זיך אויסגע־וויזן, אַז ער זעט טיפע קנייטשן אין זיין שטערן און אַרום זיינע מויל־ווינקלען. אויך דער פּליך אויפן קאָפּ איז געוואָרן ברייטער, אַז מען האָט שוין באַלד געקאָנט ציילן די האָר אויפן קאָפּ. ער האָט אַליין זיך געוווּנדערט, וואָס זיין פיזישער אויסזען האָט לעצטנס שטאַרק זיך געענדערט. נאָך אַלעם איז ער נאָך נישט קיין אַלטער מאַן. ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום וועט ער דערגרייכן דעם עלטער פון 42 יאָר. ס׳איז אָבער געווען אַ סיבה פאַרוואָס די עלטער האָט אַזוי שנעל זיך געלייגט אויף זיינע פּלייצעס. אין דעם איז שולדיק געווען זיין אָנגעשטרענגטע אַרבעט. שוין 14 יאָר ווי ער אַרבעט אין געהיים־דינסט פון זיין מאַיעסטעט דעם ענגלישן קעניג.

דזשאָרדזש מאַטיוס האָט גענומען זייער ערנסט זיין באַשעפטיקונג און ער האָט אויך געוואָלט, אַז די מענטשן אַרום אים זאָלן אָפּשאַצן די וויכטיקייט פון זיינע מיסיעס. נאָך אַלעם איז ער דאָך עפּעס דער פּערזענלעכער שליח פון קעניג! ער פירט מיט זיך איצט די „דיפּלאָמאַטישע פּאָסט״, וואָס אַנטהאַלט טויזנטער סודות. אָה, ווי די פיינט פון ענגלאַנד וואָלטן וועלן דערגיין וואָס עס איז דער אינהאַלט פון זיינע געהיימע פּאַפּירן אין זיין פּאָסט־זאַק! די שפּיאָנען וואָלטן געקראָגן ריזיקע סומעס געלט, אויב עס וואָלט זיי בלויז געלונגען צו אַנטדעקן דאָס קליינע זעקעלע אין זיינע הענט... אָה, ווען זיי זאָל געלינגען דאָס צו אַנטדעקן...

דער „שליח פון ענגלישן קעניג״ איז איצט געווען ווייניק באַזאָרגט וועגן זיין „באַגאַזש״. אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן פון זיין אַרבעט אין געהיים־דינסט האָט ער נישט אָנגעטראָפן אויף קיין איין פאַל, וואָס זאָל אים פאַר־שאַפן שוועריקייטן, אָדער שטערונגען אונטערוועגס. זיין דערפאָלג נעמט זיך דערפון, וואָס זיינע ליפּן זענען שטענ־

דיק פֿאַרזיגלט. ער קאָן האַלטן יעדן סוד אונטער זיבן שלעסער. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז ער פֿאַרנעמט זיך דירעקט מיט שפּיאָנאַזש, וואָס איז אַ גאָר וויכטיק מיטל אַריבערצופֿירן פּאָליטישע סודות פֿון איין לאַנד צום צווייטן. ווו איז ער, דזשאָרדזש מאַטיוס, שוין נישט געווען אין די פֿאַרגאַנגענע 14 יאָר? ער האָט שוין אָנגעשפּאַרט אַזש אין טאָקיאָ, די הויפּטשטאָט פֿון יאַפּאַן...

אין דער ווירקלעכקייט איז ער שוין אביסל מיד און דערשעפּט פֿון דער שווערער לאַסט, וואָס מען האָט אַרויפֿגעלייגט אויף זיינע אַקסלען. טראָץ דעם, וואָס ביז איצט איז ער נאָך קיין איינציק מאָל נישט אַריינגעפֿאַלן אין דער פּאַסטקע פֿון פֿרעמדע אַגענטן, מוז ער אָבער אַליין צוגעבן, אַז די ריזיקע זיינע איז גרויס. זיינע אַרבעטסגעבער האָבן אים קיינמאָל נישט דערציילט וואָס עס איז דער אינהאַלט פֿון די דאָקומענטן, וועלכע ער פֿירט מיט זיך... אָבער ווען מען האָט אים באַשטימט אויף זיין פֿאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, האָט ער אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך, אַז ער מוז גרייט זיין צו פֿאַרטיידיקן די סודות, וואָס ער פֿירט מיט זיך, ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט...

מאַטיוס האָט מיטאַמאָל אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן און פּרובירט לייענען אַ בוך, וואָס האָט געהאַט דעם נאָמען: „דער ערשטער שפּיאָן אויף דער וועלט”. ער האָט שוין אָפּגעלייענט אַ גאַנץ היפּשע צאָל בלעטער און ער ווייסט נאָך אַלץ נישט ווער עס איז געווען דער ערשטער שפּיאָן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אין דער אמתן זענען אים שוין דערווידער די אַלע געשיכטעס וועגן שפּיאָנאַזש. אין יענע געשיכטעס ווערט דערציילט וועגן פּאַסירונגען און אַוואַנטורעס, וואָס זענען אַ פּראָדוקט פֿון דעם שרייבערס פֿאַנטאַזיע. דאָס זענען אויסגעפֿאַנטאַזירטע העלדישע געשיכטעס. ער, וועלכער איז א ווירקלעכער שפּיאָן — מיט אים איז קיינמאָל קיין אַוואַנטורע נישט געשען!

און אַזוי טראַכטנדיק האָט ער אַרונטערגעלאָזט דעם

קאָפּ, ווי ער וואָלט פּרובירט אײַנדרימלען. אָבער מיט־אַמאָל האָט זיך צו אים דערנענטערט אַ קליין ייִנגעלע און געפרעגט מיט אַ נאַיווער שטימע:

— אַנטשולדיקט, מײַן הער, אפשר קאָנט איר מיר זאָגן, ווען מיר וועלן אָנקומען קיין קעלן?

אין דער ערשטער מינוט האָט מאַטיוס זיך דערפילט אומבאַקוועם. דעם ייִנגלס פראַגע איז עפּעס געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז ער האָט זיך לײַכט אַ טרייסל געטאָן. ער האָט אינסטינקטיוו מיט זײַן האַנט אָנגעטאַפּט זײַן „פּאָסט־זעקעלע", ווי ער וואָלט וועלן זיך אַליין פאַרזיכערן, אַז די סודות זענען גוט באַשיצט... באַלד האָט ער זיך באַ־רואיקט. ער האָט מיט געמאַכטער העפלעכקייט אָנגעקוקט דאָס נאַיווע קינד, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים און גע־וואַרט אויף אַן ענטפער. דאָס ייִנגעלע האָט געהאַט העלע, געקרײַזלטע האָר און שאַרפע, דורכדרינגלעכע אויגן. ער האָט געטראָגן אַ בלויען מאַטראָסן־קאָסטיום, וואָס איז אויף אים געלעגן אָפּגעמאָסטן.

— כ'גלויב, אַז מיר וועלן זײַן אין קעלן אין אַנדער־האַלבן שעה אַרום — האָט ער געענטפערט.

ער איז איצט געווען פרײַ פון דער נערוועזיטעט, וואָס האָט אים פריער באַהערשט. אָבער צוליב דער פאַר־זיכטיקייט, וואָס איז אַרײַן אין זײַן בלוט זינט ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער געהיים־דינסט, האָט ער באַשלאָסן אויך איצט ווייטער צו שווײַגן. עס זענען פאַרבײַ עטלעכע מינוט אין שטילקייט. אָבער באַלד האָט ווידער די טיר פון דער קופּע נומער 5 זיך געעפנט און עס האָט זיך באַוויזן אַ מיידעלע פון אַ יאָר 12. זי איז געווען הויך אין וווקס, מיט גאָלדיק־בלאָנדע האָר. זי האָט געטראָגן אַ לײַכט קאָלירט קליידל, ווי זי וואָלט זיך געפונען אין אַ זומער־אָפּרו־אָרט. ביים אַרײַנקומען האָט איר קלייד זיך אַ הויב געטאָן פון דעם ווינט, וואָס די געעפנטע טיר האָט פאַר־אורזאַכט, און דאָס סימפּאַטישע מיידל האָט אויסגעזען ווי אַ ווײַסער שמעטערלינג. אירע שיך זענען געווען ווײַסע, מיט פאַרביקע שנור־בענדלעך און אינגאַנצן איז זי געווען

אין אַ שטימונג ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו אַ טאַנץ־באַל.

— מיין הער — האָט זי געזאָגט מיט אַ לוסטיקער שטימע — איר מוזט פאַרזוכן איינס פון מיינע צוקערלעך!... עס איז אָנגעפילט מיט דעם בעסטן בעלגישן וויין...

מאַטיוס האָט גלייך נישט געענטפערט אויף דעם אָנבאָט פון דעם פריינדלעכן מיידעלע. אַ שטרענגע וואָרנונג איז פלוצים דורכגעלאָפן אין זיין מוח: נישט רעדן! ער האָט זיך דערמאָנט אין די אינסטרוקציעס פון געהיים־דינסט: ערשטנס, זאָלסטו מיט קיינעם נישט רעדן אונטערוועגס; צווייטנס, טאָרסטו נישט פאַרזוכן קיין שפייז וואָס אַ פרעמדער וועט דיר אָנבאָטן...

ער האָט געפּירט מיט זיין האַנט איבערן שטערן און אָפּגעווישט דעם קאַלטן שווייס. ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען די סיבה פון זיין פלוצלינגדיקער נערוועזיטעט. ער האָט אפילו פרובירט זיך אַליין איינרעדן, אַז דער שווייס קומט נישט פון אויפרעגונג, נאָר פון דער פייכטקייט אין וואַגאָן. נאָך אַ ווײַלע האָט ער זיך פלוצים צעלאַכט פון דער אייגענער צעטומלטקייט. ווי קאָן אים גאָר איינפאַלן אַזאַ זאַך, אַז דאָס קליינע יינגעלע און דערנאָך דאָס מיידעלע זענען אונטערגעשיקט געוואָרן פון עמעצן אים צו צעטומלען? דאָס איז דאָך לעכערלעך! ער איז איצט געווען באַרואיקט. פונדעסטוועגן איז אים נאָך אַלץ געווען באַקוועמער צו זיין פאָרזיכטיק.

— אַ דאַנק, מיידעלע — האָט ער מיט אַ שמייכל זיך געווענדעט צום מיידעלע — איך עס נישט קיין זיסע זאַכן.

דאָס מיידעלע האָט געמאַכט איין שריט אויף צוריק, מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט זיך געפילט באַליידיקט. איצט האָט דאָס יינגעלע, וואָס איז, קענטיק, געווען איר ברודערל, באַשלאָסן דורכויס צו פאַרפירן אַ געשפּרעך מיט דעם פרעמדן פּאַסאַזשיר, און ער האָט דרייסט אַ פרעג געטאָן:

— האָט איר אויך קינדער, מיין הער?

מאַטיוס האָט זיך צעלאַכט פון דער דרייסטער פראַגע

און עס איז אים געקומען אויפֿן זינען זיין אייגענע פֿאַ־מיליע, די פֿרוי מיט די דריי קינדער אין לאָנדאָן, וועלכע ווייסן אפֿילו נישט ווו ער, דער טאַטע, געפֿינט זיך איצט. אפֿילו פֿאַר דער פֿרוי זענען זיינע אָפּטע רייזעס געהאַלטן געוואָרן אין גרויס געהיימניש.

— יאָ, מיין יינגעלע, — האָט ער געענטפֿערט. — כ׳האָב דריי קינדער. מיין עלטסטער זון מוז זיין אין דיין עלטער.

ער האָט אין דער זעלבער צייט געקוקט אויף דעם מיידעלע, וואָס איז געשטאַנען אין דער וואַגאָן־טיר און גענאָגט איר צוקערל.

אין יענעם מאָמענט האָט זיך געהערט אַ שטימע פֿון אַ פֿרוי, וואָס איז געקומען פֿון אַ צווייטן עק וואַגאָן:

— שאַרלאָטע, קום אַהער!

דאָס מיידעלע האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט, ווי נישט איר מיינט מען. די פֿרויען־שטימע האָט ווידער גע־רופֿן:

— שאַרלאָטאַ! פֿערנאַנד! קינדער, ווו זענט איר?

אויך דאָס יינגעלע האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און לוסטיק גערעדט צו מאַטיוסן:

— מיין פֿאָטער האָט מיר געשריבן, אַז ווען כ׳וועל קומען אַהיים, וועל איך דאָרט געפֿינען אַ גאַנצן פּאַלאַץ מיט שפּילצייג... כ׳וועל האָבן אַן אַרמיי מיט בלייענע סאָל־דאַטן... אויך קאַנאָנען...

אין דער טיר פֿון קופּע האָט זיך באַוויזן אַ פֿרוי און איבערגעריסן דאָס געשפּרעך.

— וויפֿל מאָל מוז איך אייך רופֿן? — האָט זי אַ בייזע געשריען און זיך געווענדעט צו מאַטיוסן — איך בעט ביי אייך אַנטשולדיקונג, מיין הער, וואָס די קינדער האָבן אייך געשטערט. זיי זענען אומעטום אומגעבעטענע געסט. מען קאָן זיי נישט איינהאַלטן.

ווי נאָר זי האָט אויף מאַטיוסן אַ בליק געטאָן, האָט עס אים פֿאַרכאַפּט ביים אָטעם. ער איז געבליבן זיצן אַ צוגעשמידטער, ווי פֿאַר זיינע אויגן וואָלט זיך באַוויזן

אַ מיסטעריעז וועזן. ער איז אין ערשטן אויגנבליק אַליין דערשטוינט געוואָרן פון זיין צערודערטקייט. איז זי ווירקלעך אַזאַ שיינהייט? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — ניין. זי איז ווייט פון צו זיין אַן אויסערגעוויינלעכע שיינהייט! עס פעלט האַרמאָניע אין די טיילן פון איר קערפּער. אָבער פונדעסטוועגן איז געווען אויסגעגאָסן אַ מאָדנער צויבער אויף איר געזיכט. אירע אויגן האָבן זיך געטונקען אין אַ טיפער בלויקייט, ווי זיי וואָלטן אַרומגעוואַנדערט אין אַ פאַרכישופטער וועלט. עס האָט זיך מאַטיוסן אויסגעדוכט, אַז ווען זי קוקט אויף אַ מענטש, זעט זי אים נישט. אירע ליפּן זענען געווען דיקע און ליידנשאַפטלעכע און זייער שאַרפער, רויטער קאָליר האָט זיך נאָך שטאַרקער אַרויסגעזען צוליב דער קלאָרער ווייסער הויט פון איר געזיכט.

ער האָט נישט באַוויזן מיט עפּעס צו ענטפערן אָט דער פרוי פון וועמען ער האָט די בליקן נישט געקאָנט אָפּרייסן. זי האָט שנעל אָנגענומען ביידע קינדער, אָנגעוויזן זיי צום אַרויסגאַנג, און ווידעראַמאָל געפונען פאַר נויטיק זיך צו אַנטשולדיקן:

— איך גלויב, מיין הער, אַז דער טומל, וואָס די קינדער מאַכן אין אונזער קופּע, איז געווען גרויס. און זיי דאַרפן נישט אַריינלויפן צו אייך און שטערן... קומט, קינדער!

זי האָט זיך שוין געהאַט אויסגעדרייט צו דער טיר, אָבער מאַטיוס האָט זיך איצט אָנגערופן:

— ס׳מאַכט נישט אויס. קינדער שטערן קיינמאָל נישט... פאַרקערט, זיי פאַרטרייבן אַביסל די לאַנגוויילִיקייט, באַזונדערס ווען מען מוז זיך שלעפּן אויף אַזעלכע לאַנגע, נישט־אינטערעסאַנטע רייזעס...

זיין ענטפער האָט אין איר אַרויסגערופן אַ מונטערע שטימונג.

— איר זענט גערעכט, מיין הער... באַזונדערס, ווען מען מוז פאַרברענגען עטלעכע טעג אין דער באַן... וויפל

קאָן דען אַ פּאַסאַזשיר לייענען ביכער? און ווי אַפּט קאָן מען שטריקן און העקלען?

— וווּהין פאָרט איר, מאַדאַם, אויב עס איז דערלויבט צו פרעגן?

מאַטיוס איז נישט געווען נערוועז, אָבער פונדעסטוועגן איז זיין האַנט ווידער פאַרקראָכן צום אָרט, וווּ זיין זעקעלע מיט די געהיימע דאָקומענטן איז געלעגן. דאָס איז ביי אים געווען אַ באַוועגונג, וואָס האָט אים שטענדיק באַ־רואיקט. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אַ פּיר געטאָן איבער זיין קאָפּ.

— אָה, מיר פאָרן אין אַ ווייטן וועג — האָט די פרוי געזאָגט — אַזש ביז פּעטערבורג.

— וואָס פאַר אַ מערקווירדיקער צופאַל! — האָבן ביי מאַטיוסן אויפגעלויכטן די אויגן — אויך איך פאָר קיין פּעטערבורג!

— ווירקלעך? — האָט די פרוי מיט פרייד אויסגערופן

— וועלן מיר זיין שכנים אויף אונזער לאַנגער רייזע, נישט אַזוי?

זי האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין, אָבער ערשט איצט האָט מאַטיוס זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט גאָרנישט געהאַנדלט ווי אַ דזשענטלמאַן. ווי אַזוי האָט ער דאָס גע־רעדט זיצנדיק צו אַ דאַמע, אין דער צייט, ווען זי איז געשטאַנען? אָבער אינעווייניק, אין זיך, איז ער אייגנטלעך געווען צופרידן וואָס ער באַנעמט זיך אַזוי. דעם קעניגס פּערזענלעכער שליח טאָר נישט אַרויסווייזן צופיל העפ־לעכקייט אונטערוועגס, באַזונדערס צו דאַמען... מעגן זיי אפילו אויסקוקן אומשולדיק ווי מלאכים...

— פילייכט וועט איר זיך צוזעצן אַביסל? — האָט פאָרט פון אים זיך אַרויסגעכאַפּט — אונז וועט אויסקומען צו פאָרן עטלעכע טעג, איז בעסער, אַז מיר זאָלן זיך אַביסל נענטער באַקענען...

זי האָט פאַרקרימט אירע ליידנשאַפטלעכע ליפּן, מיט אַ מינע פון איינער וואָס ווייסט נישט ווי אַזוי צו ענט־

פערן אויף אַ מאַנס פאַרשלאַג. דערנאָך האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף איר האַנט־זייגערל:

— כ׳ווייס אַליין נישט, צי עס בלייבט מיר צייט דאָ צו זיצן... עס איז שוין האַלב עלף... איך מוז לייגן די קינדער שלאָפן... איבעריקנס, זענט איר מעגלעך גערעכט..: מיר דאַרפן זיך ווירקלעך נענטער באַקענען...

און מיט אָט די רייד האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק גלייך קעגנאיבער אים. איר טאָכטער שאַרלאָטע האָט זיך אויפגעשטעלט און אָננעמענדיק איר ברודערל פאַר אַ האַנט, זענען ביידע אַרויס פון קופע נומער 5.

— מיין נאָמען איז נאַדיאַ מענשיקאָוו — האָט די פרוי איצט זיך פאָרגעשטעלט מיט שטאָלץ, ווי עס פאַסט פאַר אַן אַריסטאָקראַטישער דאַמע, וועלכע געדענקט שטענדיק איר יחוס — מעגלעך, אַז איר קענט גאָר מיין מאַנס נאָמען. ער איז אַ באַקאַנטער צוקער־פאַבריקאַנט אין רוס־לאַנד...

— געוויס האָב איך געהערט! — האָט מאַטיוס איצט געערעדט אין אַ מונטערן טאָן — מיר דוכט זיך, אַז זיין צו־קער ווערט אויך פאַרקויפט אין ענגלאַנד... כ׳בין נישט אינגאַנצן זיכער וועגן דעם. יאָ, מיין נאָמען איז מאַנפרעד טילבי...

ער האָט אַפילו נישט אַ פּינטל געטאָן מיט קיין אויג, ווען ער האָט אָנגעגעבן אַ פאַלשן נאָמען. ער איז שוין געוווינט צו בייטן נעמען אַזוי אָפט ווי אונטערוועש. קיינער דאַרף נישט וויסן זיין ריכטיקן נאָמען. ווי מאָדנע! אָפט־מאָל האָט דאָס דאָפּלטע לעבן זיינס אים פאַרשאַפט אַ גוואַלדיקן פאַרגעניגן. ער איז געוועזן גאָר צופרידן, וואָס ער קאָן אָפּנאַרן אַ גאַנצע וועלט און דאָך נישט פאַרעכנט ווערן אַלס אַ שווינדלער. ער טוט דאָך דאָס אַלץ פאַר ענגלאַנד!

נאָך אַ ווײַלע שוויגעניש, האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך בין אַ באַאַמטער אין דער „באַנק אָוו ענגלאַנד״. איך בין דאָרט אַ סעקרעטאַר.

— ווי אינטערעסאַנט — האָט זי קאָקעטיש געלאַכט — געוויס ווייסט איר אַלע סודות פון לאָנדאָן.

ביי איר דערמאָנען דאָס וואָרט „סודות" איז אַ לייכ־טער ציטער דורכגעגאַנגען זיין גאַנצן קערפּער. אפשר ווייסט עפּעס די דאָזיקע דאַמע וועגן אים און זי מאַכט זיך בלויז אַזוי תמעוואַטע? דאָס איז דאָך פאַנטאַסטיש! — האָט ער אַליין באַלד פאַרטריבן זיין פאַרדאַכט. זי איז איינע פון יענע דורכשניטלעכע פרויען, וואָס אינטערעסירן זיך נישט מיט קיין זאַך, אויסער מיט זייערע פאַמיליע־פּראָבלעמען. דער פאַקט איז דאָך, אַז זי האָט נישט פאַר־לאַנגט זיין געזעלשאַפט. ער אַליין האָט זי דאָך דורכויס פאַרבעטן אַהער גראַד דעמאָלט, ווען זי האָט זיך געאיילט צו פירן אירע קינדער שלאָפן...

זיי האָבן גערעדט צווישן זיך פראַנצויזיש און לויט איר אַקצענט האָט מאַטיוס זיך לייכט געקאָנט איבערצייגן, אַז זי איז אַ רוסישע פרוי. דער רוסישער אַקצענט האָט צוגעגעבן חן איר פראַנצויזישער אויסשפּראַך.

— סודות פון לאָנדאָן — האָט ער געזאָגט און נישט געוווּסט ווי צו פאַרענדיקן דעם זאַץ און איר פאַרגעשלאָגן אַ ציגאַרעט.

— ניין, אַ דאַנק! — האָט זי אַביסל שעמעוודיק גע־ענטפערט — איך בין פון די קאָנסערוואַטיווע רוסישע פרויען, וואָס רויכערן נישט. אָבער דערלויבט מיר אייך אָנצובאָטן אַ ציגאַרעט, וואָס מען האָט מיר געגעבן אַלס געשאַנק. דאָס איז עפּעס אַ ציגאַרעט פון אַ באַזונדערן געשמאַק! נעכטן האָב איך פאַרבראַכט אין הויז פון מיין שוועסטער, אין בריסעל. עס זענען געווען אַ סך געסט און איינער פון זיי האָט מיר געגעבן אַ פּעקל ציגאַרעטן, אַ מתנה פאַר מיין מאַן...

זי האָט פאַרזיכטיק אַרויסגעצויגן פון איר האַנט־בייטל אַ קליין פּעקעלע ציגאַרעטן. אויף דעם קאָלירטן צודעק איז געווען אויסגעמאָלן דער קאָפּ פון אַ טערק מיט א רויטער פעסקע.

— דאָס זענען דאָך טערקישע ציגאַרעטן! — האָט מאַטיוס אויסגערופן.

— ווייזט אויס, אַז יאָ — האָט זי געזאָגט מיט אַ מינע, ווי זי וואָלט זיך נישט פאַרשטאַנען אויף אַזוינע מענערשע זאַכן — מען האָט מיר אָבער פאַרזיכערט, אַז מיין מאַן וועט זיי ליב קריגן. זיי האָבן אַ זיסן, אָנגענעמען אַראָמאַט...

ער האָט מיט צופרידנקייט גענומען אַ ציגאַרעט און אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. אין יענעם מאָמענט האָט זיך גע־הערט די שטים פון שאַרלאָטען:

— מוטער, איך וויל גיין שלאָפן!

די פרוי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט מיט דער פליכט פון אַ מוטער, וואָס מוז איילן צו אירע קינדער. זי האָט געלאַכט האַרציק און קאָקעטיש צו מאַטיוסן.

— אַ שאָד, כ׳מוז גיין. צום ווידערזען!

ער האָט אַ פאָכע געטאָן צו איר מיט דער האַנט און פאַרויכערט. זי האָט אים טאַקע קיין ליגן נישט געזאָגט, אָט די אָנגענעמע רוסישע פרוי. ס׳איז געווען אַ זיסער אַראָמאַט, וואָס באַרואיקט די נערוון... עס איז אים אָבער אין יענעם גליקלעכן מאָמענט נישט איינגעפאַלן, אַז דער ציגאַרעט, וואָס ער האָט פאַרויכערט, האָט געהאַט אַ באַ־טויבנדיקן סם... ווי נאָר ער האָט אַריינגעצויגן דאָס לעצטע מאָל דעם רויך, האָבן די אויגן ביי אים זיך שוין גענומען קלעפן. ער האָט נישט פאַרמאָגט גענוג ווידערשטאַנד צו קעמפן מיטן שלאָף.

ארום 20 מינוט נאָך עלף איז־די באַן אָנגעקומען קיין קעלן. ווען די דאַמע, וואָס האָט אָנגעגעבן איר נאָמען אַלס „נאַדיאַ מענשיקאָוו״, איז אַריין אין קופע נומער 5, האָט זי געטראָפן דזשאָרדזש מאַטיוסן אין טיפן שלאָף. זי האָט אויסגערעכנט, אַז ער וועט נאָך געוויס אַזוי אָפּ־שלאָפן אַ צוועלף שעה און ער וועט זיך ערשט איבער־וועקן, ווען דער צוג וועט פאַרלאָזן בערלין...

אָן לאַנג איבערצוטראַכטן, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס „פאָסט־זעקעלע״ פון דעם „פערזענלעכן שליח״ פון ענג־לישן קעניג און צוזאַמען מיט „אירע צוויי קינדער״, וועל־

כע זענען נישט געווען אירע קינדער, נאָר פּונקט אַזעלכע אַקטיאָרן ווי זי, איז זי אַרויס פון דעם עקספּרעס־צוג.

ווען דער פּלאַטפאָרם־מאַן אויף דער סטאַנציע האָט איר געהאָלפן אַרויסנעמען פון וואַגאָן אירע וואַליזעס, איז אים אַפילו אויפן זינען נישט געקומען, אַז דאָס באַדינט ער איצט אַן ערשטקלאַסיקע שפּיאָנקע און אז אין איינער פון אירע מאַנטל־קעשענעס טראָגט זי אַ פּעקל געהיימע דאָקומענטן, וואָס קאָנען ברענגען אַן איבערקערעניש אויף דער וועלט...

צומאָרגנס נאָכמיטאָג איז אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דייטשן געהיים־דינסט אין בערלין אויפגענומען גע־וואָרן אַן „אַגענט". דער אַגענט איז אַריינגעלאָזט געוואָרן אין אַ ביוראָ אויפן פינפטן שטאָק פון אַ שטיינערנער גע־ביידע, אויף דער ווילהעלם־שטראַסע.

דער אַגענט, אַ מאַן פון מיטעלן וווקס, וואָס האָט אַ נייגונג פעט צו ווערן און מיט אַ פּאָר דיקע וואָנצעס, האָט אַריינשפּאַצירט מיט געלאַסענע טריט. ער האָט גע־מוזט זיין אין עלטער פון 35 יאָר. זיין געזיכט האָט געהאַט אַן ענערגישן אויסדרוק. זיינע באַקן זענען געווען אָנגעבלאָזן און אין זיינע בלויע אויגן האָבן געברענט גרויזאַמע פייער־לעך, ווי ביי אַ מענטש וואָס קאָן קיינמאָל נישט לאַכן.

— האַלאָ, האַלאָ! — האָט אים לוסטיק באַגריסט אַ פּעטער דייטש מיט אַ גרויסן ביר־בויך און אַ פּאָר פּאָר־דרייטע וואָנצעס — זייען זי געגריסט, הער טריביטש לינקאָלן! וואָס ברינגט איהנען צו אונז?

דאָס איז געווען דער הויפּט פון דייטשן שפּיאָנאַזש־דינסט.

— געשעפטן! אויסשליסלעך געשעפטן ברענגען מיך היינט אַהער! — האָט טריביטש לינקאָלן קורץ געענטפערט — כ'בין נישט געקומען רעדן קיין פּאָליטיק און אויך נישט דערציילן קיין נייע אינטריגעס פון דעם קייזערס קעפּס־ווייבער... כ'האָב מיט זיך סודות...

לינקאָלן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, נעבן

דעם שרייב־טיש. פון דעם דייטש און גענומען פויקן מיט זיינע פינגער אויף דעם „פּאָסט־זעקעלע", וואָס איז מיט אַ נאַכט פריער אַרויסגעגנבעט געוואָרן פון דעם עקספּרעס־צוג.

— סודות? — האָט דער הויפּט פון דייטשן שפּיאָנאַזש־דינסט איצט גערעדט מיט נאָך מער פרייד — גוט! יאָוואָהל, הער טריביטש לינקאָלן! וואָס האָבען זי דאָרט אינטערע־סאַנטעס? פיליכט איין מיסטעריעזע שריפט, וואָס? איינע געהיימע שריפט פון דעם צאָרס פּאַלאַץ?

לינקאָלן האָט זיך צעלאַכט מיט אַ געצוווּנגענעם גע־לעכטער.

— ווייסט איר וואָס איך האָב היינט מיט זיך? איך האָב מיט זיך דעם גענויען אָפּמאַך מיט אַלע איינצלהייטן... כ׳האָב דעם אָפּמאַך וועגן מיליטערישן בונד צווישן ענג־לאַנד, פראנקרייך און רוסלאַנד קעגן דייטשלאַנד...

— וואָס? — איז דער דייטש געוועזן דערשטוינט פון די נייעס. — דאָס איז דאָך אוממעגלעך! אוממעגלעך!

— דאָס קען איך לײדער נישט אויפדעקן איצט... דאָס וויכטיקסטע — אַז די לעצטע קאָפּיע פון דעם פּאַקט ליגט דאָ פאַר אייך. דאָס איז דער פּאַקט, וואָס דער צאַר האָט געזאָלט אונטערשרייבן... אָבער דער פּאַקט איז ביז פּע־טערבורג נישט דערגאַנגען...

דער דיקער דייטש האָט פון איבעראַשונג פאַרוואָרפן זיינע קורצע הענט אויף אַהינטער און גענומען נערוועז שפּאַנען אַרויף און אַראָפּ איבער זיין ביוראָ.

— יאָ, יאָ, הער לינקאָלן! זי זינד איין טיכטיגער מאַן! וואָס קאָן איך טאָן פיר זי?

— כ׳מוז שוין האָבן 200 טויזנט מאַרק — האָט לינ־קאָלן קורץ געענטפערט.

ווען לינקאָלן האָט אַרויסגעזאָגט די סומע, האָט דער דייטש זיך אַזש אַ רוק־געטאָן אַ פּאָר שריט הינטערווײ־לעכץ. ער האָט זיך גלייך באַרואיקט און געזאָגט:

— וואָס זאָגען זי? דאָס איזט דאָך אַיין אַסטראָנאָ־מישע ציפער!

— איר האָט דאָך ערשט אַליין צוגעגעבן, אַז איר האָט פאַרשווענדעט מיליאָנען מאַרקן צו קריגן דעם דאָ־קומענט און דאָס געלט איז געווען אומזיסט... איך שטיי פאַר אייך מיט דעם וויכטיקסטן דאָקומענט פון אונזער יאָרהונדערט!

— דאָס איז אמת! — האָט דער דייטש אויסגערופן.

— אָבער איר קריגט דאָך אייער מאָנאַטלעכן געהאַלט... און איר קריגט אויך פאַר די אויסגאַבן און זיי זענען אויך נישט קליין... ניין! עס איז אוממעגלעך צו באַצאָלן אַזאַ הויכע סומע!

— איך וויל איר זאָלט נעמען אין אַכט, מיין הער — האָט טריביטש לינקאָלן אָפּגעשטעלט דעם געבייזער פון דעם דיקן דייטש — אַז איך האַלט איצט ביים אויסברייי־טערן מיין שפּיאָנאַזש־נעץ אין אייראָפּע. די אַרבעט אין די פאַרשידענע לענדער ווערט פאַר מיינע אַגענטן וואָס אַמאָל שווערער.

— איר מוזט זיך באַגנוגענען מיט 50 טויזנט מאַרק!

— האָט דער הויפּט פון דייטשן געהיים־דינסט אַ קלאַפּ־געטאָן מיט זיין פויסט אין זיין שרייב־טיש, פונקט ווי אַ ליציטאַציע־אַגענט טוט דעם לעצטן קלאַפּ אין טיש ביי אַ ליציטאַציע.

לינקאָלן האָט מיט קיין וואָרט נישט געענטפערט. ער האָט געלאָזן זיך אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. דער דייטש איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און מיט אַ חניפה־שמייכל גענומען קלאַפּן אים איבערן אַקסל.

— דאָס מיינט נישט, הער לינקאָלן, אַז איך וויל נישט ווי געהעריק אָפּשאַצן אייער וויכטיקע אַרבעט... אָבער איר מוזט וויסן, אַז אונזער קאַסע איז באַגרענעצט... און פאַר־וואָס זאָלט איר פון אונז פאַרלאַנגען אַזעלכע פאַנטאַסטי־שע סומען? 50 טויזנט וועט דערווייל זיין גענוג...

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט אין אַ טאָן פון לייכטן שפּאָט. לינקאָלן האָט זיך נישט באַליידיקט. ער האָט איצט זיך אָנגערופן:

— פון מיין טאַטן האָב איך זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי

זיך צו דינגען מיט מענטשן. מיין פֿאָטער איז געווען מיין בעסטער לערער. ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קליין יינגל האָט ער מיר אָפט געזאָגט: דו זאָלסט שטענדיק פֿאַרלאַנגען אַ סך. מענטשן וועלן בלויז אָפּשאַצן דיין אַרבעט, ווען דו אַליין וועסט געהעריק זיך באַציִען צו דיינע אויפטועןן. און נאָך מער האָט מיין פֿאָטער געזאָגט: אויב דו וועסט פֿאַר־לאַנגען פיר מאָל אַזויפיל פון דעם וואָס דו פֿאָדערסט אויף אַן אמת, וועט מען דיר באַצאָלן די פֿאַרלאַנגטע סומע.

דער דייטש מיטן ביר־בויך און מיט די פֿאַרדרייטע וואָנצעס האָט פון גרויס איבעראַשונג נישט געוווּסט צי ער זאָל לאַכן, צי זיך בייזערן... לינקאָלן איז שוין געווען ביי דער טיר, אָבער איידער ער האָט זי פֿאַרמאַכט פון יענער זייט האָט ער געזאָגט:

— אין דער אמתן האָב איך נישט געטאָרט אַרויסגעבן מיין פּראָפעסיאָנעלן סוד.

קאַפּיטל צוויי

אין דעם הויז פון נתן און שרה טריביטש, אינעם קליינעם אונגאַרישן שטעטל פּאַקס, האָט געהערשט אַ גרויסע שמחה יענעם ערב ראש־השנה, וואָס איז אויסגעפֿאַלן אָנהויב סעפּטעמבער, אין יאָר 1879. גראָד אין דער זעלבער צייט, ווען אַלע יידן אין שטעטל האָבן אָנגעטאָן זייערע יום־טובדיקע מלבושים און געגאַנגען אין שול אַריין צו טאָן תפילה פֿאַר דעם נייעם יאָר — גראָד דאַן איז געבוירן געוואָרן נאָך אַ זון ביי די טריביטשעס.

די עלטערן, פרומע, אָפּגעהיטע יידן, וואָס האָבן אויס־געפֿירט אַלע דינים און מצוות פון דער תורה, האָבן געזען אין דעם אַ גאָט־זאַך, ממש אַ נס פון הימל. סוף כל סוף, נאָך צוואַנציק יאָר פון אומאויפהערלעכע תפילות און תחנונים האָט זיי גאָט באַשאָנקען מיט נאָך איין זון. די מאַמע שרה איז זיכער געווען, אַז מיט איר איז געשען דער זעלבער נס, ווי מיט דער אור־מאַמע שרה, ווען זי האָט

געבוירן אויף דער עלטער איר בן־יחיד יצחק, און אַלס צייכן פון ליבּ און דאַנקבאַרקייט צום באַשאַפער האָבּן די טריביטשעס אויך זייער בן־זכר אַ נאָמען געגעבּן יצחק, אַזוי ווי עס האָט געהייסן דער זון פון אברהם און שרה.

און נאָך אַ סיבה איז געווען צו דער גרויסער פרייד פון דער פאַמיליע טריביטש. טאַטע־מאַמע האָבּן געוואָלט קריגן טרייסט און פאַרגיטיקונג פון זייער מוזיניקל פאַר די זינד פון זייערע ערשטע צוויי זין, וועלכע זענען אַוועק אויף שלעכטע וועגן: די צוויי עלטערע זין, דוד און לאַיוש, זע־נען פאַר זיי שוין געווען פאַרלוירענע. זיי האָבּן שוין מער נישט אַריינגעשטעלט קיין פוס אין אַ שול, אין אַ בית־מדרש און זיך געריסן צו דער גויאישער, פרעמדער וועלט. טאַ־טע־מאַמע האָבּן נישט געהאַט קיין נחת פון די בנים, טראָץ דעם וואָס זיי זענען געוואָרן באַרימט איבּער גאַנץ אונ־גאַרן. דער ערשטער זון, דוד, האָט נאָך קליינערהייט ארויס־געוויזן געניאַלע פעאיקייטן אין פינאַנסן. דער פאָטער זיי־נער פלעגט צו אים שפּעטער זאָגן:

— דוד, מיין זון, דו האָסט ריכטיק באַדאַרפט געבוירן ווערן אין דעם ראָטשילד־הויז, וואָלסטו געוואָרן דער מלך פון געלט... וואָלסט געהאַנדלט מיט פירשטן, און פריצים, און ווער ווייסט ווי הויך דו וואָלסט אָנגעשפּאַרט...

זיין צווייטער זון, לאַיוש, איז אויך געווען באַגאַבּט, אָבּער אויף אַן אַנדערן געביט. צו 20 יאָר איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר אין איינעם פון די אוניווערזיטעטן אין בודאַ־פעשט. ער האָט פשוט רעוואָלוציאָניזירט די דערציאונגס־מעטאָדן אין אונגאַרן. אים האָט אָבּער געפעלט געדולד. ער האָט געוואָלט צופיל און צו־גיך איינעמען די וועלט. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ פירער ביי די סאָציאַליסטן און איז געוואָרן דער אָנערקענטער אידעאָלאָג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, ווו ער האָט אַרויסגעגעבּן אַן אונגאַרישע צייטונג אין ניו יאָרק. עס האָט אָבּער נישט לאַנג געדויערט און זיינע שפּורן זענען פאַרלוירן געגאַנגען.

דער ערשטער זון דוד איז געגאַנגען פון איין דערפאָלג

צום צווייטן. אין עלטער פון 23 יאָר האָט ער געעפנט אַן אייגענע באַנק. ער האָט זיך אָבער אַזוי פאַרפלאָנטערט מיט פאַרשידענע געלט־מאַניפּולאַציעס, אַז זיין באַנק האָט געקראַכט און ער איז פון פאַרצווייפלונג משוגע געוואָרן.

דעריבער איז איצט די גאַנצע האָפענונג פון דעם אַלטן נתן טריביטש געלעגן אין זיין מוזיניק יצחק. דער טאַטע איז זיכער געווען, אַז זיין בן־זקונים וועט גיין אין די וועגן פון זיינע עלטערן און ווען ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער באַשטימט ווערן אַלס רב, אַ פירער ביים יידישן פאָלק. ווי שטאַרק וואָלט ער אויף דער עלטער געוואָלט נחת האָבן פון יצחקן! אַלע זיינע יאָרן איז ער געווען פאַריאָגט אין האַנדל, אין דאגות פרנסה. אמת, דער באַ־שאַפער אין הימל האָט אים געהאָלפן און ער איז געוואָרן אַ רייכער תבואה־סוחר און זיינע תבואות צעגייען זיך אַריבער די גרענעצן — קיין איטאַליע, קיין עסטרייך. די פעלדער, וואָס שפרייטן זיך ביים דונאַי־טייך, זענען פרוכט־באַרע און ווען גאָט האָט אים געבענטשט מיט רייכטום, האָט טריביטש זיך איינגעקויפט אַ פּאָר אייגענע טייך־שיפן, וואָס האָבן אַריבערגעפירט זיינע תבואות אין פרעמ־דע לענדער.

אָבער ווען עס האָט זיך אָנגערוקט די עלטער, האָט פון טריביטשן זיך אָפּגעטאָן דער אַמאָליקער חשק אָנצו־קלויבן וואָס מער רייכטום. ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצו־געבן מער מיט לערנען תורה, מיט אָפּהיטן שטאַרקער די געבאָטן פון דער יידישער לערע, וואָס משה רבינו האָט אַראָפּגעבראַכט פון באַרג סיני.

יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג האָט ר׳ נתן זיך שוין געגומען גרייטן צום הייליקן שבת. ער האָט זיך געפוצט, צעקעמט די באָרד, אויסגעקרייזלט די פיאות, אָנגעטאָן די זיידענע קאַפּאָטע און אַ גאַנצע שעה האָט ביי אים גענומען דורכ־צו גיין די סדרה פון דער וואָך.

דאָס שטעטל פּאַקס איז אין דער אמתן געווען אַ יידיש ווינקל־אָרט מיט אַ באַפעלקערונג פון עלף טויזנט. בלויז אַ קליינע צאָל גויים האָבן דאָרט געוווינט. שוין הונדער־

טער יאָרן ווי יידן האָבן דאָרט געפירט אַן אייגענע מלוכה. אויך דורך דער גאַנצער וואָך זענען די שולן און קלויזן געווען געפּאַקט מיט מתפללים און דאָס קול פון תורה האָט זיך געהערט דאָרט בייטאָג און ביינאַכט. די חסידים האָבן זיך אָנגעזען אויף די גאַסן און הויפן, און דער רבי האָט געהערשט אין שטאָט ווי אַן אמתער רעגירער. ער איז אפילו אַריינגעצויגן געוואָרן דורך זיינע חסידים אין פאַרשידענע מסחרים. זיינע אָנהענגער האָבן ביי אים גע־זוכט עצות, געטיילט זיך מיט די פּראָפיטן, און יעדער גע־ווינס אין האַנדל, יעדער געלונגענער געשעפט איז גע־פייערט געוואָרן מיט חסידישע טענץ און מיט באַגייס־טערטן געזאַנג.

אין אַזאַ עכט־יידישער, טראַדיציאָנעל־פרומער סביבה איז אויסגעוואָקסן דער קליינער יצחק טריביטש. פון קיין אַנדערער וועלט, אויסער דער וועלט פון בית־מדרש, האָט ער נישט געוווסט. צו פיר יאָר האָט ער שוין געלערנט אין חדר, און אין עלטער פון זעקס יאָר — האָט ער גע־קענט ש״ס און פוסקים. ער האָט פאַרמאָגט אויסערגעוויינ־לעכע פעיקייטן. אַלע רבנים און תורה־יידן, וואָס האָבן מיט אים אַמאָל נאָר גערעדט, האָבן עדות געזאָגט, אַז ער איז אַן עילוי, אַ וווּנדער־קינד.

ער האָט געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ. זיין אויפנאַמס־פעי־קייט איז געווען איבעראַשנדיק. ס'איז גענוג געווען אויף עפּעס אָנצודייטן מיט אַ ווונק און ער איז שוין אַראָפּ צו די סאַמע טיפעניש פון דעם פּראָבלעם. זיין זכרון איז געווען פענאָמענאַל. מען האָט אויף אים קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז ער איז אַ קינד. „דאָס קליינע יידעלע״ — האָט מען אים גערופן. מען האָט אים קיינמאָל נישט געזען שפּילן זיך מיט אַנדערע קינדער פון זיין עלטער אין גאַס און עס איז שווער געווען פון אים אַרויסצוקריגן אַ שמייכל, אַזוי ערנסט פאַרטיפט איז ער געווען.

ער האָט אין די גאָר יינגלשע יאָרן זיך געפירט ווי אַן אַסקעט, ווי אַ נזיר, וואָס האָט נישט אינזינען די פאַר־געניגנס פון דער וועלט, נאָר זיין גאַנץ לעבן מוז זיין

געווידמעט צו לערנען תורה און אָפּצוהיטן די מצוות. יעדן פֿאַרטאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען דער ערשטער אין הויז, אָנגעטאָן זיין לאַנגע קאַפּאָטע ביז צו די קנעכלעך, פֿאַר־קעמט די געקרייזלטע פּיאות, גענומען אַ גמרא אונטערן אָרעם און אַוועק אין בית־מדרש אריין. ער איז ספּעציעל געגאַנגען פֿרי שלאָפֿן, כּדי צו קאָנען אויפֿהויבן זיך פֿאַרן אויפֿגאַנג פֿון מאָרגנשטערן.

דאָס פֿרומע יינגל האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג. ער האָט אויך געפֿאַסט פֿרייוויליק צוויי מאָל א וואָך, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. אומזיסט האָט די מאַמע זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל אויפֿהערן אָפּצוריכטן תּעניתים, ווייל ער קאָן נאָך חלילה קראַנק ווערן. ער איז אַזוי אויך געווען פֿיזיש שוואַך. זי האָט אָבער איר זון נישט געקאָנט איבערצייגן. ער איז באַשטאַנען, אז ס׳איז אַ מצווה צו פּייניקן דעם גוף, כּדי די נשמה זאָל בלייבן ריין.

אין עלטער פֿון צען יאָר האָט ער שוין געהאַט אַ נאָמען אַלס איינער פֿון די בעסטע תּלמוד־קענער. ער איז געשוווּמען ווי אַן אמתער עילוי אין דעם ים פֿון תּלמוד. ער האָט געקאָנט ציטירן פֿון אויסנווייניק גאַנצע בלעטער פֿון דער גמרא. ער האָט געקאָנט האַלטן וויכּוחים מיט רבנים וועגן הלכה אַזוי שאַרפֿזיניק, אַז מען האָט אים נישט געהאַלטן פֿאַר אַ תּלמיד, נאָר פֿאַר אַ גלייכן בן תּורה.

זיין שם אַלס גאון האָט זיך שנעל פֿאַרשפּרייט איבער דער שטאָט און, פֿאַרשטייט זיך, אַז טאַטע־מאַמע האָבן געשעפּט נחת. פֿונדעסטוועגן האָט עפּעס געמאַטערט דעם אַלטן ר׳ נתן טריביטש. עס האָט אים געשראָקן דאָס, וואָס זיין זון האָט זיך גענומען פֿאַרטיפֿן אין דער מיסטישער לערע. יצחק פֿלעגט זיצן ביז שפּעט ביינאַכט איבערן ספר הזוהר. דער טאַטע איז זיכער געווען, אַז זיין זון איז צו־יונג זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער מיסטישער לערע, ווייל דער איבערגאַנג פֿון מיסטיציזם צו אפּיקורסות איז אַ קורצער... אַזוי ווי די אבות אבותינו האָבן געלערנט: נישט

יעדער מענטש איז זוכה אַריינצוקוקן אין פּרדס (אין דער מיסטישער וועלט) און נישט געשטרויכלט ווערן...

דער באַזאָרגטער טאַטע האָט אויך באַמערקט, אַז זיין יינגסטער זון איז באַהערשט פון אַ מאָדנעם אומרו. ער איז ווי געטראָגן געוואָרן פון אַ שטורעם, זיינע אויגן האָבן געגליט מיט אַן אייביקן פייער און ער האָט זיך געפונען אין אַ שטענדיקער שטימונג פון אויפרעגונג. נישט איינמאָל האָט ער דעם פאָטער פאַרטרויט, אַז ער הערט אין שלאָף אַ געטלעכע שטימע, וואָס קומט גלייך פון הימל...

איינמאָל האָט ער באַשלאָסן, אַז ער מוז זיך לייגן שלאָפן אין די שיך, ווייל משיח קאָן צו יעדער מינוט קומען און דעריבער מוז ער זיין גרייט מיטצוגיין מיט אים...

ווען יצחק איז אַלט געוואָרן עלף יאָר און דער פאָטער האָט געזען, אַז ער ענדערט זיך נישט, איז ער אַוועק צום רבין נאָך אַן עצה.

— איך פּיל ביי זיך, רבי — האָט דער אַלטער נתן טריביטש געזיפצט — אַז מיין זון וועט סוף כל סוף אַנטלויפן פון הויז, ווייל דאָ ווערט אים ענג... עס ציט אים צו א ווייטער, פרעמדער וועלט און ער אַליין ווייסט נאָך נישט ווו די וועלט געפינט זיך... וואָס קאָן מען טאָן וועגן דעם, רבי? ווי אַזוי קאָן איך מיין זון באַרואיקן?

דער רבי האָט אויסגעהערט דעם באַזאָרגטן טאַטע, אָפּגעזיפצט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. עס זענען פאַראַן זאַכן, קעגן וועלכע דער רבי איז אויך הילפלאָז. די שטורמישע נשמה פון דעם קליינעם יצחק איז דאָך סוף־כל־סוף אין די הענט פון גאָט. ער, דער רבי אליין, האָט אויך נישט איינמאָל באַמערקט, אַז דער עילוי שפּאַצירט ארום אין ווייטע וועלטן. פונדעסטוועגן, כדי צו באַרואיקן דעם פאָטער, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— ווער זענען מיר דאָס, משטיינסגעזאָגט, אַז מיר זאָלן וועלן היילן די נשמה פון א גאון? מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז אייער יצחק איז געבוירן געוואָרן אום סאמע ערב ראש־השנה... אפשר דעריבער וויל ער שטענדיק זיך באַנייען און זיין נשמה גייט־אויס נאָך די ווייטע וועלטן...

— אָבער, רבי, מען מוז דאָך ראַטעווען דאָס יינגל! — האָט דער פאָטער געגרעדט מיט פאַרשטיקטע טרערן. — דאָס קינד איז מיר טייערער פון מיין אייגן לעבן און איך וויל אים נישט פאַרלירן, אַזוי ווי כ'האָב פאַרלוירן מיינע ערשטע צוויי זין...

האָט דער רבי רחמנות געקראָגן אויף דעם אומגליק־לעכן טאַטן, ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט צו דער הויך, ווי ער וואָלט געבעטן הילף ביים באַשאַפער אין הימל, און געזאָגט:

— בלויז פון רבונו של עולם קאָן קומען די רעטונג...

— כ'פאַרשטיי נישט — האָט דער דערשלאָגענער ר' נתן ווייטער גערעדט — פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ זאַך? ווי קומט עס, אַז מיין זון זאָל זיך פאַרנעמען מיט דעם זוהר? וואָס מיינט איר, רבי? זאָל איך ווערן שטרענג צו אים און פאַרווערן אים צו לערנען די דאָזיקע זאַכן?

— דאָס דאַרף מען נישט טאָן! — האָט דער רבי אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט. — און דערצו וועט עס נישט העלפן! אים ציט צו אויסטערלישע זאַכן און פאַרפאַלן! כ'ווייס נאָך איין זאַך: אויב ער וויל ווירקלעך זיך פאַר־נעמען מיט די סתרי תורה, וועט ער אַמאָל ווערן אַ גרויּ־סער מקובל...

— ער האָט דאָך אָבער אויך אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו אַוואַנטורעס! ער פּראַוועט ווילדע שטיק! כ'האָב מורא ער זאָל נישט ברענגען אַן אומגליק אויף זיך!

— אויך צו דעם איז נישטאָ קיין רפואה, נתן... און אויך דאָס ווייס איך, אַז אויב עס וועט אים ווייטער ציען, ווי דו זאָגסט, צו אַוואַנטורעס, וועט ער מיט דער צייט ווערן דער גרעסטער אַוואַנטוריסט אין דער וועלט...

— און אפשר ביידע זאַכן? — האָט דער פאָטער געלאָזט פאַלן.

— אפשר טאַקע ביידע זאכן... — האָט דער רבי נאָכ־געזאָגט.

ווי אַ טרינקענדיקער, וואָס וויל זיך ראַטעווען דורך אָנכאַפּן אַ שטרוי, אַזוי האָט דער אומגליקלעכער פאָטער

געזוכט פֿאַרשידענע וועגן ווי צו ראַטעווען זײַן קינד, עס זאָל נישט בלאָנדזשען אויף וויסטע וועגן.

— איצט, רבי, בין איך זיכער, אַז אַ בייזער טריפּהנער כוח יאָגט זיך נאָך אים... א דיבוק איז אפשר אין אים אַריין און מען מוז אים העלפֿן זיך צו באַפֿרייען פֿון די בייזע כוחות...

דער רבי האָט געשוויגן.

— רבי, כ׳בעט אייך מיט אַלע בקשות פֿון אַ פּשוטן בשר ודם: העלפֿט מיר אַרויסטרייבן פֿון אים דעם דיבוק...

— ס׳וועט נישט העלפֿן, נתן...

— פֿונדעסטוועגן, רבי, טוט דאָס פֿאַר מײַנעטוועגן... כ׳בעט אייך, רבי! העלפֿט מיר אַרויסטרייבן דעם דיבוק פֿון מײַן זון... כ׳וויל נישט, אַז דאָס געוויסן זאָל מיך פּלאָגן אין די שפּעטערע יאָרן, אַז אפשר האָב איך נישט געטאָן גענוג צו ראַטעווען מײַן זון...

— גוט — האָט דער רבי געענטפֿערט — כ׳וועל טאָן לויט דײַן ווילן...

מוצאי שבת, נאָך קידוש לבנה, איז ר׳ נתן מיט זײַן זון אַרויס פֿון דער שול, אָבער אַנשטאָט צו גיין אַהיים, זענען זיי אַוועק אין הויז פֿון רבין. דער פֿאָטער האָט נישט דערציילט דעם זון צוליב וואָס זיי גייען צום רבין. דער יונגער יצחק האָט געגלויבט, אַז דאָס וויל דער טאַטע מסתמא הערן ווי דער רבי זאָגט תורה...

אין דעם „חדר מיוחד״, אינעם אָפּגעזונדערטן צימער פֿון רבין, וואָס דער קליינער יצחק האָט ביז דאַן קיינמאָל נישט געהאַט געזען, זענען אויף אַ קליינעם טיש געשטאַנען צוויי שוואַרצע ליכט. ווי נאָר דער קליינער עילוי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, האָט דער רבי אים אַוועקגעזעצט אויף אַ גרויסער שטול, אים אײַנגעוויקלט אין אַ טלית און דערנאָך געהייסן דעם פֿאָטער ר׳ נתן אַרויסגיין.

אין דעם צימערל האָט געהערשט א טיפֿע שטילקייט. דער רבי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אַ דיקן ספֿר. זײַנע ליפּן האָבן געפּליסטערט אין דער שטיל אַ תּפֿילה.

דערנאָך האָט ער באַשווירן דעם „דיבוק", ער זאָל פאַר־לאָזן דעם גוף פון דעם ייִנגל. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך געווענדעט צום ייִנגל:

— יצחק, דער זון פון נתן! איך וויל דיר פרעגן אַ פּאָר פראַגן.

דאָס ייִנגל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— זאָג מיר, יצחק — האָט דער רבי ווײַטער גע־פרעגט — איז פאַראַן אַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס מאַכט דיך אומרואיק?

— ניין! — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט מיט אַ שוואַך קול.

— האָב נישט קיין מורא צו זאָגן דעם אמת — האָט דער רבי איצט גערעדט מיט אַ ווייכן טאָן. — איך וויל דיר העלפן. דערצייל מיר דעם אמת, פילסטו אפשר ווי אַ בייזער, אומגעזעענער כוח טרייבט דיך?

— ניין! — האָט יצחק פאַרעקשנט געענטפערט.

— אויב אַזוי, דערצייל מיר צי האָסטו חלומות בײַ־נאַכט?

בײַ די ווערטער האָט דאָס ייִנגל זיך דערשראָקן. דאָס האָט אָבער געדויערט אַ פּאָר סעקונדן. ער האָט געזאָגט:

— יאָ, רבי, כ'האָב געהאַט אַ חלום, אַ מאָדנעם חלום און אָט־דער חלום קומט צו מיר שוין אַ לענגערע צײַט יעדע נאַכט... אין דעם חלום זע איך ווי כ'קריך אויף אַ הויכן בוים מיט אַ סך צווײַגן. ביים קריכן אײַל איך זיך שטאַרק. איך קלעטער וואָס אַמאָל העכער, אַרויף, אַרויף — אָבער ווען כ'דערגרייך שוין צום שפּיץ בוים, צעברעכט זיך פּלוצים די צווײַג און כ'פאַל אַראָפּ... אָבער באַלד הייב איך זיך ווידער אויף און מיט נאָך מער אײַלעניש נעם איך ווידער קלעטערן צום שפּיץ בוים...

— פאַרוואָס אײַלסטו זיך אַזוי ביים קלעטערן אויפן בוים? — האָט דער רבי געפרעגט.

— כ'קאָן נישט אַנדערש, רבי... עפּעס אַ כוח שטויסט מיך כ'זאָל זיך אײַלן...

— ס'איז דאָך בעסער, אַז דו זאָלסט קלעטערן איבערן

בוים לאַנגזאַם, וועסטו זיכער דערגרייכן דעם שפּיץ און וועסט נישט אַרונטערפאַלן. צו וואָס איילסטו זיך?

— כ'קאָן נישט אַנדערש, רבי...

— דו דאַרפסט פּרובירן...

— כ'קאָן נישט! — האָט יצחק איצט גערעדט מיט אַ געבעט.

דאָ האָט דער רבי פּלוצים זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול. ער האָט אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש אַריין, אַז איין ליכט איז אַרונטערגעפאַלן אויף דר'ערד און ער האָט אויסגערופן מיט אַ הילכיק קול:

— אין נאָמען פון אַלץ וואָס איז הייליק פאָדער איך פון דיר, דיבוק, אַז דו זאָלסט צו רו לאָזן דעם יינגל יצחק בן נתן... פאַרלאָז זיין גוף, דיבוק! איך באַפעל דיר נישט אַראָפּצוטרייבן דאָס יינגל פון דעם גלייכן וועג...

פון דעם רבינס געשריי האָט דאָס יינגל זיך שטאַרק איבערגעשראָקן און מיט אַ ביטער געוויין איז ער אַרויס־געלאָפן און זיך אַ וואַרף־געטאָן אין די אָרעמס פון זיין פאָטער.

אָבער דער דיבוק איז נישט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דעם יינגל יצחק טריביטש. עס זענען פאַרביי טעג און וואָכן זינט ער איז געזעסן אין דעם חדר מיוחד פון רבין, אָבער דער בייזער כוח האָט נישט אויפגעהערט אים צו טרייבן.

דער פאָטער האָט געזוכט מיטלען ווי אַזוי אים אַרויס־צונעמען פון דער מיסטישער וועלט, פון די פאַרבאָרגענע ספרים, פון דעם „זוהר" און ער האָט אים אריינגעגעבן אין דער אַלגעמיינער יידישער שול אין שטאָט, וווּ מען האָט אויך געלערנט וועלטלעכע בילדונג. יצחק האָט פליי־סיק געלערנט אויסער אונגאַריש אויך אַנדערע שפּראַכן. ס'איז פאַרביי אַ קורצע צייט און ער האָט געקאָנט לייענען גריכיש און לאַטיין, חוץ העברעיש, וואָס ער האָט געקענט גאָר פליסיק. ער איז געווען דער בעסטער שילער אין זיין קלאַס. און אַז דער פאָטער האָט זיך אַרומגעזען, אַז די איבעריקע תלמידים זענען הינטערשטעליק, האָט ער אים

אַרויסגענומען פון דער שול און אים איבערגעגעבן צו אַ פּריוואַטן לערער.

ווען יצחק איז געוואָרן אַ בר־מצוה־בחור, האָט מען אים אויפגערופן אין שול צו מפטיר. ער האָט געהאַלטן אַ שיינע דרשה. אָבער שוין דעמלט האָט מען באַמערקט, אַז זיין צוגעבונדנקייט צו די הייליקע ספרים איז געוואָרן שוואַכער. ער האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט אריינצוקוקן אין תלמוד. איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז ער צוגעגאַנגען צום פאָטער און געזאָגט:

— ווייסט, טאַטע, וואָס כ'וועל דיר זאָגן? מיר איז ענג געוואָרן אין דער שטאָט פאַקס. כ'קאָן מער דאָ נישט בלייבן. איך וויל פאָרן קיין בודאַפּעשט.

דער פאָטער איז צעטומלט געוואָרן פון אַזאַ פאַר־לאַנג. ווי אַזוי קאָן ער גאָר איבערלאָזן אַלץ מיט אַן אַנדער און אַוועקפאָרן פון דאַנען? אין זיין שטעטל פּאַקס האָט ער פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן. אויפן אַלטן בית־עלמין געפינען זיך די קברים פון זיינע עלטערן און אור־עלטערן. מיט הונדערטער יאָרן צוריק זענען גע־קומען זיינע עלטער־זיידעס אַהער. ער אַליין, נתן, האָט דאָ זיין הויז אויסגעבויט און גאָט האָט אים באַשאָנקען מיט אַלדאָס גוטס. ווי אַזוי קאָן ער גאָר דערלאָזן דעם געדאַנק אויסצורייסן אַלץ מיטן וואָרצל, נעמען זיין פרוי, צעברעכן אַ היים און אַוועק אין דער ווייטער אומבאַקאַנ־טער וועלט?

ר' נתן איז שוין געווען אין די זעכציקער יאָרן און עס איז פאַר אים געווען צו־שפּעט אָנצוהויבן בויען אַ היים אין דער פרעמד. ער קאָן נישט פון דאָסניי זיך פאַרוואָרצלען אין אַ נייער סביבה. אָבער צי האָט ער דען געהאַט אַן אַנדערע ברירה? צוליב דעם, וואָס ער דאַרף ראַטעווען זיין זון, מוז ער שוין אַזאַ קרבן ברענגען.

נישט לאַנג האָט ר' נתן טריביטש זיך געקווענקלט. עס זענען קוים פאַרביי עטלעכע וואָכן, האָט ער פאַרפּאַקט זיינע זאַכן און צוזאַמען מיט זיין ווייב שרה און זיין זון יצחק איז ער געפאָרן קיין בודאַפּעשט.

קאַפּיטל דריי

ווען די פאַמיליע טריביטש איז אָנגעקומען אין בודאַפּעשט, די הויפּטשטאָט פון אונגאַרן, איז יצחק אַלט געווען פערצן יאָר. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אין דער גרויסער, ליכטיקער שטאָט. ער איז ארומגעגאַנגען איבער די גאַסן אַ פאַרשיכורטער. די ליכטער פון בודאַפּעשט האָבן אים פּשוט פאַרבלענדט. ערשט איצט האָט ער געקאָנט באַנעמען ווי גרויס ס׳איז געווען דער אונטערשייד פון דעם קליינעם שטעטל פּאַקס ביז בודאַפּעשט.

אין יענע יאָרן — ביים סוף פון נייַנצנטן יאָרהונדערט — איז די דאָזיקע וווּנדער־שיינע שטאָט אין דעם קעניגרייך פון קייזער פראַנץ יאָזעף געווען איינער פון די וויכטיקסטע צענטערס אין אייראָפּע. עס איז געווען די שטאָט פון שפּיל און פאַרווייילונג. די אָרקעסטערס האָבן געשפּילט די וואַלסן פון שטראַוס, די מאַסקאַראַד־בעלער זענען געווען אַ גאָר אָפטע דערשיינונג. די טעאַטערס זענען געווען שטענדיק געפּאַקט און ווער עס איז נאָר דאַן אריינגעפאַלן אין בודאַפּעשט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די מענטשן האָבן דאָ נישט קיין אַנדערע באַשעפטיקונגען ווי נאָר זוכן לוסטיקן צייט־פאַרטרייב.

וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט די גרויסע שטאָט געהאַט אויף יצחקן? ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ גרויסער פרייד, וואָס ער געפינט זיך אין בודאַפּעשט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט אים גענאָגט אַ צער און אַ פאַרדרוס פאַרוואָס ער האָט פאַרשווענדעט זיינע ערשטע פערצן יאָר פון זיין לעבן אין דעם קליינעם שטעטל, אין קלויז, צווישן טונקעלע ווענט, איבערגעבויגן איבער ספרים און זיך געפירט ווי אַ נזיר.

און כדי זיך אָפּצונעמען פאַר דער פאַרלוירענער צייט, האָט יצחק באַשלאָסן איצט צו געניסן פון אַלץ אין אַ

דאָפּלטער מאָס! ער וועט געניסן פֿון אַלע פֿאַרגעניגנס אין לעבן, אָבער ער וועט זיך מוזן איילן אום צו קריגן זיין פֿולע מאָס פֿאַרגיטיקונג פֿאַר די פֿאַרשפּילטע פֿערצן יאָר.

זיין פֿאָטער האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ הויכשול, אָבער זיין קאָפּ איז מער נישט געווען צום לערנען. פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע קענטענישן און שנעלער אָריענטאַציע צווישן אַלע סטודענטן. ער האָט כמעט נישט אָפּגעגעבן קיין צייט אויף צוצוגרייטן זיינע לעקציעס און פֿונדעסטוועגן איז ער איבערגעשטיגן אַלעמען מיט זיין שנעלן וויסן.

מיט אַ נישט־געשטילטן הונגער האָט ער איצט זיך אריינגעוואָרפֿן אין דעם הולטייסקן לעבן. געלאָפֿן צו מאַסקאַראַד־בעלער, געשפּילט קאָרטן. אומזיסט האָט דער אַלטער טאַטע זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל כאָטש אַריינשטעלן אַ פֿוס אין שול אין די שבתים און יום־טובֿים. זיינע תחנונים האָבן קיין שום ווירקונג אויף דעם זון נישט געהאַט. איינמאָל איז ער אַוועק פֿון דער שול און מער האָט ער זיך נישט געוואָלט אומקערן אַהין. און דאָס האָט ער נישט געטאָן בלויז ווייל ער האָט געפֿילט אַ ווידערווילן צו דער שול, נאָר ווייל דער גאַנצער יידישער לעבנסאַרט איז אים נמאס געוואָרן. ערשט מיט צוויי יאָר צוריק איז ער געווען פֿאַרעקשנט אין זיין אמונה, גרייט צו קעמפֿן פֿאַר זיין יידישן גלויבן. ווען מען האָט אים דעמלט אין דער שול געגעבן צו לייענען אַ ליד, ווו עס איז געווען דערמאָנט דער נאָמען פֿון ישו הנוצרי, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן.

אָבער דאָ, אין בודאַפּעשט, עס זענען קוים פֿאַרביי עטלעכע וואָכן און ער האָט שוין פֿאַרלאַנגט פֿון זיין פֿאָטער, אַז ער זאָל אָפּשניידן זיינע פּיאות. ער האָט נישט געוואָלט פֿאַרשעמט ווערן פֿאַר זיינע קאָלעגן, די סטודענטן. ער האָט שוין אפֿילו נישט געוואָלט זיך ווייזן פֿאַר מענטשן צוזאַמען מיט זיינע עלטערן. עס איז פֿאַר אים געווען אַ שאַנדע געזען צו ווערן נעבן אַן אַלטן ייד מיט אַ באָרד און אַ יידענע מיט אַ שייטל...

גאַר שנעל האָט דאָס יינגל זיך צוגעפּאַסט צו דער נייער סביבה. ער האָט זיך גיך אַסימילירט און זיך באַמיט נישט אויסצוגעבן זיך אַלס ייד. דאָס איז געווען שטאַרק אין דער מאָדע אין יענער צייט. פיל יידן האָבן זיך גע־שעמט אָנצוגעבן זייער יידישן אָפּשטאַם אין דער געזעל־שאַפט. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אויך אָנגעזען אין אַלע קרייזן, און די וועלכע האָבן געוואָלט דערגיין צו אַ קאַריערע, האָבן זיך געשמדט.

יצחק טריביטש האָט דאָס אַלץ געפילט אויף זיין אייגענער הויט. נאָכדעם ווי ער איז אַ פּאָר מאָל באַפאַלן געוואָרן פון אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס אינמיטן גאַס, האָט ער באַשלאָסן, אַז דער בעסטער מיטל קעגן די יידן־פיינט איז זיך צוצופּאַסן צו זייער אַרט לעבן.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט געוווּנען די פריינטשאַפט פון די קריסטלעכע סטודענטן. ער האָט געהאַט אַ סך געלט און גאָר אָפט האָט ער איינגעאָרדנט הוליאַנקעס. פרויען זענען אים נאָכגעלאָפן און יונגע מייד־לעך האָבן געקלעפּט אַרום אים ווי בינען. ער האָט פאַר זיי געשריבן ליבעס־לידער און געטאַנצט מיט זיי די באַל־קאָנישע טענץ. ער איז געוואָרן דער צענטער פון אויפ־מערקזאַמקייט.

ער איז נישט געווען יינגער פון די אַנדערע סטודענטן, אָבער זיינע אויגן, זיין רירעוודיקייט און זיין ברען האָבן אים געגעבן דעם אויסזען פון אַן 18־יאָריקן בחור. גאָר גיך איז ער געוואָרן דער אָנפירער פון זיין קרייז.

אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן פון בודאַפּעשט האָט מען אַ סך געהערט וועגן אים און ס'האָבן זיך שוין געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געזוכט זיין געזעלשאַפט. דער יונגער סטודענט האָט דאָס אויסגענוצט פאַר זיך. עס איז נישט געווען קיין טיר אין יענע הויכע פענצטער וואָס זאָל זיך נישט עפענען פאַר אים. ער איז געווען באַקאַנט אַלס דער „לוסטיקער איגנאַץ". און כדי אַרויסצורופן מער אויפמערק־זאַמקייט צו זיך, האָט ער אויך אָנגעהויבן זיך אָנצוטאָן פּראַנטיש: שרייענדיק־קאָלירטע העמדער, פאַרביקע קראַ־

וואַטן און געפּרעסטע פּראַקן. צו דעם יערלעכן סטודענטן־באַל פלעגט ער קומען אין אַ צילינדער־הוט. די געסט האָבן אפילו געלאַכט דערפון, אָבער ער איז זיכער געווען, אַז אָט־די קליידונג גיט אים צו ווירדע.

זיין דערפאָלג און זיין פּאָפּולאַריטעט אין די קריסט־לעכע קרייזן אין בודאַפּעשט האָבן אַרויסגערופן גרויס זאָרג ביים אַלטן פּאָטער. ער האָט זיך געשראָקן, אַז עס איז אים חלילה באַשערט צו פאַרלירן זיין מוזיניק פּונקט ווי ער האָט פאַרלוירן זיינע ערשטע צוויי זין. און צומייסטנס האָט ער מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט פאַרליבן זיך אין אַ גויאיש מיידל און זיין געצוווּנגען זיך צו שמדן.

און ווירקלעך, ס׳איז געווען אַ גרונט פאַרוואָס דער אַל־טער האָט זיך געשראָקן. ווען איגנאַץ איז אַלט געוואָרן 16 יאָר, האָט די הויפּטשטאָט פון אונגאַרן געקאָכט מיט אַ ליבעס־סקאַנדאַל. די העלדן פון דער אַוואַנטוריסטישער ליבע זענען געווען יצחק טריביטש און פּאַולאַ.

פּאַולאַ, אָדער ווי מען האָט זי גערופן „די שיינע פּאַולאַ״, נאָכדעם ווי זי איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס די שיינהייטס־קעניגין אין דעם יערלעכן קאַרנאַוואַל — איז געווען די טאָכטער פון אַן אונגאַרישן גענעראַל. זי איז געווען אַ באַרימטע אַקטריסע און מען האָט זי גע־האַלטן אַלס דעם „ליכטיקסטן שטערן״ אין דעם בודאַפּעשט־טער טעאַטער. מען האָט זי פאַרגליכן צו דער באַרימטער פראַנצויזישער אַקטריסע סאַראַ בערנאַרד. זי איז אינגאַנצן אַלט געווען 22 יאָר ווען זי איז געווען אויפן העכסטן שטאַפּל פון דערפאָלג. אירע בינע־אויפטריטן האָט זי אָנגעהויבן נאָך אין די קינדער־יאָרן.

אין אונגאַרן פלעגט מען רעדן, אַז נאָכדעם ווי קלעאָ־פּאַטרע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד מיט דעם גיפט פון איר אייגענעם שלאַנג, איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן אַזאַ קלאַסישע שיינהייט ווי פּאַולאַ. צומייסטן האָט זי באַצווי־בערט מענטשן מיט ספּעציפישע צוויי זאַכן: אירע פלאַ־מענדיקע גרינע אויגן און איר טיפע, ראָמאַנטישע שטים. ווען זי איז געשטאַנען אויף די ברעטער פון דער בינע

און דעקלאַמירט אירע קלאַסישע ראָלן, האָבן הערצער אויפגעציטערט און געמיטער האָבן אויפגעשטורעמט. טויזנטער מענטשן פלעגן זי אָפּוואַרטן ביי די טירן פון טעאַטער נאָך דער פאָרשטעלונג, אָבער זי האָט שטענדיק אַזוי איינגעאָרדנט, אַז זי זאָל פאַרשווינדן דורך אַ הינטער־טיר. אירע פאַרערער האָבן זיך פּשוט געשראָקן, אַז זי זאָל נישט צעטראָטן ווערן דורך אירע טויזנטער באַגייסטערטע פּאַטריאָטן.

אַלעמען האָט זי געקאָנט אויסמיידן, אָבער נישט דעם פאַרערער איגנאַץ טריביטש. בלויז איינמאָל האָט ער זי געזען שפּילן אין שעקספּירס פּיעסע „ראָמעאָ און יוליאַ״, און זיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען נאָך איר. ער האָט דעמלט באַנומען, אַז די פּרווּ האָט אים געפאַנגען, אַז ער איז פאַרליבט אין איר. ער איז אָבער געווען גענוג קלוג צו וויסן, אַז ער וועט דאַרפן פירן אַ קאַמף צו געווינען איר האַרץ. ער איז זיכער געווען, אַז זיינע כוחות זענען גרעסערע פון ראָמעאָ אויף דער סצענע, און אַז ווען ער נעמט זיך אונטער וועט ער זי געווינען...

אָבער נישט אַזוי לייכט איז אים אָנגעקומען זיך צו געפינען אין דער נאָענטקייט פון פּאַולאַ. זי האָט שוין דאַן געהאַט גענוג געליבטע, אָדער אַזוינע מענער וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי זענען אירע ליבהאָבער. די דאָזיקע פּריווילעגירטע מענער זענען געווען פּאַולאָס לייב־וועכטער. זיי האָבן די שיינע אַקטריסע געהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג. אויסער דעם האָט זי נאָך געהאַט אַ „פּערזענלעכן אויפזעער״, דעם אונגאַרישן אינערן־מיניסטער. דער מיניסטער איז שוין געווען 65 יאָר אַלט, אָבער אַלס קעבסווייב האָט ער זיך אויסגעקליבן דווקא די 22־יאָריקע פּאַולאַ.

זי האָט זיך שטענדיק געפונען אין זיין קרייז. זי האָט גענאָסן פון זיין רייכטום און זיין מאַכט.

איגנאַץ טריביטש האָט געמאַכט פאַרשידענע פּלענער ווי אַזוי זי צו באַגעגענען, אָבער די באַקאַנטשאַפט מיט איר איז געראָד געקומען דורך אַ צופאַל.

איינמאָל איז ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע סטודענטן

געפאָרן אויף אַ דאַמפּער־שיף איבערן טײַך דונאַי. דאָס איז געווען נאָך דער גראַדואירונג־פֿייערונג אין פרילינג־צײַט. איגנאַץ איז געווען באַקאַנט מיט זײַן לוסטיקייט און ענער־גיע ביים דורכפירן אונטערנעמונגען, און אויך דאָס מאָל איז ער געווען דער אָנפירער אויף דער טײַך־עקסקורסיע. פלוצים האָט עמעצער אים געלאָזט וויסן, אַז אויף דער דאַמפּער־שיף געפינט זיך אויך די באַרימטע אַקטריסע פּאַולאַ. ווי נאָר ער האָט דאָס דערהערט, איז ער זיכער געווען, אַז דאָס איז זײַן גרויסע געלעגנהייט.

ער האָט זיך גלײַך פאַרשטעלט פאַר אַ טרובאַדור, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַרויסווייזן ליבע צו פרויען. ער האָט פאַר איר געזונגען איטאַליענישע ראָמאַנסן, און געזונגען האָט ער זיי מיט אַזוינע זשעסטן און מיט אַזעלכע האַרץ־רייסנדיקע טענער, אַז ער איז געוואָרן דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט צווישן אַלע פּאַסאַזשירן. ער האָט אויך אָנגעפירט מיט די טענץ, מיט די שפּילערייען און דיריגירט דעם אָרקעסטער.

זײַן מי איז נישט געווען אַרויסגעוואָרפן. ער איז גאָר גיך באַמערקט געוואָרן פון דער „שיינער פּאַולאַ״. זי האָט נישט געוואָרט מען זאָל אים פאַרשטעלן פאַר איר. זי איז אַליין צוגעגאַנגען צו איגנאַץ טריביטשן און נאָכן איבער־רעדן די ערשטע פּאָר ווערטער, האָט זי צו אים געזאָגט אין אַן ערנסטן טאָן:

— איך ווייסט, איגנאַץ, אַז איר וועט אַמאָל ווערן דער טראַגישסטער אַקטיאָר אין אונגאַרן?

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי? — האָט ער נאַיוו גע־פרעגט.

— איך קאָן דאָס אַרויסלייענען פון אייערע אויגן.

— פאַרוואָס דורכויס אַ טראַגישער אַקטיאָר?

— ווייל די ליידן פון יידישן פאָלק קוקן אַרויס פון אייערע אויגן...

ער איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. הייסט עס, אַז אויך זי האָט אַנטדעקט, אַז ער איז אַ ייד. ער איז אָבער

באַלד געוואָרן זיכער ביי זיך און זיין איינגעבוירענער שטאָלץ האָט אין אים דערוואַכט. ער האָט געזאָגט:

— ס'קאָן זיין, אַז איר זענט גערעכט... איך דאַרף טאַקע ווערן אַן אַקטיאָר. כ'קאָן אייך אָבער פאַרזיכערן, פּאַולאַ, אַז עס וועט גאָרנישט לאַנג דויערן און די גאַנצע וועלט וועט ווערן מיין בינע...

זי האָט נישט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון זיינע ווער־טער, און אפשר האָט זי נישט געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן, אָבער אַ לענגערע צייט האָט זי אים באַטראַכט מיט אירע שיינע אויגן און געוואָלט דערגיין: וואָס איז דער צויבער און די צוציאונגס־קראַפט פון אָט־דעם יונגנ־מאַן? ס'איז איר שווער געווען איינצושטימען, אַז ער געהערט צו די שיינע מענער. ער איז אפשר געווען ווייניקער פון מיטעלן וווקס, זי אַליין איז געווען העכער פון אים. ער האָט נישט געהאַט קיין סימעטרישע שטריכן אין זיין געזיכט. ער האָט אָבער געהאַט אַ פּאָר אויגן, אַ פּאָר פּיי־ערדיקע אויגן, וואָס האָבן גערופן מיט כישוף.

נאָך דער דאָזיקער ערשטער באַגעגעניש האָט פּאַולאַ אָפטער זיך גענומען טרעפן מיט איגנאַצן. צוערשט זענען די באַגעגענישן פאָרגעקומען אין די אָוונטן און אין זייטיקע קאַפע־הייזער, אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צוגעוווינט צו טרעפן זיך אויך בייטאָג. ער האָט זי אָנגעהויבן צו באַגלייטן צו די טעאַטער־פּראָבעס און דאָרט האָט זי אים אויך געגעבן די ערשטע דראַמאַטישע לעקציעס. ווען עס איז אַריבער אַ שטיקל צייט איז דאָס פּאָרל שוין געווען פאַרליבט איינס אין דאָס אַנדערע. זיי האָבן געדונגען פאַר זיך אַ קליינע וווינונג אין דעם אַקטיאָרן־קוואַרטאַל, אין מערב־טייל פון בודאַפּעשט. איגנאַץ האָט אויפגעהערט צו קומען אהיים צו זיינע עלטערן.

ווען פּאַולאַ האָט זיך מער נישט געוויזן אין הויז פון אונגאַרישן אינערן־מיניסטער, איז דער מיניסטער געווען צעטומלט און נישט געוווסט וואָס דאָ האָט פּאַסירט. אָבער ווען זיינע פּריוואַטע דעטעקטיוון האָבן אים איבערגעגעבן, אַז זי איז אַנטלאָפן מיט דעם סטודענט טריביטש, איז ער

געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט באַשלאָסן נקמה צו נעמען אין זיין יונגן קאָנקורענט. און וואָס אים האָט צומערסטן פאַרדראָסן איז געווען דאָס, וואָס זי האָט אויפגעגעבן זיין לוקסוס־פּאַלאַץ און איז אַוועק וווינען אין אָרעמע צימערלעך מיט אַן אַרומשלעפּער, וואָס קאָן איר נישט צושטעלן די אַלע באַקוועמלעכקייטן וואָס זי פאַרדינט...

דער מיניסטער האָט זיך געקאָכט און געצאָרנט. ער האָט פּרובירט מיט איר רעדן מיט גוטן זי זאָל צו אים צוריקקומען. ווען דאָס האָט קיין ווירקונג אויף פּאַולאַן נישט געהאַט, האָט ער באַשלאָסן אים צו רופן אויף אַ דועל, און זאָל די שווערד דעצידירן ווער עס דאַרף בלייבן דער ליבהאָבער פון דער שיינער פּאַולאַ. זיינע באַקאַנטע פירשטן און מיניסטאָרן האָבן אים אָפּגערעדט פון אַזאַ ריזיקאַלישן שריט. נאָך אַלעם איז ער דאָך אַ מאַן פון 65 יאָר און זיין קאָנקורענט איז נאָך אַ ייִנגל, און דערצו אַ ייִד! ער וועט דאָך זיין דער געלעכטער פון גאַנץ אונגאַרן! ער וועט זיין צו שאַנד און צו שפּאָט, און דער סקאַנדאַל קאָן נאָך דערפירן צו אַ קריזיס אין דער רעגירונג.

פונדעסטוועגן, ווי מען זאָל נישט האָבן פּרובירט דערשטיקן דעם שטילן סקאַנדאַל איבער דער שיינער פּאַולאַ, איז די נייעס דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט. די סענסאַציאָנעלע פּרעסע אין בודאַפּעשט האָט געשריבן טאָג־איין, טאָג־אויס וועגן די ליידן פון דעם פאַרליבטן 65־יאָריקן מיניסטער. דערצו איז דער סטודענטן־פאַרבאַנד געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר טריביטשן, אַז אויב עמעצער איז באַרעכטיקט צו געווינען די ליבע פון דער שיינער אַקטריסע, איז עס דער סטודענט איגנאַץ טריביטש. ס'האָבן זיך אפילו געפונען אַ פּאָר היציקע סטודענטן, וואָס האָבן געשיקט אַ דראָאונגס־בריוו צום מיניסטער, אַז זיי וועלן אים אַראָפּראַמען פון וועג, אויב ער וועט טשעפּען מיט זייער קאָלעגע.

דער אַלטער ר' נתן טריביטש האָט זיך דערוווסט וועגן דער געהיימער ליבע פון זיין זון מיט דער שיקסע און זיין האַרץ האָט אים קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. ווען ער האָט

צום ערשטן מאָל געלייענט אין די ציַיטונגען די נייעס וועגן זיין זונס שטרייט מיט דעם אונגאַרישן מיניסטער, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ערשט איצט האָט ער דערזען דעם גאַנצן אָפּגרונט, וואָס טיילט אים אָפּ פון זיין זון. עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז דער צעבראָכענער פאָטער האָט זיך דערוווּסט ווּ זיין מוזיניקל וווינט. ער איז אַריבערגעגאַנגען צו אים און פּרובירט אים אומקערן אויפן גלייכן וועג.

— זון מייַנער! — האָט ער געזאָגט מיט אַ בעטנדיק קול. — דו ווייסט דאָך, אַז דו ביסט ביי מיר דאָס טייערסטע אין מיין וועלט. זאָג מיר, ווילסטו טאַקע מיר און דיין מאַמען פאַרשאַפן אַזויפיל צער?

— גלויב מיר, פאָטער מייַנער — האָט איגנאַץ געענט־פערט — אַז וואָס איך טו, מיין איך נישט דיר קיין צער צו פאַרשאַפן. איך טו אפשר שלעכטע זאַכן אָן מיין אייגע־נעם וויסן... עפּעס אַ ווילדער כוח און אפשר אַן אַוואַנטור־ריסטישער גייסט שטויסט מיך דערצו...

דער אַלטער פאָטער האָט געשוויגן. ער האָט גוט גע־ווּסט, אַז זיין זון זאָגט נישט קיין ליגן. ווייזט־אויס, אַז דער „דיבוק" איז מיט יאָרן צוריק נישט אַרויסגעטריבן גע־וואָרן פון אים. דער רבי איז דאָך דעמלט אַזוי גערעכט געווען. יצחק איז שוין קליינערהייט געווען אַ פאַרלוירענער. ווהין וועט איצט זיין נייער וועג אים פירן?

— מיין זון, קער זיך אום צו מצוות! קער זיך אום צום בית־מדרש! דאָרט וועסטו געפינען דיין גייסטיקע רו.

— ניין, טאַטע! דאָס וועסטו קיינמאָל ביי מיר נישט אויספירן! — האָט איגנאַץ זיך פלוצים צעבייזערט. — אַהינצו וועל איך קיינמאָל נישט צוריקגיין! די שול, דער בית־מדרש האָבן מיך שיער נישט דערשטיקט! מיר איז דאָרט ענג געוואָרן. פאַרוואָס פאַרשטייסטו דאָס נישט, טאַ־טע? אפילו דער תלמוד — די גאַנצע טיפע, פאַרפלאָנטערטע לערע האָט נישט קיין לעבן אין זיך...

ביי די רייד איז דער פאָטער אויפגעציטערט געוואָרן.

אַזוי האָבן דאָך אַמאָל גערעדט צו אים די צוויי עלטערע זין. אַ רעזיגנירטער האָט ער געפרעגט:

— אויב אַזוי, זאָג מיר מיין זון, וואָס וועט פון דיר ווערן? מיט וואָס וועסטו זיך באַשעפטיקן שפּעטער?

— מיין פּלאַץ איז אין טעאַטער, פאָטער! — האָט איגנאַץ אַנטשלאָסן געזאָגט. — איך מוז ווערן באַרימט, טאַטע! איך מוז האָבן ארום זיך מענטשן, וואָס זאָלן מיך באַוואונדערן. די וועלט וועט נאָך טומלען מיט מיין נאָמען. וועסט הערן וועגן מיר, פאָטער!

דער טאַטע האָט מער נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. זיין האַרץ האָט זיך איינגעקאָרטשעט פון פּיין, ווי מען וואָלט דאָרט געשטאָכן מיט שפּילקעס. אויף וואָס וועט זיין זון איינטוישן דעם עולם הבא? אויף פּוסטע שפּילע־רייען! אויף דברים בטלים! געוואָלט האָט ער פון אים מאַכן אַ רב, אַ מדריך, אַ וועגווייזער, אָבער אַנשטאָט דעם אַלעם וויל ער גאָר ווערן אַ פּאַיאַץ, אַ קאָמעדיאַנט, וואָס וועט האָבן איין אויפגאַבע — צו פאַרוויילן די פּוסט־און־פּאַסט־ניקעס אין דער גרויסער שטאָט.

— כ'זע אַז דו ביסט דערשעפּט, מיין זון! — האָט ר' נתן ווייך גערעדט. — ביסט מיד פון לערנען. כ'האָב פאַר דיר אַ פאָרשלאַג און כ'וויל זאָלסט דעם פאָרשלאַג אָננעמען. כ'וועל דיר געבן געלט און אַז ס'וועט קומען דיין וואַקאַציע־צייט, זאָלסטו אַוועקפאָרן אויף אַ לענגערן שפּאַציר קיין איטאַליע, קיין פּאַריז און קיין לאָנדאָן...

די אויגן ביי איגנאַצן האָבן אויפגעלויכטן. אויף אַזאַ פאָרשלאַג האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט דאָך אַלע יאָרן געחלומט זיך אַוועקצולאָזן אין די ווייטקייטן, אויס־שפּרייטן ווי אַן אָדלער זיינע פליגלען איבער פרעמדע לענ־דער. וואָס מער מענטשן ער וועט באַגעגענען, וואָס מער שטעט ער וועט באַזוכן, אַלץ גרעסער און רייכער וועט ווערן זיין וועלט. פּאַריז איז דאָך שטענדיק געווען פאַר אים אַ כישוף־וואָרט. מען האָט שטענדיק געזאָגט וועגן בודאַפּעשט, אַז זי איז די „קליינע פּאַריז". איצט וועט ער האָבן די געלעגנהייט צו זען די אמתע וועלט־שטאָט פּאַריז.

ער האָט אָנגענומען זיין פּאָטערס פאָרשלאָג, און אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן האָט ער פאַרבראַכט אין פּאַריז. פון דאָרט איז ער אויך געפאָרן קיין צפון־ און דרום־אַמע־ יקע. פּאַריז, די „שטאָט פון ליכטער", האָט גלייך געפאַנגען זיין האַרץ. ווען ער זאָל האָבן געגנוג געלט, וואָלט ער דאָרט געבליבן ווינען עטלעכע יאָר. זיין אייגנטלעכער ציל איז געווען צו אַנטלויפן פון הויז, צו זיין וואָס ווייטער פון זיין היימלאַנד און זיך צו באַפרייען פון די „קייטן פון יידיש־ קייט".

אין פּאַריז האָט ער זיך אויך דערוווסט, אַז מענטשן פון גאַנץ אייראָפּע עמיגרירן קיין אַמעריקע און די נייע וועלט האָט ברייט געעפנט די טויערן פאַר אַלע, וואָס ווילן איינוואַנדערן אַהין, און אין די גאַסן פון יענע ווייטע שטעט וואַלגערט זיך גאָלד. איגנאַץ טריביטש האָט באַשלאָסן צו גיין אין די טריט פון קאָלאָמבוסן און אַריבערפאָרן די גרויסע אָקעאַנען.

אָבער ווען ער איז אין יענער צייט אָנגעקומען אין דער נייער וועלט, איז ער שטאַרק אַנטוישט געוואָרן. ער האָט אָנגעזאַמלט אַ סך דערפאַרונגען, אָבער נישט קיין געלט. ער האָט דערזען, אַז אויך אין אַמעריקע געפינען זיך — פּונקט ווי אין יעדן ווינקל אויף גאָטס ערד — רייכע און אָרעמע, און אַז אַן אימיגראַנט אין דער נייער וועלט מוז גאָר שווער אַרבעטן אויפן שטיקל ברויט.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין אונגאַרן, איז ער געווען רייפער ווי מיט פולע צוואַנציק יאָר. ער האָט דערציילט דעם פּאָטער, אַז ער וועט אויפגעבן אַ סך פון זייגע אַלטע פּלענער, און קודם וועט ער איבעררייסן דאָס שטודירן. עס פעלט אים געדולד צו לערנען און קיין דיפּלאָם וועט אים סיי־ווי שפּעטער נישט העלפן. קיין פּראָפעסאָר וויל ער נישט ווערן, און אויב עס וועט אים געלונגען צו זיין אַן אַקטיאָר, וועט מען אים אויף קיין דאָקטאָר־דיפּלאָם נישט פרעגן.

עס האָבן נישט געהאָלפן די בעטענישן פון דעם אַלטן טאַטן. איגנאַץ איז געבליבן ביי זיין באַשלוס.

כדי אָנצוקומען אין דער דראַמאַטישער שול אין בודאַ־

פעשט, האָט ער קודם־כל געמוזט איבעררייסן אַלע זיינע פאַרבינדונגען מיט יידן. עס האָט געמיינט, אַז ער מוז זיך פשוט שמדן. פון דעם האָט ער זיך נישט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. ער איז גרייט געווען צו ווערן אַ קריסט. די צרה איז אָבער געווען, אַז אויב ער וועט זיך שמדן, וועט ער מער נישט קריגן קיין געלט פון די עלטערן. דער פאָטער וועט מסתמא זאָגן נאָך אים קדיש, רייסן קריעה, זיצן שבעה און אים וועלן אַרויסטרייבן פון זיין געדעכעניש...

איצט האָט ער געהאַט איין זאָרג: ווו נעמט מען געלט, כדי זיך צו קאָנען אויסהאַלטן, ביז ער וועט ענדיקן די דראַמאַטישע שול? ער האָט געזוכט פאַרשידענע פלענער און ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וועט פּרובירן שרייבן פאַר אַ פאָר צייטונגען. ער איז דאָך שוין אויסגעפאָרן פיל לענ־דער, איינגעזאַפּט א סך איינדרוקן, דורכגעמאַכט פאַרשידענע דערפאַרונגען און ער האָט וואָס צו דערציילן דער וועלט.

געטראַכט, באַשלאָסן און געטאָן. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע רייזע־אַרטיקלען, דערציילט אַז ער האָט געהאַט אַן אינטערוויו מיט דעם גרויסן אַמעריקאַנער דערפינדער טאָמאַס עדיסאָן (ווער האָט דאָס דען געקאָנט אָפּלייקענען?). ער האָט באַשריבן די מנהגים פון די רויט־הויטיקע אינדיאַ־נער, פון שוואַרץ־הויטיקע נעגערס, און דעם מאַטעריאַל האָט ער איבערגעגעבן צו דעם סענסאַציאָנעלן בלעטל „עגיע־טערטעס". די רעדאַקציע האָט זיינע באַשרייבונגען אויס־געכאַפּט און אים גוט באַצאָלט דערפאַר.

איגנאַץ איז אינגאַנצן אַלט געווען 18 יאָר, ווען ער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס זשורנאַליסט. אין בודאַ־פעשט האָט מען געלייענט זיינע באַשרייבונגען מיט פאַר־כאַפּטן אָטעם, ווי דאָס וואָלטן געווען די מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט...

דעם האָנאָראַר וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער פאַר־נוצט אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן. ער האָט זיך אָבער געבוריטיקט אין נייע געלט־קוואַלן, איז אים איינגעפאַלן אָנצו־הויבן אַ נייע אַוואַנטורע. ער איז דאָך נאָך קיינמאָל פריער נישט געווען אין לאָנדאָן און די גרויסע שטאָט איז דאָך

דער צענטער פון דער ענגלישער אימפּעריע. ווער ווייסט? אפשר וואַרטן אויף אים דאָרט גרויסע מעגלעכקייטן?

ער האָט ווידער נישט געטראַכט צו־לאַנג. אָן עמעצן צו לאָזן וויסן, האָט ער געקויפט אַ בילעט קיין לאָנדאָן, נישט דערציילט קיין וואָרט טאַטע־מאַמע וועגן זיין נייעם פּלאַן, און מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן זיינע פיס שוין געטראָטן אויף דער ערד פון ענגלאַנד.

קאַפּיטל פיר

איידער איגנאַץ טריביטש איז געפאָרן קיין לאָנדאָן, איז ער אַוועק זיך געזעגענען מיט פּאַולאַן. ווער ווייסט — האָט ער געטראַכט — ווי לאַנג ס'וועט אים אויסקומען צו בלייבן אין ענגלאַנדס הויפּטשטאָט?

ס'איז געווען אַ גאָר וואַרעמע נאַכט אין סאַמע מיטן זומער. אין דער לופט איז געהאָנגען אַ שווערע שטיקעניש. פּאַולאַ, איינגעהילט אין אַ דינעם, טיולענעם שלאָפראָק, איז געזעסן ביי דער פּיאַנאָ און אויסגעשפּילט די ראַפּסאָדעס פון דעם קאָמפּאָזיטאָר ליסט. די קלאַנגען זענען געקומען דורך די אָפענע פענצטער פון איר וווינונג און זייער עכאָ האָט אָפּגעקלונגען וויט און ברייט.

ווען ער האָט געעפנט די טיר, האָט גראָד אויסגעקלונגען דער זייגער. פּאַולאַ האָט באַמערקט ווי ער איז אַריינגעקומען. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין זיין זייט און אויף איר געזיכט האָט זיך אויסגעגאָסן אַ לייכטער, קאָקעטישער שמייכל. זי האָט אָבער נישט איבערגעריסן דאָס פּיאַנאָ־שפּילן. ער האָט פאַרזיכטיק הינטערווײלעכץ געשפּרייזט מיט דער זיכערקייט, אַז זי הערט אים נישט...

ווען ער איז שוין געשטאַנען נאָענט הינטער איר, האָט ער זי אַריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס מיט אַזאַ קראַפט, ווי מען קלאַמערט צו זיך אַ הילפלאָז געפאַנגען פייגעלע. ער האָט זי געקושט איבערן געזיכט, אין די אויגן, אויף די ליפּן און איבער איר ווייסן האַלז. אַ האַלב־פאַרחלשטע האָט

פּאַולאַ נאָכגעלאָזט אירע הענט פון די קלאַווישן און אַ נישט האַרמאָנישער אַקאָרד האָט זיך צעקלונגען איבערן צימער.

— פּאַולאַ! מיין פּאַולאַ... — האָט ער איר געפּליסטערט אין די אויערן. — אַזאַ צאַרטע פרוי האָט נאָך גאָט קיינמאָל פריער נישט באַשאַפן...

זי האָט זיך געצאַפּלט אין זיינע אָרעמס, און ענדלעך אים אַ קוש־געטאָן איבער זיין באַק.

— יעדער מאָן האָט זיך זיינע חלומות! — האָט זי גע־רעדט מיט איר טיפער, רייצנדער שטים. — פאַראַן אַזוינע מענער וואָס זעען אין מיר בלויז צאַרטקייט און פאַראַן אַזוינע וואָס זאָגן, אַז איך בין ברוטאַל... ווער, אלזאָ, איז דאָ גערעכט?

— אַלע זענען גערעכט! — האָט ער זי נישט געלאָזט וואַרטן אויף אַן ענטפער. — דו האָסט אַזאַ סאָרט צויבער, וואָס מען געפינט נישט ביי אַנדערע פרויען, פּאַולאַ... דו ביסט אַנדערש פון אַלע חוהס טעכטער, און נאָך עפּעס: יעדן טאָג אַנטדעק איך אין דיר אַ נייע פרוי, ווי דו וואָלסט געווען צונויפגעשטעלט פון הונדערט פאַרשידענע פּאַולאַס... אָבער טראָץ דיינע פאַרענדערונגען וויל איך אַזוי אָפט זיין נאָענט נעבן דיר.

— כ׳וועל דיר זאָגן אָפן, איגנאַץ — האָט פּאַולאַ איצט גלייכגילטיק אַ שאָקל־געטאָן מיט איר שיין־פאַרקעמטן קאָפּ. — אַזעלכע ווערטער האָב איך שוין געהערט פון אַלע מיינע פריינט ביז איצט... כ׳וואָלט וועלן הערן פון דיר עפּעס נייעס...

ער האָט זיך אַ רוק־געטאָן אויף צוריק ווי אַ באַליי־דיקטער. ער האָט אַרויסגערוקט אַ שטול און צוגערוקט זיך צו פּאַולאַן. ווען ער האָט זיך אַריינגעזעצט, האָט ער ווי אַ פאַרליבט יינגל אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף איר שויס און איר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

— איך בין נישט געקומען דיר געבן קאָמפּלימענטן גלאָט אין דער וועלט אַריין, פּאַולאַ! — האָט ער אָנגעהויבן. — איך מוז דיר ווידעראַמאָל זאָגן, אַז דו איבעראַשסט מיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער. איינמאָל באַשליס איך, אַז איך

קען דיך שוין אַזוי ווי זיך אַליין, אָבער גלייך צומאָרגנס אַנטדעק איך, אַז דו ביסט אַ פאַרענדערטע, גאָר אַן אַנדערע פרוי, און איך מוז ווידער אָנהויבן פונדאַסניי צו פאָרשן דיך, אום צו לערנען וועגן דיין כאַראַקטער און דיינע אייגנ־שאַפטן...

זי האָט זיך צעלאַכט און גאָרנישט געענטפערט. אירע לענגלעכע פינגער האָבן געקעמט זיינע געדיכטע האָר און ווען זיי זענען צוגעקומען צו דעם הויכן שטערן, האָט זי פּלוצים אַנטדעקט, אַז ער איז נאָך גאָר אַ יונגער ייִנגל, אינגאַנצן זיבעצן יאָר אַלט.

ער האָט לאַנג געקוקט אין אירע גרינלעכע אויגן און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער שפּאַצירט אַרום אין אַ ברייטן, גרינעם גאָרטן, וואָס איז פאַרגאָסן פון אַ ליכטי־קער זון.

— זאָג מיר, אַז דו ביסט פאַרליבט אין מיר! — האָט זי זיך אָנגערופן נאָך עטלעכע מינוט שווייגן.

ער האָט נישט באַנומען די פראַזע. צוליב וואָס דאַרף זי איצט פון אים אַ נייע ליבע־דערקלערונג? האָט זי באַך אַלץ זיך נישט איבערצייגט אין זיין פלאַמענדיקער ליבע?

— איך האָב דיך ליב ביז צו מיין לעצטן אָטעם־צוג... — האָט ער אַרויסגעזאָגט די ווערטער, ווי ער וואָלט דערפילט אַ באַפעל.

— אָה, ווי באַנאַל דו מאַכסט דאָס! ווי באַנאַל! — האָט פאַולאַ זיך אַ בייזער־געטאָן אויף אים. — האָב איך דיך דען אַזוי געלערנט אין טעאַטער? און דו ווילסט ווערן אַ דראַמאַטישער אַקטיאָר?

— דו פאַרגעסט קיינמאָל נישט דעם טעאַטער, פאַולאַ! אַלץ מוז זיין ביי דיר שפּיל!

— דאָס גאַנצע לעבן איז איין גרויס טעאַטער! דו טאָרסט דאָס נישט פאַרגעסן! ס'איז איין גרויסער באַנקעט, וואָס ענדיקט זיך קיינמאָל נישט...

איגנאַץ האָט פאַרשטאַנען, אַז פאַולאַ איז איצט אין אַ פילאָזאָפישער שטימונג, עפּעס דערקוטשעט איר, אָבער ער האָט אויך גוט געוווּסט, אַז זי וועט נישט אויסזאָגן וואָס

עס דריקט זי. צווישן אַלע פּרויען, וואָס ער האָט ביז היינט געקענט, איז פּאַולאַ געווען די איינציקע וואָס האָט געקאָנט האַלטן אירע סודות... ווען זי זאָל באַשליסן צו ווערן אַמאָל אַ שפּיאָנקע, וואָלט דער שונא קיינמאָל נישט געקאָנט עפּעס נעמען אירע פאַרשלאָסענע ליפּן, אפילו ווען מען זאָל זי פּייניקן מיט די ערגסטע יסורים...

— פּאַולאַ — האָט ער ענדלעך זיך אָנגערופן — דאָס איז די נאַכט פון אונזער אָפּשייד... איך פאָר מאָרגן קיין ענגלאַנד.

— וואָס עפּעס פּלוצים? — האָט זי זיך אויפגעכאַפּט. — נעם מיך מיט זיך!

אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן איר צו געבן אַן ענטפער, האָט זי שוין ווייטער גערעדט:

— ס'איז אַן אומזין פון מיין זייט אַזוינס צו פאַרלאַנגען! ווי קאָן איך גאָר פאַרלאָזן בודאַפּעשט? און איך האָב דאָך אַזויפיל פאַרפליכטונגען צו...

זי האָט נישט געדאַרפט מער רעדן. ער האָט איר אַרויסגעהאָלפן:

— ...צו אַנדערע יונגעלייט, מיינסטו... כ'ווייס אַז דו האָסט דיינע פאַרפליכטונגען צו אַנדערע און געוויס אויך דיינע ליבעס.

— דו ביסט צופיל אייפערזיכטיק, איגנאַץ! — האָט זי געלאַכט. — פּונקט ווי אַלע מענער...

— אַן אייפערזוכט איז נישטאָ קיין ליבע — האָט איגנאַץ איצט גערעדט פילאָזאָפיש. — איין זאַך טאָר מען נישט פאַרלאַנגען פון אייך פרויען, און דאָס איז: געטריישאַפט... וואָס שענער עס איז די פרוי, אַלץ ווינציקער איר געטריישאַפט... ליבע איז ביי איר נישט מער ווי אַ צייט־פאַרטרייב, וואָס לויפט פאַרביי...

— געטריישאַפט? — האָט פּאַולאַ זיך צעלאַכט. — דאָס איז אַ קאָמיש וואָרט...

— ביסט מעגלעך גערעכט, פּאַולאַ. אָבער איך ווייס איין זאַך: אויב אַ פרוי איז נישט געטריי צו איר געליבטן, קאָן ער נישט זיין איר מאַן, אויף ווען זי זאָל זיך פאַרלאָזן...

— דאָס איז דער אומגליק מיט אייך, מענער! איר ווילט נאָר הערשן איבער אַנדערע! איר, מענער, ווילט דאָמינירן אונזער שיקזאַל, ווי מיר וואָלטן געווען אַ טייל פון אייער אייגנטום... ווען אפילו איר האַלט אַ פרוי פאַר אַ טייער אייגנטום... איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך בין געווען אַ קליין מיידעלע, פלעג איך אָפט לייענען אַ געשיכטע, פון וועלכער כ'האָב שטענדיק געוויינט... אַ ריטער האָט זיך פאַרליבט אין אַ קליין פייגעלע. ער האָט דאָס פייגעלע אַזוי שטאַרק געליבט, אַז ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט אַ צווייטער אויך אַמאָל אַ קוק־טאָן דערויף... וואָס האָט ער געטאָן? איידער ער איז אַוועק אין מלחמה האָט ער דאָס פייגעלע פאַרשפאַרט אין אַ שטייג... ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך ערשט דערמאָנט, אַז זיין פייגעלע איז פאַרשפארט געוואָרן מיט אַ לאַנגער צייט צוריק... ער איז געלאָפן עפעסנען, ס'איז אָבער געווען צו־שפעט. די צאַרטע, פרייע באַשעפעניש איז געווען טויט...

ס'איז קענטיק געווען, אַז דאָס בלויזע דערמאָנען יענע סענטימענטאַלע געשיכטע האָט ווידער אַרויסגערופן ביי איר אַ טרער. זי האָט מיט דעם שפּיץ פון אַ זיידן טיכעלע אויסגעווישט אַ ווינקל פון איר רעכטן אויג.

אין יענעם מאָמענט האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטאַרקע קלעפּ אין טיר. ער האָט זיך אַ הויב־געטאָן פון אָרט אַ צעטומלטער.

— ווער קאָן דאָס זיין? — האָט ער געפרעגט.

זי האָט שנעל צוגעלייגט אַ פינגער צו אירע ליפּן אַלס צייכן, אַז ער מוז שווייגן, און שטיל געזאָגט:

— ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז דער מיניסטער, אָדער עמעצער אַנדערער... דו מוזט זיך שוין באַהאַלטן...

ער האָט אַ דערשראָקענער זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט אַרומגעזוכט אַ פּאַסיקע באַהעלטעניש. דערנאָך איז ער אַריינגעלאָפן אין דער קליידער־שאַפע. די קלעפּ אין טיר זענען איצט געווען שטאַרקער. פּאַולאַ האָט ענדלעך אַ פרעג־געטאָן:

— ווער איז דאָרט?

קיין ענטפער פון יענער זייט וואַגט איז נישט געקומען, אָבער אָנשטאָט דעם האָט די טיר האַסטיק זיך געעפנט און ס׳איז אַריינגעשפרונגען אַ געוויקסיקער יונגערמאַן און אַ פאַרוואונדערטער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. ער איז געווען הויך, שטאַרק און מיט דעם בליק פון איינעם, וואָס איז זיכער, אַז זיינע מוסקולן וועלן אים באַשיצן קעגן אַלע פיינט. זיינע אויגן זענען געווען קליין, קורצזיכטיק און קוים זיך אַרויסגעזען פון דעם דיקן, כמעט אָנגעשוואָלענעם געזיכט.

— ס׳איז גוט, פּאַולאַ, וואָס כ׳האָב דיך דאָ געטראָפן! — האָט ער געזאָגט מיט אַ רוי, שטומפּיק קול. — וואָס מאַכסטו און פאַרוואָס זעט מען דיך נישט לעצטנס אין אונ־זער געזעלשאַפט?

די לעצטע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ געוויסן חוזק און מעגלעך אויך מיט אַ וואָרנונג.

— אָה — האָט פּאַולאַ זיך פאַרענטפערט — דאָס טעאַ־טער רויבט ביי מיר אַוועק יעדע מינוט... און לעצטנס האָב איך אפילו פאַרנאַכלעסיקט מיין מוזיק אויך...

— מען רעדט אין בודאַפּעשט, אַז עס זענען פאַראַן אַנדערע סיבות — האָט דער גאַסט גערעדט אין אַ צווייי־דייטיקן טאָן. — איך וויל האָפן, אַז דו האָסט נאָך אונז נישט פאַרגעסן און אַז אויך דיין ליבע צו אונז האָט זיך נישט אויסגעוועפּט...

מיט גרויסע שוועריקייטן איז אָנגעקומען פאַר איגנאַצ׳ן אַריינצוקוועטשן זיך אין דער קליידער־שאַפע. דער גערוך קעגן מאָלן, מיט וואָס די קליידער זענען געווען דורכגע־זאַפּט, האָבן די לופט פאַר אים געמאַכט שטיקנד און אומדערטרעגלעך. ער האָט איצט זיך געבראָכן דעם קאָפּ: ווער קען דאָס זיין דער פאַרשוין, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין פּאַולאַס צימער און ער רעדט דאָס מיט אַזאַ חוצפה צו איר? איז דאָס מעגלעך, אַז ער זאָל אויך זיין איינער פון אירע געליבטע, אָדער איז דאָס גלאַט איינער פון יענע באַרימער וואָס מיינען, אַז פּאַולאַ׳ן קען מען אַזוי לייכט

געווינען? יעדנפאַלס איז זיין אופן פון רעדן אים נישט געפעלן געוואָרן...

— הער זיך צו, אַרטור — האָט פּאַולאַ איצט זיך אָנגערופן — כ׳וויל נישט דו זאָלסט מיך פּייניקן מיט נוצלאָזע פראַגן.

ער האָט זיך דערנענטערט צו איר און זי אַ כאַפּ־געטאָן אין זיינע האַריקע אָרעמס. אומזיסט האָט זי פּרובירט זיך אַרויסרייסן פון אים. ער האָט מיט געוואַלט איר געגעבן אַ קלינגנדיקן קוש אויף איר באַק און זיך ווילד צעלאַכט:

— פּאַולאַ, ווייז מיר אַרויס דיין ליבע! כ׳וועל זיין דער גליקלעכסטער מאַן אויף דער וועלט היינט אָוונט, אויב דו וועסט מיר ענטפערן מיט ליבע... בלויז איין אָוונט זאָלסטו זיין מיינע!

זי האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון זיינע שטאַרקע אָרעמס און זיך צוגעזעצט צו דער פּיאַנאָ. ווידער האָבן זיך געהערט די אַנגענעמע טענער פון ליסט׳ס מוזיק. די קלאַנגען האָבן אַריינגעטראָגן אין צימער אַן אַנדערע שטימונג, נישט פון אַ פּרויען־בודואַר, נאָר פון אַ גרינעם וואַלד אָדער פון אַ לויטערן קוואַל... זי האָט זיך נישט אומגעקוקט מער אויף איר גאַסט און געוואָרן פאַרטיפט אין די פּיאַנאָ־אַקאָרדן, אויף וועלכע זי איז אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ ווייטערער, שענערער וועלט.

דער שווער־לייביקער גאַסט האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ שטול און פון דער שווערקייט פון זיין קערפּער איז די שטול שיער נישט צעשפּרונגען געוואָרן.

— פּאַולאַ — האָט אַרטור גענומען רעדן מיט אַ בעטנדיקן טאָן — לאָמיר היינט פאַרברענגען צוזאַמען איבער אַ פּאָר פלעשער וויין... כ׳וועל באַשטעלן שאַמפּאַניער פאַר דיר, אָבער טרייב מיך נישט אַרויס פון דאַנען... בלויז דעם היינטיקן אָוונט וויל איך זיין מיט דיר... לאָמיר נאָך וויזן דער וועלט, אַז מיר זענען יונג...

צוליב זיין שווערן קערפּער איז שווער געווען צו באַשטימען זיין ריכטיקן עלטער. ער איז זיכער נישט געווען מער פון 25 יאָר. ער האָט געקוקט אויף פּאַולאַ׳ן מיט אַ

פאַר הונגעריקע אויגן, אָבער זי איז געבליבן קאַלט צו זיינע ליידנשאַפטלעכע בליקן.

איר קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט האָבן אים אַ הויב־געטאָן פון אָרט. ער איז געוועזן דערצאָרנט, זיין געזיכט איז געוואָרן אָנגעגאָסן מיט בלוט און זיינע הענט האָבן גענומען ציטערן...

— איצט זעה איך שוין, פאַולאַ — האָט ער אויסגעשריען — דו ביסט פאַרליבט אין דעם שמוציקן ייד! אים ביסטו גרייט אָוועקצוגעבן דיין ליבע און פון אונז ווילסטו נישט הערן! מיר זענען נידריקע באַשעפענישן אין דיינע אויגן!

זי האָט געשוויגן און אפילו נישט פּרובירט אים צו ענטפערן.

— איך וועל נאָך ווייזן וואָס כ׳קען טאָן מיט דעם אינגל, וואָס פירט מיט דיר אַ ליבע! כ׳וועל אים צוריקשיקן אין זיין סינאַגאָגע! וואָס האָט ער דען צו זוכן ביי אונז? ער פאַראומרייניקט בלויז אונזער לופט! אויב דו האָסט ווירקלעך אַן איינפלוס אויף אים, פאַולאַ, און אויב דו ביסט נאָך ווירקלעך נישט ארייננעפאַלן אין זיין נעץ, זאָלסטו אים וואָרענען, אַז ער זאָל זיך מער נישט וואַגן צו קומען אין דיין הויז אריין... אויב נישט, וועל איך צעברעכן זיין שאַרבן מיט מיינע צען פינגער!

פון כעס האָט ער גענומען אַרומלויפן ווי אַ ווילדע חיה איבערן צימער. ער האָט אַ שליידער־געטאָן אַ בענקל מיט אַזאַ קראַפט, אַז די הילצערנע פיסלעך זענען אַזש אַרויסגעפאַלן.

איגנאַץ האָט איצט געאָטעמט האַסטיקער. וואָס קומט דאָרט פאָר אין צימער? פאַרוואָס שווייגט פאַולאַ און זי פאַרטיידיקט אים אפילו נישט מיט קיין איינציק וואָרט? אַ מאָדנער געדאַנק האָט איצט אויפגעבליצט אין זיין מוח: ס׳קען דאָך זיין, אַז אָט־דער פאַרשוין האַלט זי איצט פעסט אין זיינע שווערע אָרעמס, ער פאַרשטאָפּט איר דאָס מויל, אַז זי קען אַפילו דעם אָטעם נישט אַרויסלאָזן. ווער ווייסט? אפשר געפינט זי זיך איצט אין גרויס געפאַר? טאָ

פאַרוואָס ליגט ער איצט א פאַרשטעקטער, אַזוי ווי אַ מיאוס'ער פחדן? פאַר וועמען האָט ער דען מורא? אַזוי קען מען דען באַזיגן אַ קעגנער אין ליבע? אויב פאַולאַ איזווירקלעך די איינציקע פרוי וואָס איז אים טייער ווי דאָס לעבן, דאַרף ער זיך איינשטעלן פאַר איר און נישט זי איבערלאָזן אין די הענט פון אַזאַ מיאוסן גרויזאַמען מאַנסביל!

און צומייסטן איז ער אויפגעקאָכט געוואָרן דערפון וואָס דער פרעמדער האָט אים אַזוי גראָב באַליידיקט. „שמוציקער ייד!" האָט ער אים גערופן. ער האָט באַליידיקט זיין ערע און די ערע פון זיין פאָלק. ניין, אַזוינס טאָר ער נישט פאַרשווייגן!

זיין אויפרעגונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט וועט ער דערשטיקט ווערן אין דער ענגער שאַפע צווישן די קליידער. ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין און פאַרטיק. ער האָט איינגעאָטעמט לופט דורך זיינע נאָזלעכער, ווי איינער וואָס גרייט זיך אַרויפצושפּרינגען אויף זיין שונא. באַלד האָט ער אויפגעפראַלט די טיר און איז אַרויסגעשפרונגען.

אויפן אָנבליק פון דעם ריזיקן, אומגעלומפערטן פאַרשוין, האָט אים פשוט פאַרפעלט אָטעם. דער פרעמדער האָט דערזעענדיק אים אַ געשריי־געטאָן:

— אַהאַ, דו ביסט נישט אַליין!

דאָס האָט נאָך מער איבערגעשראָקן איגנאַצן. אויב אָט־דער פאַרשוין זאָל מיט אים פאַרפירן אַ מלחמה, וועט ער זיכער קיין לעבעדיקער פון אונטער זיינע הענט נישט אַרויס. איצט האָט ער דערזען ווער זיין קאָנקורענט צו פאַולאַן איז. דאָס איז דאָך אַרטור אימרעדי, דער טשעמפּיאָן פון שווער־געוויכט, דער קולאַקן־העלד אין אונגאַרן. ער איז אויך דער בעסטער פוטבאָל־שפילער אין בודאַפעשט.

„הייסט עס, אַז דו ביסט אַריינגעפאַלן אין אַ פאַסטקע... — האָט איגנאַץ צו זיך גערעדט. — אָבער איצט איז צו־שפּעט חרטה צו האָבן..."

— אָה, דו ביסט דאָס דאָס יידל וואָס לויפט נאָך מיין

פּאַולאַן? — האָט אַרטור געגומען שטשירען מיט די ציין.
ער האָט מיט איין פינגער אָנגעוויזן אויף זיין קאָנקורענט און ער איז שיער נישט צעזעצט געוואָרן פון געלעכטער. פּאַולאַ איז געבליבן זיצן אַ בלאָסע אויף איר אָרט. ערשט איצט האָט זי מיט איר ווייבליכער אינטואיציע דערשפּירט ווי גרויס ס'איז די געפאַר פאַר דעם צאַרטן יינגל איגנאַץ. זי האָט אָבער געשוויגן.
די געדאַנקען ביי איגנאַצ'ן זענען געלאָפן מיט דער גיכקייט פון אַ ווינטמיל. זאָל ער אַנטלויפן ווי לאַנג ער האָט נאָך די נשמה ביי זיך, אָדער זאָל ער זיך פאַרמעסטן אין אַ קאַמף. בלויז דער שרעקעוודיקער, דער פּחדן באַהאַלט זיך אויס אין אַ שאַפע מיט קליידער, ווען מען אַטאַקירט זיין געליבטע. אַ געוואַגטער האָט נישט קיין מורא, ווען אפילו זיין קאָנקורענט איז שטאַרקער פון אים. אויב ס'איז אים אפילו באַשערט אַרויסצוגיין פון דעם געשלעג מיט צעבראָכענע ריפּן, טאָר ער אויך נישט אָפּטרעטן. — דאָס איז דער געבאָט פון לעבן.
פלוצים, ווי ער איז געשטאַנען גרייט אָנצונעמען די אַרויספאָדערונג פון זיין שונא, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם קליינעם דוד, וואָס האָט באַזיגט דעם ריזיקן גלית. אָבער — איז אים גלייך איינגעפאַלן — דעמאָלט האָט דאָך פּאַסירט אַ נס! אָבער היינט פּאַסירן דאָך נישט קיין ניסים! כ'בין אַ פאַרלוירענער!
— טראָג זיך אָפּ פון דאַנען! — האָט ער ענדלעך אַ געשריי־געטאָן מיט אַ קול, וואָס ער אַליין האָט נישט דערקענט.
— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט דער ריזיקער יונג זיך ווידער צעלאַכט. די געוואַגטקייט פון איגנאַצן האָט אים אַביסל צעטומלט פון אָנהויב. — ביסטו גאָר אַ העלד אויך?
ער איז צוגעגאַנגען צו אים און אים אָפּגעמאָסטן אַזאַ פּאַטש, אַז איגנאַץ איז אַזש אַ פאַל געטאָן צוריק ביז צו דער טיר.
איגנאַץ האָט זיך גלייך אויסגעניכטערט. ער האָט אַ כאַפּ־געטאָן אַ שטול און אַ שליידער געטאָן אין דער ריכטונג

פון זיין קעגנער. ער האָט אָבער געטראָפן דערנעבן און פון דעם שליידער איז אַ וואַזע צעבראָכן געוואָרן אויף שטיקלעך.

פּאָולאָ איז ווייטער געבליבן זיצן רואיק, ווי זי וואָלט זיך געגרייט הנאה צו האָבן פון אַ מערדערלעכן דועל. איז עס דען נישט אמת, אַז די טרובאַדורן האָבן שטענדיק געפירט מלחמות צוליב שיינע מיידלעך? דאָס זענען דאָך די געזעצן פון לעבן, און ווער קען דען היינט קומען און זיי צעשטערן?

דער ריזיקער פּאַרשוין איז איצט געווען אויפגערעגט. ס'האָט זיך אים אַ ווײַלע אויסגעדוכט, אַז ער שטייט אינמיטן דער אַרענע און ער דאַרף אַנטקעגנגיין זיין קעגנער. מיט אומגעריכטן כעס האָט ער אַ כאַפּ־געטאָן איגנאַצ'ן און אים גענומען שליידערן ווי אַ פּילקע פון איין זייט צו דער צווייטער. אָבער צו זיין גרויסער שטוינונג האָט יענער אויך נישט געשוויגן. ער האָט דערלאַנגט בוקטשעס מיט איבער־מענטשלעכער גבורה. ער האָט דערלאַנגט מיט די פויסטן אין בויך, אין פּנים. ס'האָט אים בלויז פאַרדראָסן אין יענעם מאָמענט, פאַרוואָס ער האָט פריער נישט געלערנט די קונסט פון באָקסן, פון פויסטן־קאַמף... אָבער אַלע אויסרעכענונגען זענען איצט געווען צו־שפּעט... ער שטייט אויפן שלאַכטפעלד און ער מוז קעמפן פאַר זיין לעבן...

בלויז אין געציילטע מינוטן האָט איגנאַץ געפילט, אַז זיין לייב ווערט צעשמעטערט. ער האָט אָבער זיך איינגע־האַלטן מיט אַלע כוחות נישט אַרויסצולאָזן אַ קרעכץ. זיינע ליפּן זענען שוין געווען אויסגעשמירט מיט בלוט, אָבער ער איז נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט דאָך אַמאָל שוין געקעמפט אין אַ גאַסן־געשלעג, ווען קריסטלעכע יינגלעך האָבן באַליי־דיקט זיין יידישן אָפּשטאַם. איצט איז ער ווידער פאַרוויקלט אין אַן ענלעכן קאַמף...

זיין פלינקייט איז אים איצט שטאַרק צונוצגעקומען. ער האָט מיט אויסערגעוויינלעכער געשיקטקייט אויסגעמיטן די פויסטן פון דעם צעוואַקסענעם, אומגעלומפּערטן פאַרשוין און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ מאָדנער געיעג איבערן צימער, אַז ס'איז שווער געווען צו אורטיילן ווער ס'איז דער געיאָגטער און ווער — דער יאָגער.

אין יענעם מאָמענט, ווען ביידע זענען אַ ווײַלע געבליבן שטיין פאַרסאַפּעטע אײנער קעגנאיבער דעם אַנדערן און שווער אָפּגעאָטעמט, האָט איגנאַץ אַ כאַפּ־געטאָן פון דער פּיאַנאָ אַ שווערע בלומען־וואַזע און מיט דער גאַנצער קראַפט זי אַ שליידער געטאָן אויף יענעמס קאָפּ. די שווערע וואַזע איז געפאַלן גלייך אין זיין שטערן און דער געוויקסיקער קולאַקן־העלד איז ווי אַן אונטערגעזעגטער בוים אַרונטער־געפאַלן אויף דער ערד. פון זיין קאָפּ האָט איצט גערונען בלוט...

איצט איז פאַולאַ אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט. וועד ווייסט? אפשר וועט אַרטור ווידער זיך אויפהויבן ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב? און אפשר איז ער שוין דערמאָרדעט געוואָרן? זי האָט אַ פאַרצווייפלטע פאַרבראָכן די הענט.

איגנאַץ האָט לאַנג נישט איבערגעטראַכט וואָס עס בלייבט אים צו טאָן. ס'איז געקומען די צייט זיך אָפּצוטראָגן פון קאַמפּס־פּלאַץ. סיי־ווי איז ער דאָך אַרויס דער זיגער!

ער איז אַרויסגעשפּרינגען דורכן פענצטער און איבער דער דיקער רער אויף דער מויער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן צו דער גאַס.

אויף פאַולאַס געוואַלדן זענען זיך אָנגעלאָפן די שכנים. באַלד איז אַלאַרמירט געוואָרן די פּאָליציי.

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט? — האָט אַ פּאָליציי־אָפיציר גענומען פאָרשן ביי פאַולאַ'ן.

זי איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענע און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. אויב זי וועט אויסזאָגן דעם אמת, וועט זי דאָך ברענגען אַ שאַנדע אויף זיך... אויב אָבער אַרטור איז טויט, וועט דאָך די זאַך קומען אין געריכט אַריין...

— אַ גנב האָט זיך אַריינגעריסן אין מיין צימער... — האָט זי גענומען אויסשטאַמלען אַ ליגן — ווען אַרטור איז דאָ געוועזן... און אַז ס'איז אים נישט געלונגען צו באַרויבן דאָס הויז, האָט ער געוואָרפן די שווערע בלומען־וואַזע אויף אַרטורן.

זי האָט אָנגעוויזן מיט איר איידעלער האַנט אויף דעם ריזיקן אַרטור, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער

ערד, און דערנאָך האָט זי מיט די פינגער זיך פאַרשטעלט די אויגן.

— אויב דאָס איז אַ פאַל פון גנבה, זאָרגט אייך נישט! — האָט דער פאָליציי־אָפיציר פּרובירט זי באַרואיקן. — מיר וועלן מאָביליזירן דעם בעסטן דעטעקטיוו ער זאָל געפינען דעם איינברעכער.

ווען די פאָליציי איז אַוועק, האָט זי זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג וועגן דעם וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

אין דער ווירקלעכקייט האָב איך דאָך נישט געזאָגט קיין ליגן, האָט זי געטראַכט. איגנאַץ האָט צוגעגנבעט מיין האַרץ... די ראָמאַנטישע צייטן קומען צוריק... ווידער קעמפט מען פאַר ליבע פון אַ פרוי און דאָס וויכטיקסטע — נישט די פויסט זיגט, נאָר געוואַגטקייט, העלדישקייט...

שפּעטער, ווען דער פאַרוווּנדעטער ריז איז שוין געשטאַנען אויף די פיס, האָט ער געעפנט זיינע אויגן און זיך אַרומגעקוקט: הייסט עס, אַז ער איז געבליבן לעבן, אָבער אין דעם קאַמף פאַר ליבע איז ער באַזיגט...

קאַפּיטל פינף

אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער, 1897, האָט איבער לאָנדאָן זיך אַראָפּגעלאָזט אַ געדיכטער, שוואַרצער נעפּל, וואָס האָט איינגעהילט די גרויסע וועלט־שטאָט אין אַ דיקער פינצטערניש. אַזאַ נעפּל האָט לאָנדאָן נישט געזען זינט די צייטן פון דער קעניגין וויקטאָריאַ.

איינמאָל, אין אַזאַ געדיכט־פאַרנעפּלטן אָוונט, האָט אויף דער באַרימטער פליט סטריט — וואָס איז דער צענטער פון דער פּרעסע אין דער ענגלישער הויפּט־שטאָט — געשפּאַנט אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 18. ער איז געווען הונגעריק, אָפּגעשוואַכט און זיין קערפּער האָט געציטערט פון קעלט. ער האָט שוין נישט געהאַט געגעסן זינט ער איז אָנגעקומען מיט אַ נאַכט פריער אין דעם עקספּרעס־צוג. דער יונגערמאַן איז געווען עלנט. קיין סענט אין דער קעשענע האָט ער

נישט געהאַט און ער האָט קיינעם נישט געקענט אין דער ריזיקער, אומהיימלעכער שטאָט.

דער פאַרצווייפלטער יונגערמאַן איז געבליבן שטיין אינמיטן גאַס אַ פאַרלוירענער: וווהין זאָל ער איצט גיין? צוערשט איז אים איינגעפאַלן צו קלאַפּן אויף די טירן פון די יידישע צדקה־אינסטיטוציעס, אָבער באַלד דערנאָך האָט ער זיך באַרעכנט, אַז דאָס איז נישט קיין גוטער איינפאַל. ער האָט איצט געהאַט אַ פּלאַן צוצוגיין צו איינער פון די ענגלישע צייטונגען און מאַכן אַ פאָרשלאָג, אַז ער וועט שרייבן אַן אַרטיקל וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין אונגאַרן. דער אומגליק איז אָבער געווען וואָס ער האָט נישט געקענט קיין ענגליש. טאָ ווי אַזוי וועט ער אפילו אַריבערטרעטן די שוועל פון אַן ענגלישער צייטונג?

און ווי ער איז אַזוי געגאַנגען אַ פאַרצווייפלטער איבער דער טונקלער, פאַרנעפּלטער גאַס, וו ס'איז שווער געווען צו זעען אַ לעבעדיק וועזן, האָט ער פּלוצים זיך אַנגעשטויסן אויף דער פיגור פון אַ פאַרבייגייענדיקן מענטש און ער האָט אינסטינקטיוו זיך אַנטשולדיקט אויף אונגאַריש. אָבער צו זיין גרויסער דערשטוינונג האָט דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען קעגנאיבער אים, אויך אים געענטפערט אין אונגאַריש.ביידע האָבן זיך פאַרהאַלטן אַ ווײַלע און נאָכדעם ווי זיי האָבן דורכגערעדט אַ פּאָר ווערטער, האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך אַ גרעסער וווּנדער. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פון די צוויי מענטשן, וואָס האָבן אַזוי צופעליק זיך באַגעגנט אין דעם געדיכטן לאָנדאָנער נעפּעל, איז איינער יצחק, דער זון פון נתן טריביטש פון דער אונגאַרישער שטאָט פּאַקס, און דער צווייטער איז משה גרינבערג, אַ סוחר, אויך פון דער שטאָט פּאַקס, וועלכער וווינט כמעט אין שכנות פון דער פאַמיליע טריביטש.

זיי זענען אריין אין אַ קאַפע־הויז. דער סוחר האָט באַשטעלט ווײַן, אָבער יצחק, וואָס איז געווען פאַרחלשט פון הונגער, האָט בלויז פאַרלאַנגט אַ גלאָז טיי. ער האָט נישט געוואָלט זיך צוכאַפּן צום עסן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט זיין שכן פון פּאַקס, נאָכן צוריקקומען

אין שטעטל אַריין, דערציילן זיין פאָטער, אַז ער האָט געטראָפן זיין זון אַן עלענדן און הונגעריקן אויף די גאַסן פון לאָנדאָן.

זיי האָבן זיך צערעדט וועגן די אַמאָליקע צייטן אין דעם שטעטל פּאַקס, און דערנאָך האָט דער סוחר גרינבערג גענומען דערציילן פאַר זיין לאַנדסמאַן וועגן דעם איינדרוק וואָס לאָנדאָן האָט אויף אים געמאַכט. ער האָט אים איבערגעגעבן וועגן אַן אינטערעסאַנטער באַגעגעניש וואָס ער האָט געהאַט אין דעם יידישן קוואַרטאַל „איסט־ענד", וואָס געפינט זיך אין מערב־טייל פון לאָנדאָן. אין יענע טעג איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע אייַנוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּעישע יידן קיין ענגלאַנד און די מיסיאָנערן האָבן געזוכט צי פאַנגען נשמות פאַר יעזוס קריסטוסן צווישן די אָרעמע אימיגראַנטן. איינמאָל האָט דער סוחר גרינבערג זיך ארייגעכאַפּט אין אַ מיסיאָנערן־הויז און זיך צוגעהערט צו די באַגייסטערטע רייד וועגן דעם „אויסלייזער" און וועגן דער קריסטלעכער לערע. גרינבערג האָט געזאָגט, אַז אַזעלכע פייערדיקע פאַרשפּרעכונגען פון די מיסיאָנערן קענען, חלילה, האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג אויף שוואַכע מענטשן.

איגנאַץ איז נישט געווען פאַראינטערעסירט וואָס פאַר אַ מיינונג דער סוחר גרינבערג האָט וועגן די קריסטלעכע מיסיאָנערן. ער האָט זיך צוגעהערט מיט אַן אָפן מויל און מיט אויפגעריסענע אויגן בלויז צו דעם, וואָס עס האָבן געהאַט צו זאָגן די מיסיאָנערן און צו די הבטחות, וואָס זיי האָבן פאַר די שוואַכע מענטשן. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז דער שיקזאַל אַליין האָט אים צונויפגעפירט מיט דעם לאַנדסמאַן זיינעם, און די היינטיקע באַגעגעניש אויף דער לאָנדאָנער גאַס קען אפשר באַשטימען זיין ווייטערדיקן לעבנסוועג.

ער האָט שנעל פאַרשריבן דעם אַדרעס פון דעם מיסיאָנערן־הויז און שפּעטער, ווען ביידע האָבן פאַרלאָזט דאָס קאַפע־הויז, האָט דער הונגעריקער איגנאַץ זיך געלאָזט אין דער ריכטונג, ווו עס געפינען זיך די מיסיאָנערן. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה און

נישט אימשטאַנד געווען צו קויפן אַ בילעט אויפן טראַמוויי, איז ער געגאַנגען צופוס, טראָץ דעם געדיכטן נעפּעל, ביז ער האָט זיך דערשלעפּט צום יידישן קוואַרטאַל „איסט ענד״.

ווען ער איז אָנגעקומען אין דעם מיסיאָנערן־הויז, איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. דער גרויסער לייען־זאַל דאָרט איז שוין געווען געשלאָסן. דאָס האָט אָבער איגנאַצן נישט אָפּגעהאַלטן פון אָנצוקלאַפּן אין דער טיר. ער האָט געוואַרט מיט האַרצקלאַפּעניש ביז מען וועט אים עפענען. נאָך אַ פּאָר מינוט האָט זיך באַוויזן פאַר אים אַ הויכער, ברייט־געוויקסיקער מאַן אין אַ מאַנאַכן־כאַלאַט מיט אַ ווייסן קאָלנער איבערגעלייגט אונטערן האַלז. איגנאַץ האָט דערקענט אין אים אַ קריסטלעכן גלח.

— וואָס ווילסטו, מיין זון? — האָט דער גלח ווייך געפרעגט.

איגנאַץ האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אויף וועלכער שפּראַך זאָל ער דען רעדן? צום סוף האָט ער באַשלאָסן צו מישן אַביסל פראַנצויזיש מיט אַביסל דייטש און ער האָט געפרעגט:

— געפינט זיך דאָ דאָס מיסיאָנערן־הויז?

— יאָ, דאָס איז דאָס הויז — האָט דער גלח געענטפערט מיט אַ פרום פּנים. — דער לייען־זאַל איז שוין געשלאָסן, אָבער דאָס דאָזיקע הויז נעמט־אויף געסט בייטאָג און ביינאַכט, צו יעדער צייט. דאָס הויז לאָזט אריין יעדן איינעם וואָס איז דאָרשטיק נאָך גאָטס וואָרט...

איגנאַץ איז אריין אינעווייניק. ער האָט גלייך געקראָגן אָפּצועסן אַ וואַרעמע זופּ און עטלעכע שטיקלעך ברויט. ער האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, ביז ער איז זאַט גע־וואָרן. דערנאָך האָט ער גערעדט אַ פּאָר ווערטער מיטן גלח. מען האָט פאַר אים אויסגעבעט אַ נאַכטלעגער און ער איז אַוועקגעפאַלן אַ מידער. ער איז אָפּגעשלאָפן ביז צומאָרגנס אין האַלבן טאָג.

איגנאַץ איז געווען אַן אידעאַלער קרבן פאַר די מיסיאָ־נערן אין לאָנדאָן. ער איז דאָך געווען אַ ייד, וואָס האָט געקענט גוט דעם יידישן לעבנס־שטייגער, און דערצו איז

ער געווען באַהאַוונט אין תלמוד, צו וועלכן ער האָט זיך איצט באַצויגן מיט גרינגשעצונג. די מיסיאָנערן האָבן תמיד געפּרעדיקט, אַז דאָס קריסטנטום איז פֿאָרגעזאָגט געוואָרן דורך די יידישע נביאים און זיי האָבן שטענדיק זיך אָנגעכאַפּט אין געוויסע שטעלן אין תלמוד, כדי אָנצו־גרייפן די יידן און זייער תורה.

איגנאַץ איז אָפּגעזעסן אין דעם מיסיאָנערן־הויז עטלעכע טעג און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו זייער לערע. אין יענער אַטמאָספערע האָט ווידער אין אים אויפגעוואַכט דער פֿאַרבאָרגענער מיסטישער כוח, וואָס האָט פֿריער געפּייניקט זיין נשמה, און איצט איז ער גאָר שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער קריסטלעכער פּראָפּאַגאַנדע. אַלץ איז שוין ביי אים איצט געווען רייף, אַז ער זאָל ווערן אַ קאַנדידאַט צום שמד. עס איז אים אויך אויף קיין איין רגע נישט אַרויס פון זינען, אַז וועלכע קאַריערע ער זאָל נישט וועלן אויסקלייבן, וועט זיין יידישקייט אים שטיין אין וועג. דעריבער איז דאָך די גלייכסטע זאַך אַראָפּצוואַרפן פון זיך דעם שווערן יאָך...

איגנאַץ האָט זיך געוואָלט גלייך אָפּשמדן אין לאָנדאָן, אָבער די מיסיאָנערן האָבן געהאַלטן, אַז ער איז נאָך נישט אינגאַנצן רייף גייסטיק אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. ער האָט געמוזט קריגן אַ בעסערע „גייסטיקע צוגרייטונג". דערצו האָט ער גאָר ווינציק פֿאַרשטאַנען ענגליש. דעריבער האָט דער הויפּט־מיסיאָנער אים געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל אַריבערפֿאָרן אין דער דייטשער שטאָט האַמבורג און דאָרט זאָל ער „אויסלייזן" זיין „זינדיקע" נשמה. מען האָט אים אויך אינפֿאָרמירט, אַז אין האַמבורג פֿונקציאָנירט אויך אַ מיסיאָנערן־הויז, וואָס טוט גאָר וויכטיקע אַרבעט און ער, איגנאַץ, וועט מיטנעמען אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו דר. פֿראַנק, וועלכער פֿירט אָן מיט דער דאָרטיקער מיסיאָנערן אַרבעט.

איגנאַץ האָט געהאַלטן, אַז איצט הויבט זיך אָן אַ נייע ווענדונג אין זיין לעבן. ער האָט צוגענומען דעם רעקאָמענ־דאַציע־בריוו און אויך געקראָגן אַ גרויסע סומע געלט, אַז

ער זאָל צוערשט קענען פאָרן קיין בודאַפּעשט און פון דאָרט וועט ער זיך אַריבערקלייבן קיין האַמבורג.

אין בודאַפּעשט האָט איגנאַץ זיך פאַרהאַלטן אַ קורצע צייט. ביי טאָג האָט ער זיך געלערנט אין דער דראַמאַטישער אַקאַדעמיע און אין אָוונט האָט ער פלייסיק שטודירט די קריסטלעכע טעאָלאָגיע. אויף זיין שרייבטיש זענען געווען אויסגעשפּרייט אַ גרויסע צאָל הייליקע קריסטלעכע ביכער אין דער לאַטיינישער שפּראַך און ער האָט געשעפּט וויסן פון אַלע קוועלן. ער האָט פשוט זיך אויסגעלערנט די וויכטיקסטע פּראָפּאַגאַנדע־ציטאַטן פון אויסנווייניק. „איך, דער ייד — האָט ער ביי זיך געטראַכט — וועל ווייזן אַלע גלחים, מיסיאָנערן, בישאָפן און אַרציבישאָפן, אַז כ׳בין בעסער באַהאַוונט אין קריסטענטום פון זיי...״

און וואָס מער ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער קריסטלעכער לערע, אַלץ שטאַרקער איז ער באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם קריסטלעכן „אויסלייזער״. אַ גאַר שטאַרקע ווירקונג האָט אויף אים געהאַט דער הייליקער פּאַולוס, דער שליח פון יעזוס׳ן. ער האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אַלע זיינע ליבע־אַפּערעס. עס איז אים שוין אַרויס פון זכרון די פלאַמעדיקע ליבע וואָס ער האָט אַמאָל געפירט מיט דער אַקטריסע פּאַולאַ. אין אַ העלן פרימאָרגן האָט ער איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און איז אַריינגעפאָרן קיין האַמבורג.

אין פאַרלויף פון צוויי יאָר צייט איז ער געזעסן אין דעם האַמבורגער מיסיאָנערן־הויז פון דר. פראַנק. זיין ברויט האָט ער געגעסן און פון זיין מויל האָט ער געהערט די יעזוס־לערע.

דער מיסיאָנער, ד״ר פראַנק, האָט זיך געגרויסט מיט זיין נייעם תלמיד. איגנאַץ איז געוואָרן זיין ליבלינג. ער האָט ביז דאַן קיינמאָל נישט געהאַט נאָך אַזאַ פעיקן שילער, ווי אָט דער יונגער, פעיקער ייד. אויך דער אַרציבישאָף, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דעם סעמינאַר, האָט אַרויסגע־שטעלט פאַר מוסטער איגנאַצן צווישן זיינע 120 סטודענטן.

דעם 25־טן דעצעמבער, 1896, איז איגנאַץ אָנערקענט געוואָרן אַלס רייף אָנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. מען

האָט אים אין יענעם טאָג געטויפט, באַשפּריצט מיט דעם „הייליקן וואַסערל”, און אין יענעם טאָג האָט ער אויך אָנגעטאָן אַ שוואַרצן כאַלאַט פון אַ מאָנאַך מיט אַ ווייסן קאָלנער. אויף די פיס האָט ער געטראָגן אַ פּאָר סאַנדאַלן מיט לאַנגע בענדלעך. ער האָט אויך געמוזט אָפּגאָלן די האָר פון קאָפּ, און איגנאַץ, דער געוועזענער מקובל, דער נעכטיקער קאַנדידאַט פאַר דער בינע אין בודאַפּעשט, איז איצט געווען איינער פון די פּאָרשטייער פון דער קריסטלעכער קירך, וואָס שפּרייזן איבער די גאַסן פון האַמבורג, און יעדן איינעם פון זיי דאַכט זיך אויס, אַז ער איז נישט ווינציקער וויכטיק פון אַ מאַרטין לוטער...

— צי ווייסטו, איגנאַץ — האָט איינמאָל צו אים זיך געווענדעט דר. פראַנק — אַז פון אַלע מיינע שילער ביסטו געוואָרן דער דערפאָלגרייכסטער... כ׳לייג אויף דיר גאָר גרויסע האָפענונגען און כ׳קען שוין היינט פאָראויסזען, אַז עס וועט קומען אַ טאָג ווען דיין נאָמען וועט שיינען ווי אַ לייכט־טורעם אין דער קריסטלעכער וועלט, און דיין נאָמען וועט געהערט ווערן פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן...

איגנאַץ האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ און געשוויגן.

— כ׳האָב שוין זינט אַ לענגערער צייט געוואָלט דיך פרעגן — האָט דר. פראַנק ווייטער גערעדט — האָסטו שוין עפּעס אַ טראַכט געטאָן וועגן דיין צוקונפט, איגנאַץ? וואָלסטו איינגעשטימט צו ווערן אַ גלח?

די פראַגע איז געקומען ווי אַ גרויסע איבעראַשונג, איגנאַץ איז פּשוט צעטומלט געוואָרן. ער האָט נישט געגלויבט, אַז מען וועט אים אַזוי שנעל פאָרשלאָגן אַזאַ הויכע שטעלע. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער שוין געשפּונען ווי אַזוי ס׳וועט אויסזען זיין צוקונפט. אַ יונגער גלח, פאַר וועמען אַלע טויערן וועלן זיך עפענען. ער וועט אַרויפגיין אויף דער ליכטיקער בינע פון דער קריסטלעכער וועלט, וואָס איז גרעסער פון יעדן טעאַטער... עס זענען פאַראַן הונדערטער מיליאָנען קריסטן אין אַלע טיילן וועלט. אָט־די אַלע וועלן ווערן זיינע צוהערער! וואָס נאָך קען אַן אַקטיאָר פאַרלאַנגען?

פונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוּווייזן באַשיידנ־קייט אין דער אָנווועזנהייט פון זיין לערער. ער האָט מיט אונטערטעניקייט זיך איינגעבויגן און געזאָגט:

— כ׳בין נאָך נישט גענוג רייף אָנצונעמען אייער פאָרשלאָג, דר. פראַנק. איך מוז די זאַך גוט באַטראַכטן. איך ווער נאָך גענוג פאַרצערט פון צווייפלונגען און די אומזי־כערקייט באַגלייט מיך אָפט... איך גלויב אין אַ יענער וועלט, אָבער די איבערצייגונג איז נאָך נישט גענוג פעסט... דער־לויבט מיר כ׳זאָל צוערשט שטאַרקן מיין גלויבן, איידער כ׳וועל געבן מיין ענטפער אויף דעם דערהאָבענעם פאָר־שלאָג אייערן...

צוויי טעג שפּעטער איז איגנאַץ געוואָרן אומגעדולדיק. ער איז גיך געלאָפן צו דר. פראַנקן כדי אים אָנצוזאָגן, אַז ער נעמט־אָן דעם פאָרשלאָג און אַז עס וועט זיין פאַר אים אַ גרויסער כבוד צו ווערן אַ קריסטלעכער גייסטלעכער און העלפן אַכטונג־געבן אויף די סטאַדעס, וואָס בלאָנדזשען און זוכן זיך צו באַקענען מיט דער לערע פון יעזוסן...

אָבער פלוצים האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער שטויסט זיך אָן אויף שטרויכלונגען אין זיין וועג. אין אַ פרימאָרגן האָט מען אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. איגנאַץ איז אַראָפּ־געשפּרונגען פון בעט. ער האָט געעפנט די טיר און ס׳איז אַריינגעקומען דער סעקרעטאַר פון דעם אַרציבישאָף יענסאָן און אים געלאָזט וויסן, אַז ער מוז גלייך קומען צום גייסטלעכן, ווייל יענער דאַרף מיט אים רעדן וועגן אַ גאָר וויכטיקן ענין.

אין איילעניש האָט איגנאַץ זיך אָנגעטאָן. ער האָט בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן וואָס איז עס דער דרינגענדער רוף. ווען ער איז שוין געשטאַנען אין צימער פון ארציבישאָף האָט ער באַמערקט ווי יענער שפּרייזט מיט אומרואיקע טריט איבערן צימער. זיין געזיכט איז צעקנייטשט, זיינע אויגן זענען האַלב־פאַרלאָשן, ווי ער וואָלט געהאַט אַ שלאָפ־לאָזע נאַכט. מיט אַ האַנט־מאַך האָט דער אַרציבישאָף באַ־פוילן איגנאַצן זיך צו זעצן.

ווען איגנאַץ האָט אַן אומרואיקער זיך אַראָפּגעלאָזט אין

שטול, האָט דער אַרציבישאָף יענסאָן אָנגעהויבן רעדן מיט אַ שוואַכער שטים:

— כ׳האָב געהערט, אַז דר. פראַנק האָט דיר געמאַכט אַ פאָרשלאַג צו ווערן אַ גלח און אַז דו זאָלסט זיך פאַרנעמען מיט מיסיאָנערישע אַרבעט, און כ׳ווייס אויך אַז דו האָסט איינגעשטימט...

— ריכטיק, אַרציבישאָף! — האָט איגנאַץ מיט אונטער־טעניקייט געענטפערט.

— כ׳האָב דיך גערופן אַזוי פרי, ווייל די זאַך וואָס כ׳וויל דיר איצט זאָגן איז אַ דרינגענדע. אויסער דעם זוך איך שוין אַ געלעגנהייט דורך חדשים צו רעדן מיט דיר ערנסטע רייד און כ׳וויל נישט, אַז דיינע קאָלעגן אין סעמינאַר זאָלן וויסן וועגן דעם...

איצט האָט ביי איגנאַצן דער געדולד שיער נישט געפּלאַצט. דער אַרציבישאָף האָט לאַנגזאַם אָפּגעהוסט, דער־נאָך געטאָן אַ שאַרפן קוק אויף זיין גאַסט און געפרעגט:

— זאָג מיר, ווער איז די מאַרגאַרעטאַ קאַלאַר?

איגנאַץ האָט זיך אַזש איינגעקאָרטשעט אין זיין שטול פון גרויס איבעראַשונג. פונוואַנען ווייסט יענער דעם נאָמען פון זיין געליבטער? אומזיסט האָט ער אין יענער רגע זיך געבראָכן דעם קאָפּ צו דערגיין פונוואַנען דער אַרציבישאָף האָט זיך דערוווּסט זיין סוד. עס איז אָבער נישט געווען קיין צייט צוצוטראַכטן לאַנגע תּירוצים. און מיט וואָס קען ער זיך דען דאָ פאַרענטפערן? אַז ער קען דאָס מיידל נישט? דאָס בעסטע איז מודה צו זיין זיך אין דעם אמת און זאָל ער זען וואָס דער כיטרער גייסטלעכער האָט צו זאָגן וועגן דעם.

— דאָס איז אַ מיידל, מיט וועלכער כ׳האָב זיך באַקאַנט אין האַמבורג...

אַ טייוולאָנישער שמייכל האָט איצט זיך באַוויזן אויפן יעזואיטישן געזיכט פון דעם אַרציבישאָף און ער האָט מיט שפּאָט אויף די ליפּען געזאָגט:

— דאָס ווייס איך... כ׳האָב געלייענט אַלע אייערע ליבעס־בריוו...

ער האָט באַזונדערס אַקצענטירט דאָס וואָרט „ליבעס־בריוו” אין אַ טאָן, וואָס האָט געדאַרפט איבערצייגן איגנאַצן, אַז אים, דעם גייסטלעכן, קען מען נישט איבערכיטרעווען... ער האָט אפשר געלייענט די ליבעס־בריוו מיט גרויס נייגע־ריקייט פון איינעם, וואָס וויל שטאַרק וויסן וועגן יענעמס אינטימסטע זאַכן.

פאַר איגנאַצן איז איצט אַלץ קלאָר געוואָרן. הייסט עס, אַז דאָס איז עס! מען האָט אים געפּאַקט מיט זיין געהיימער ליבע! ער האָט דאָס באַדאַרפט וויסן פריער. מ׳קען דאָך נישט פּרעטענדירן צו זיין אַ פרומער גלח, וואָס האָט בלויז איין ליבע אין יעזוסן, און דערביי האָבן צו טאָן מיט אַן ערדישער, זינדיקער פרוי ווי מאַרגאַרעטאַ... הייסט עס, אַז אין סעמינאַר פירט מען זיך אַזוי ווי אין אַ טורמע. יעדער בריוו, וואָס קומט־אָן אָדער גייט אַרויס, מוז דורכגיין אַ שטרענגע צענזור. און אפשר שפּיאָנירט מען אים אויך נאָך אין שטאָטישן פּאַרק, ווען ער טרעפט זיך אין דער פינצטער מיט מאַרגאַרעטאַן?

דער אַרציבישאָף יענסען האָט אים איבערגעשלאָגן זיינע געדאַנקען.

— כ׳וויל דיך נישט באַליידיקן — האָט ער געלאַסן גערעדט. — כ׳האָב אפילו געלייענט דיין ליד פון ליבע! ס׳איז אַ ווונדערבאַרער סטיל. די מייסטערהאַפטע שפּראַך דערמאָנט אפילו דעם פּאָעט לאָרד בייראָן... דו מוזט אָבער וויסן, איגנאַץ, אַז דאָ געפינסטו זיך אין אַ קריסטלעכן סעמינאַר, נישט אין קיין גאָנדאָלע, וואָס שווימט אין ווענעציע...

איגנאַץ האָט געשוויגן. ער האָט געוואָלט אַז דער אַרציבישאָף זאָל אַרויסלייגן אַלע זיינע קאָרטן אויפן טיש...

— איך וויל וויסן, איגנאַץ, צי דו ביסט פאַרלאָבט צו דעם מיידל?

— יאָ, מיין הער! — האָט איגנאַץ האַסטיק געענט־פערט. — מיר האָבן באַשלאָסן צו ווערן פאַרלאָבט...

— אויב אַזוי, מוזטו איצט באַשליסן, איגנאַץ! אָדער

דו ווערסט פאַרלאָבט, אָדער דו וועסט אויפגעבן דיין דינסט ביי אונז!...

— וואָס פאַר אַ שלעכטס איז פאַראַן אין אַ פאַרלאָבונג מיט אַ מיידל? — האָט איגנאַץ תמעוואַטע געפרעגט.

— נישטאָ אין דעם קיין שלעכטס, מיין זוהן. אָבער דער וואָס לערנט אין טעאָלאָגישן סעמינאַר, קען נישט טראַכטן וועגן פרויען. דו ווייסט דאָך געוויס, אַז יעזוס קריסטוס האָט נישט שטאַרק ליב געהאַט דאָס געזאַנג פון „שיר השירים"... אַלזאָ, דער באַשלוס איז איצט אין דיינע הענט! קענסטו מיר זאָגן וואָס דיין אַנטשיידונג איז?

— יאָ! — האָט איגנאַץ אַנטשיידן געענטפערט. — כ'וועל בלייבן ביי דער פאַרלאָבונג און נאָך היינט וועל איך פאַרלאָזן דעם סעמינאַר...

דער שנעלער ענטפער איז געקומען ווי אַ דונער פון הימל איבערן קאָפּ פון דעם פרומען קריסטלעכן פאַסטוך. צום ווינציקסטן האָט ער זיך געריכט אויף אַזאַ שנעלער אַנטשיידיקונג.

— דו מוזט זיך נישט אַזוי איילען, מיין זון! — האָט ער פרובירט ווערן צוגעלאָזענער. — דו קריגסט אַביסעל צייט אויף צו באַטראַכטן די זאַך און דערנאָך וועסטו אַרויסגעבן דיין באַשלוס...

— דער באַשלוס איז פאַרטיק! — איז איגנאַץ געבליבן ביי דאָס זייניקע. — און אויסער דעם זע איך נישט פאַרוואָס אַ גייסטלעכער טאָר נישט פירן קיין ליבע, אפילו ווען ער לערנט אין סעמינאַר.

איגנאַץ איז אַוועק פון דעם אַרציבישאָף'ס הויז. אומזיסט האָט דר. פראַנק פרובירט איבעררעדן איגנאַצן, אַז ער זאָל ענדערן זיין באַשלוס. ער איז געבליבן איינגעשפּאַרט און עס האָט אויסגעזען ווי דער יונגערמאַן וועט באַלד פאַרפּאַקן זיינע זאַכן און פאָרן צוריק אַהיים קיין אונגאַרן. אָבער דר. פראַנק האָט געפונען אַ וועג פאַר אַ קאָמפּראָמיס: מען וועט איגנאַצן געבן די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן די לערע אין סעמינאַר, אָבער קיין גלח וועט ער נישט טאָרן ווערן דערווייל; אויסער דעם וועט ער דאַרפן איבעררייסן דאָס

שרייבן בריוו צו זיין געליבטער, ווייל דאָס קען שעדיקן דעם פּרעסטיזש פון סעמינאַר און עס קען אויך שלעכט ווירקן אויף די אַנדערע סטודענטן.

אויבענאויפיק האָט עס געהייסן, אַז עס איז געקומען צו אַן אויסגלייך צווישן דעם שטרענגן קריסט יענסען און דעם פאַרליבטן סטודענט איגנאַץ טריביטש. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז בלויז געווען אַ צייטווייליקער „וואַפּענשטילשטאַנד". עס זענען בלויז אַוועק אַ פּאָר וואָכן און איגנאַץ איז ווידער געכאַפּט געוואָרן ביים שרייבן די זינדיקע בריוולעך צו מאַרגאַרעטאַן. דאָס־מאָל איז די פּאָסט נישט געגאַנגען דורכן בריוו־טרעגער, נאָר דורך דעם פורמאַן, וואָס פלעגט ברענגען יעדן פרימאָרגן פריש געבעקס צום סעמינאַר. אָט־דער דייטש האָט געקראָגן אַ פיינעם כאַבאַר, אַז ער זאָל אריינשמוגלען און אויך אַרויספירן אין געהיים די בריוולעך צווישן דעם פּאָרל.

דער כיטרער אַרציבישאָף יענסען איז אָבער געשטאַנען אויף דער וואַך און געשנאַפּט ווי אַ גוטער שפּיר־הונט. ענדלעך האָט ער געפּאַקט דעם דייטשן פורמאַן מיט דער טריפה'נער פּאָסט, און איגנאַץ איז אויף אַ סקאַנדאַליעזן אופן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון סעמינאַר.

צום שטאַרקסטן האָט זיך געערגערט דערפון דר. פראַנק, ווייל ער האָט שטאַרק געגלויבט אין די גרויסע פעאיקייטן פון איגנאַצן און געלייגט אַ סך האָפענונגען אויף זיין צוקונפט. ער האָט באַשלאָסן אין דער שטיל איגנאַצן צו העלפן. ער האָט צונויפגעקליבן אַ סומע געלט, וואָס זאָל זיין גענוג אויף אַריבערצופאָרן דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. ער האָט אים אפילו באַזאָרגט מיט אַ וואַרעמען רעקאָמענדאַציע־בריוו צו אַ באַוווסטן מיסיאָנער אין קאַנאַדע.

ער האָט מיט אים זיך האַרציק געזעגנט און אים אפילו אַ קוש־געטאָן אויפן שטערן.

דער פאָטער פון דעם מיידל מאַרגאַרעטאַ קאַלאָר, אַ שטרענגער דייטש, איז גראָד געווען אַ קאַפּיטאַן אויף איינער פון די שיפן וואָס געהערן צו דער ליניע „האַמבורג־אַמעריקע". ער האָט נישט ליב געהאַט דעם איגנאַץ, וואָס האָט פאַרדרייט

דעם קאָפּ פון זיין טאָכטער, און באַשלאָסן צו העלפן אים אַוועקשיקן אין אַ ווייטן לאַנד. כדי פון אים וואָס גיכער פּטור צו ווערן, האָט ער אפילו אים געהאָלפן קויפן אַ שיפסקאַרטע פאַר אַ האַלבן פּרייז.

מאַרגערעטאַ, דאָס פאַרליבטע מיידל, איז מיט אים נישט מיטגעפאָרן. דער אָפּמאַך איז געווען, אַז ווי נאָר ער וועט זיך איינאָרדנען אין קאַנאַדע, וועט ער זי אַריבערברענגען און זיי וועלן פאַר זיך אויסבויען אַ היים אין דער נייער וועלט.

קאַפּיטל זעקס

אויף אַ קליינער דייטשער שיף, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם אַטלאַנטישן ים, האָט צווישן די הונדערטער פּאַסאַזשירען זיך געפונען אַ פאַרשטייער פון קריסטנטום, וואָס איז געפאָרן מיט אַ מיסיע קיין קאַנאַדע — אומצוקערן די אומגלויביקע צו דעם גלויבן פון דעם אויסלייזער יעזוס... זיין נאָמען איז איצט געווען איגנאַציס טימאָטעאוס. ער האָט לוסטיק פאַרבראַכט אויפן דעק פון דער שיף. אַ נייער קאַפּיטל אין זיין לעבן הויבט זיך אָן און ער האָט געזען אין זיין שליחות אַ סימבאָל, ווייל גראָד דעמאָלט האָט זיך פאַרענדיקט דאָס נייַנצנטע יאָרהונדערט. אַ נייַע זון האָט געשיינט איבערן האָריזאָנט. ס'איז געווען דאָס יאָר 1900.

אָבער קומענדיק אין קאַנאַדע האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז נישט אַזוי לייכט וועט אים אָנקומען דאָ דורכצופירן זיין „הייליגע אויפגאַבע”. ער איז אָנגעקומען מיט דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו פון דר. פראַנק צום גלח פון דער פּרעסביטעריאַנישער קירך, נאָרמאַן מעקאַרטי. ער האָט אים פאַרגעשלאָגן זיין דינסט.

איגנאַציוס — דער אַמאָליקער יצחק טריביטש — האָט פאָרגעלייגט פאַר דעם מיסיאָנער זיינע פּלענער, ווי אַזוי אויף אַ שנעלן וועג אָפּצושמדן וואָס מער יידן. ער האָט דעם מיסיאָנער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז כדי צו פאַנגען

נשמות ביי יידן, מוז מען באַנוצן אַ באַזונדערע טאַקטיק. אויב מען וועט אים געבן אַ פרייע האַנט, וועט ער פשוט באַווייזן ווונדער...

דער ענטוזיאַסטישער יונגערמאַן, וועלכער איז נאָר וואָס אַראָפּ פון דער שיף, האָט שטאַרק אויסגענומען ביי דעם מיסיאָנער. ער האָט אים גלייך באַשטימט אַלס זיין געהילף און צוגעזאָגט צו דעקן אַלע זיינע אויסגאַבן. ער האָט אים אויך צוגעזאָגט צו באַזאָרגן מיט אַ באַקוועמער וווינונג, באַהייצונג, שפייז און אין צולאָג וועט ער קריגן 20 דאָלאַר אַ וואָך טאַשן־געלט...

איגנאַציוס האָט איינגעשטימט אויף אַלץ מיט גרויס פרייד, אָבער ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף פון שמועס, האָט דער גלח מעקאַרטי נאָך צוגעגעבן, אַז איצט, אויף די זומער־מאָנאַטן, וועט ער אַוועקפאָרן קיין אירלאַנד און וועט דאָרטן בלייבן גאַנצע פיר חדשים. דאָס האָט איג־נאַציוסן נישט געשמעקט, כאָטש ער האָט נישט געוואָגט צו פרעגן וואָס וועט מיט אים זיין אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט. איגנאַציוס האָט זיך געשראָקן, אַז ווען זיין נייער באַלעבאָס וועט פאַרלאָזן קאַנאַדע אויף אַ לענגערער צייט, וועט אים זיין ביטער. ער האָט אָבער אַלץ אויסגע־הערט אַ שווייגנדיקער. דערנאָך האָט ער זיך פאַרנויגט און איז אַוועק מיט אַ צוזאָג צו קומען אויף זיין נייעם פּאָסטן אין האַרבסט.

אין דרויסן, אויף דער גאַס, איז איגנאַציוס געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער געפינט זיך אינמיטן פון אַ גרויסן פּאַלאַץ מיט אַ סך טירן, אָבער ער ווייסט נישט דורך וועלכער טיר אַרויסצוגיין. וואָס וועט איצט מיט אים זיין? פון וואָס וועט ער זיך דער־נערן אין דעם פרעמדן לאַנד? ער קאָן דאָך אפילו נישט גענוג ענגליש אויף דורכצורעדן זיך מיט מענטשן!

נאָך לאַנגע טראַכטענישן האָט ער באַשלאָסן, אַז דער־ווייל וועט ער אַריינפאָרן אין אַ דאָרף און טאָן שווערע אַרבעט, אַבי זיך דורכצושטיפּן ביז זיין אויסלייזער, דער מיסיאָנער וועט צוריקקומען פון אירלאַנד.

אין דעם ערשטן דאָרף, נעבן מאָנטרעאל, ווו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער פּאַרמער אים געפרעגט:

— וואָס ווילסטו טאָן ביי אונז אין לאַנד?

— כ'גרייט זיך צו ווערן אַ גלח — האָט איגנאַציוס געענטפערט, מיינענדיק אַז אַזוי־אַרום וועט ער מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דעם פּאַרמער, אָבער דער פּאַרמער האָט זיך צעלאַכט.

— האָסטו שוין אַמאָל געאַרבעט אויפן פעלד?

— ניין! — האָט ער געענטפערט — אָבער מיין פאָ־טער האָט זיך פאַרנומען מיט פעלד־אַרבעט.

דער פּאַרמער האָט פונדעסטוועגן רחמנות געהאַט אויף אים און נישט געוואָלט אים אַוועקשיקן, האָט ער אים אי־בערגעגעבן די אויפזיכט איבער זיין סטאַדע שעפּסן. איגנאַ־ציוס איז געוואָרן אַ פּאַסטעך און געפירט זיין סטאַדע אין די טאָלן און בערג אויסערן דאָרף. אָבער זיינע געדאַנקען זענען געווען ווייט פון דעם פאַרם־לעבן.

עס זענען אַוועק דריי טעג און דער פּאַרמער אַליין האָט זיך איבערצייגט, אַז דער יונגערמאַן וועט זיך נישט אויסטויגן צו זיין אַ פּאַסטעך. ער האָט דעריבער מיט אים געמאַכט נאָך אַ פּראָבע: ער זאָל אַרבעטן אויפן פעלד צוזאַמען מיט זיינע זין ביים זייען און אַקערן.

צוויי טעג האָט איגנאַציוס אויסגעהאַלטן ביי זיין נייער אַרבעט. ער פלעגט אויפשטיין צוזאַמען מיט דעם פּאַרמערס זין, ווען ס'איז נאָך געווען פינצטער. און געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג אונטער דער ברענענדיקער זון. ער איז אָבער נישט צוגעוווינט געווען צו שווערער פיזישער אַרבעט און דאָס איז אויף אים געפאַלן שווער. אויפן צווייטן טאָג ביים זון־פאַרגאַנג, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון פעלד, האָט ער געקראָגן הויכן פיבער און געהאַלטן ביים צוזאַ־מענברעכן. דער אַרויסגערופענער דאָקטאָר האָט באַשטע־טיקט, אַז איגנאַציוס האָט געקראָגן טיפוס און מען האָט אים גלייך אַריבערגעפירט אין אַ שפּיטאָל אין מאָנטרעאָל.

ווי דורך אַ גליקלעכן צופאַל איז גראָד אין יענעם טאָג אָנגעקומען אַ בריוו מיט געלט פון זיין געליבטער אין

דייטשלאַנד, מאַרגאַרעטאַ קאַלאָר. אין דעם פּאַטעטישן בריוו האָט דאָס מיידל געשריבן, אַז איר האַרץ זאָגט איר, אַז ער ליידט אין דער פרעמד און גוויטיקט זיך אין איר הילף...

ווען נישט דאָס אָנגעקומענע געלט — האָט איגנאַציוס ביי זיך געטראַכט — וואָלט ער אויסגעגאַנגען פון הונגער. אין שפּיטאָל האָט מען אים לאַנג נישט געהאַלטן. ער איז געווען גאָר געפערלעך קראַנק און ס'האָט שוין באַלד אויסגעזען, אַז דער מלאך המות וועט אים באַזיגן, אָבער זיין שטאַרקער ווילנס־קראַפט האָט אים געראַטעוועט. ווען ער איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט ער פלייסיק זיך גענומען לערנען ענגליש. אַזוי זענען פאַרביי וואָכן, חדשים ביז עס האָט זיך אָנגערוקט דער האַרבסט.

ווען ער איז געקומען צום גלח מעקאַרטי אָננעמען זיין צוגעזאָגטע שטעלע, האָט ער צוערשט געמוזט דורכגיין אַ טעאָלאָגישן עקזאַמען. פינף פּראָפעסאָרן האָבן אים גענומען אויף אַ פאַרהער. דאָס אויספרעגן איז געווען שטרענג און פּעדאַנטיש, אָבער די דערפאַרענע פּראָפעסאָרן אין טעאָלאָגיע האָבן זיך באַלד אַרומגעזען, אַז דער יונגערמאַן קאָן נישט ווינציקער פון זיי... און ווען ס'קומט צו די קענטנישן אין דער ביבל שטייגט ער זיי אַריבער.

ער האָט געקראָגן דעם דיפּלאָם. ער איז דאַן אַלט געווען 22 יאָר און איז געוואָרן דער ייִנגסטער פּרעסביטעריאַנישער גלח אין גאַנץ קאַנאַדע.

דער מיסיאָנער מעקאַרטי האָט געגעבן איגנאַציוסן די פולע פרייהייט ביים דורכפירן זיין שמד־פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן. דער געוועזענער תּלמודיסט און מקובל האָט זיך אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט גרויס ענטוזיאַזם. ער האָט קודם־כל געעפנט אַ גרויסן מיסיאָנערישן לייען־זאַל נישט ווייט פון דער יידישער געגנט. אין יענער צייט איז די איינוואַנדערונג פון די מזרח־אייראָפּעישע יידן געווען אַ גרויסע. נישט אַלעמען איז עס געגאַנגען מזלדיק, נישט אַלע האָבן זיך געקאָנט אַקלימיטאַזירן אין נייעם לאַנד. און אין די איינזאַמע שעהן האָבן די אַנטוישטע אימיגראַנטן זיך גע־

טראָפֿן אין דעם מיסיאָנערישן לייען־זאַל, כדי איינער פֿאַרן צווייטן אויסצודערציילן זיינע צרות.

דער „לייען־זאַל" איז געווען איינגעאָרדנט מיט גרויס קאָמפֿאָרט, אַזוי אַז עס זאָל צוציען די אָרעמע מענטשן. אויסער דעם האָט מען דאָרט אויך געקראָגן אַ וואַרעמע זופּ. עס זענען געווען אויסגעשפּרייט איבער די טישן צייטונ־גען פֿון די אייראָפּעישע לענדער אין פֿאַרשידענע שפּראַכן: פּויליש, רומעניש, אונגאַריש, יידיש. די ווענט זענען געווען אויסדעקאָרירט מיט אויפֿשריפֿטן פֿון תנ"ך און דווקא אין העברעיש. איגנאַציוס האָט געטאָן אַלץ אין דער וועלט צו שאַפֿן אַ היימישע יידישע סביבה.

ער האָט געהאַט זיין אייגענע טאַקטיק. ער האָט נישט אַטאַקירט די יידישע רעליגיע אָפֿן. פֿאַרקערט, ער אַליין האָט איינגעלאַדן זיינע געסט צו לעקציעס אין תנ"ך. ער האָט מיט אַ פֿרומער מינע פֿאַרטייטשט קאַפּיטלעך פֿון דער ביבל, אָבער דערביי האָט ער אויף אַ כיטרן אופֿן אַריינגעשמוגלט די קריסטלעכע פּראָפּאַגאַנדע און דווקא אין די רייד פֿון די נביאים ירמיה, ישעיה און דניאל. ער האָט זיך באַמיט צו איבערצייגן זיינע צוהערער, אַז „משיח" איז שוין פֿון לאַנג געקומען אין דער געשטאַלט פֿון דעם מאַן פֿון נצרת.

די וועלכע זענען געקומען אין זיין לייען־זאַל, האָבן זיך נישט געכאַפּט, אַז ער וויל זיי אָפּשמדן. זיי האָבן אַפֿילו אָנגעהויבן מיטצוברענגען אהינצו זייערע באַקאַנטע און קרובים. איגנאַציוס האָט זייער געשיקט אויסגעשפּרייט די נעץ פֿאַר זייערע פֿיס, די מיסיאָנערישע נעץ, און ס'איז אים געלונגען אָפּצושמדן אַ קליינע צאָל יידן. דאָס האָט אַזוי באַאומרואיקט די רבנים, אַז זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אזהרה — אַ וואָרענונג צו די יידן פֿון מאָנטרעאָל, אַז זיי זאָלן זיך היטן פֿון דעם משומד איגנאַציוס טימאָטעאוס טריביטש...

די ערשטע וואָרענונג האָט קיין ווירקונג נישט געהאַט, און דער מיסיאָנערישער לייען־זאַל איז געווען געפּאַקט ביי־טאָג און ביינאַכט. די אַטמאָספֿער איז דאָרט געווען אַזאַ, אַז די באַזוכער פֿלעגן דאָס רופֿן דער „יידישער קלוב", אָבער אין אַ ווינקל פֿון יענעם „קלוב" איז שטענדיק גע־

שטאַנען דער מיסיאָנער־משומד און געלויערט אויף זיינע קרבנות. די רבנים זענען ווידער זיך צונויפגעקומען אויף אַ באַראַטונג און באַשלאָסן דעם משומד צו באָיקאָטירן. זיי האָבן אָנגעגעבן אַ פּעטיציע צו דער רעגירונג, אַז דער מיסיאָנער מישט זיך אין יידיש־רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן און מ׳האָט פאַרלאַנגט אים אַרויסצוטרייבן פון דער יידישער געגנט.

איגנאַציוס האָט זיך נישט גענומען צום האַרצן דעם באָיקאָט. ער האָט זיך געשטעלט אויף אַ פּלאַטמאָרם אויף אַ סקווער און געפּרעדיקט פאַר די קריסטן. די יידן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן אים געשאָלטן און אויסגעשפּיגן, און אָפטמאָל איז עס דערגאַנגען צו שלעגערייען.

אָבער דער גרעסטער סקאַנדאַל איז אויסגעבראָכן, ווען די שטאָטישע יידן האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַ רייכע יידישע טאָכטער, עוועלין גראָס, האָט זיך פאַרליבט אין דעם יונגן מיסיאָנער, און טראָץ די תחנונים פון איר פאָטער, האָט זי אים נישט געוואָלט פאַרגעסן. עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז דער פאַרביטערטער פאָטער האָט פאַרגעשלאָגן דעם מיסיאָנער איגנאַציוס, אַז ער וועט דערלויבן זיין טאָכטער מיט אים חתונה צו האָבן, אָבער מיט איין באַדינג, אַז ער וועט צוריק ווערן אַ ייד.

דער משומד האָט אָפּגעוואָרפן מיט שפּאָט אַזאַ פאָרשלאָג. דערווייל האָט מען פאַרשפּרייט אַזויפיל רכילות און בייזע רייד וועגן דער פאַרליבטער טאָכטער פון דעם רייכן ייד, אַז יענער איז געצווונגען געוואָרן איינצופּאַקן אינמיטן נאַכט אַלע זיינע געשעפטן און אַנטלויפן פון מאָנטרעאָל קיין טאָראָנטאָ.

די הייסע ליבע צווישן איגנאַציוסן און עוועלין גראָס האָט זיך געענדיקט ערשט דאַן, ווען דער משומד האָט זיך גוט באַפעסטיקט אויף זיין מיסיאָנערישער שטעלע און זיין פריערדיקע כלה מאַרגאַרעטאַ קאַלאָר פון דייטשלאַנד איז אָנגעקומען. איגנאַציוס האָט מיט איר גלייך חתונה געהאַט און עוועלין איז פאַרגעסן געוואָרן.

דער דערפאָלג פון איגנאַציוס טימאָטעאוס האָט איבער־

ראַשט אַלעמען. ער איז געוואָרן באַקאַנט אַלס איינער פון די גרעסטע אָראַטאָרן צווישן די גלחים אין קאַנאַדע. מען האָט אים איינגעלאַדן צו פּרעדיקן אין אַלע קריסטלעכע קירכעס און טויזנטער מענטשן זענען געקומען אים הערן. ער האָט אַריינגעטראָגן אין זיינע רעדעס דעם יידישן ברען און די יידישע באַגייסטערונג, וואָס האָט איינגענומען הערצער. ווען עס איז פאָרגעקומען די יערלעכע קירכן־קאָנפערענץ אין אָטאַוואַ, צו וועלכער עס האָבן געשטראָמט טויזנטער גלחים, האָט מען באַשטימט איגנאַציוסן ער זאָל אָפיציעל באַגריסן און אויך בענטשן די דעלעגאַטן.

צווישן די געסט ביי יענער קאָנפערענץ האָט זיך אויך געפונען דער הויפּט פון דער קאַנאַדער רעגירונג, סער ריטשאַרד באָרדען. ווען דער יונגער משומד האָט פאַרענדיקט זיין באַגייסטערטע באַגריסונגס־רעדע, איז צו אים צוגעגאַנגען דער דיפּלאָמאַט, געדריקט אים די האַנט און אויסגערופן:

— אַזאַ וווּנדערלעכע רעדע האָב איך אין מיין גאַנץ לעבן נאָך נישט געהערט!

זיין דערפאָלג האָט אים אויך פאַרשאַפט קאָנקורענץ און עס האָבן אים נישט געפעלט קיין שונאים צווישן די קריסטלעכע גייסטלעכע אין קאַנאַדע. ווען דער אַרציבישאָף האָט אים שפּעטער באַשטימט אַלס דעם דעקאַן אין מאָנטרעאָל, זענען ביי דער צערעמאָניע אָנוועזנד געווען בלויז 20 מענטשן. הונדערטער גלחים האָבן אויס אייפערזוכט און נישט־פאַרגינערייי אויסגעמיטן צו קומען. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז אָן אומזין אַזאַ יונגן מענטש אַרויפצושטעלן אויפן שפּיץ לייטער פון דער קריסטלעכער פּירערשאַפט. צענדליקער און אפשר הונדערטער זיבעציק־יאָריקע און אכציק־יאָריקע זקנים לעכצן נאָך אַזאַ אַמט אין דער היעראַרכיע און זיי קאָנען אפילו נישט חלומען, אַז דאָס וועט אַמאָל פאַרווירקלעכט ווערן.

אָבער די שטאַרקסטע קעגנערשאַפט האָבן די קריסטלעכע גייסטלעכע אַרויסגעוויזן טריביטשן אין יענעם טאָג, ווען דער אַלטער גלח נאָרמאַן מעקאַרטי האָט באַשלאָסן זיך צוריקצוציען פון דער פּירערשאַפט אין דעם מיסיאָנערן־

הויז און אויף זיין פּלאַץ, אַלס זיין נאָכפאָלגער, האָט ער באַשטימט איגנאַציוסן. עס איז געקומען צו אַן אָפּשטימונג און זיין קאַנדידאַט איז דורכגעפאַלן. קעגן דעם האָט אפילו נאָרמאַן מעקאַרטי גאָרנישט געקאָנט טאָן. די אָפּשטימונג איז געווען אַ געזעצלעכע.

פאַר איגנאַציוסן זענען געווען צוויי ברירות: אָדער זיך אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון דער מערהייט, אָדער זיך אינגאַנצן צוריקציען פון זיין דינסט אין דער מיסיאָנערן־באַוועגונג.

אָבער דער דורכגעטריבענער און שטאַנדהאַפטיקער איג־נאַציוס טימאָטעאוס, דער אַמאָליקער יצחק בן נתן טריביטש, האָט זיך נישט געשראָקן אָפּצוזאָגן זיך פון זיין דינסט. ער האָט געהאַט זיינע אויסרעכענונגען, און עס זענען אפשר געווען נאָך אַנדערע סיבות, וואָס האָבן אים געטריבן אָנצו־נעמען אַזאַ באַשלוס.

זיין דייטשע פרוי, מאַרגאַרעטאַ, איז נישט געווען גליק־לעך אין דעם נייעם לאַנד קאַנאַדע. נאָך דער חתונה איז זי געוואָרן אַן עלנדע, פאַרגעסענע הויז־פרוי. ער, איגנאַציוס, פלעגט אַרומפאָרן איבער שטעט און פּרעדיקן זיינע מיסיאָ־נערישע דרשות און זי איז געבליבן זיצן אין דער היים. זי האָט נישט געקאָנט קיין ענגליש און קיין פראַנצויזיש — די שפּראַכן פון לאַנד. אויסער דעם האָט זי דורכגעמאַכט אַ שווערע טראַגעדיע מיט אַ קורצער צייט צוריק.

זי האָט געבוירן אַ זון, אָבער מער ווי געציילטע וואָכן האָט דאָס ניי־געבוירענע קינד נישט געלעבט. איר איינ־זאַמקייט איז געוואָרן נאָך שווערער. עס האָט מאַרגאַרעטאַן געצויגן צו איר פאַמיליע אין דער אַלטער היים. זי האָט געוואָלט צוריקפאָרן קיין אייראָפּע, וווּ זי וועט געפינען טרייסט.

און איגנאַציוס אַליין האָט מיטאַמאָל אויסגערעכנט, אַז עס לוינט אים מער נישט צו בלייבן אין קאַנאַדע. דערצו איז דאָס פעלד פון אַרבעט דאָרט פאַר אים צו־קליין. נאָך אַלעם, וואָס איז דען קאַנאַדע, אויב נישט אַ פּראָווינץ פון דעם ענגלישן קעניגטום? טאָ פאַרוואָס זאָל ער זיצן אין דער

פראָווינץ, ווען עס איז נוצלעכער פאַר אים צו ווינען אין צענטער פון ענגלאַנדס אימפעריע — אין לאָנדאָן? ענגלאַנד האָט דאָך באַהערשט אַ פערטל פון דעם גאַנצן ערד־קוגל, און עס איז לאָגיש, אַז זיין אָרט זאָל זיין אין ענגלאַנדס הויפטשטאָט.

עס זענען פאַרביי קוים עטלעכע וואָכן און דער יונגער גלח האָט פאַרלאָזן קאַנאַדע. ווען ער איז שוין געזעסן אויף דער שיף, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם אַטלאַנטיק אויפן וועג קיין ענגלאַנד, האָט ער געהאַט אין זיין טאַש אַ בריוו פון דעם אַרציבישאָף פון מאָנטרעאָל צום אַרציבישאָף פון קענטערבערי. ער איז געווען איבערצייגט, אַז מיט דער הילף פון דעם בריוו וועלן אַלע פאַרשלאָסענע טויערן זיך ברייט עפענען פאַר אים.

קאַפּיטל זיבן

דער ערשטער וויזיט פון איגנאַציוס טימאָטעאוס ביי דעם אַרציבישאָף פון קענטערבערי, דעם פירער פון דער קריסט־לעכער קירך אין ענגלאַנד — איז נישט געווען קיין געלונ־גענער. ער איז אויפגענומען געוואָרן אין דעם פריוואַטן צימער פון גייסטלעכן, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צום טייך טעמזע. דאָס וועטער איז געווען אַ כמורנעס און אַזוי איז אויך געווען די שטימונג פון דעם אַרציבישאָף. דער גייסט־לעכער האָט אים נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע פריינט־שאַפט.

ער האָט גערעדט צו זיין גאַסט אָפּגעהאַקטע ווערטער, ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין געדולד. ער פלעגט זיך אויפהויבן פון זיין ווייכן שטול, מאַכן גרימאַסן, זיך האַלטן ביים בויך, ווי ער וואָלט געהאַט מאָגן־שמערצן. ווען ער האָט שוין געהאַט איבערגעלייענט דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו פון מאָנטרעאָל, האָט ער געזאָגט:

— יאָ, איגנאַציוס טימאָטעאוס, כ'האָב שוין געהערט וועגן דיר נאָך איידער דו האָסט פאַרלאָזן קאַנאַדע. כ'ווייס

אפילו, אַז דו האָסט געגעסן מיטאָג מיט דעם רעגירונגס־פירער דאָרט, אַ טאָג פאַר דיין אָפּפאָרן...

איגנאַציוס האָט ברייט צעעפנט זיינע אויגן. ערשט איצט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער ווערט נאָכגעשפּירט אויף שריט און טריט. דער „געהיים־דינסט" צווישן די גלחים אַרבעט אויסגעצייכנט! מען ווייסט דאָרט וועגן יעדער באַוועגונג זיינער. אפילו דער פראַנצויזישער געהיים־דינסט, וואָס איז דער בעסטער אין דער וועלט, איז הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט דעם שפּיאָנאַזש־סיסטעם אַרום דער קירך.

— וואָס אייגנטלעך פאַרלאַנגסטו פון מיר, איגנאַציוס?

— האָט דער אַרציבישאָף פון קענטערבערי אומגעדולדיק אַ זאָג־געטאָן, ווי ער וואָלט וועלן זיך אָפּפאַרטיקן מיט זיין גאַסט.

— כ'וואָלט וועלן פאַרשלאָגן מיין דינסט צו אייער עקסעלענץ... אין דער איצטיקער צייט וועל איך זיך אפילו באַגנוגענען מיט אַ קליינער קירך אין לאָנדאָן.

דער אַרציבישאָף האָט זיך ביטער צעשמייכלט. זיינע ליפּן האָבן זיך פאַרקרומט:

— דו ווייסט דאָך, איגנאַציוס, אַז יעדער גלח און יעדער בישאָף וויל דווקא קריגן אַ שטעלע אין לאָנדאָן. די צאָל קאַנדידאַטן דערגרייכט דאָך אין די טויזנטער...

און כדי צו איבערצייגן דעם באַזוכער, אַז יעדעס וואָרט וואָס קומט פון זיינע ליפּן איז ריינער אמת, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום אַלמער מיט ביכער און אַרויסגענומען אַ באַנד, געבונדן אין לעדער, און פאַר אים אויפגעמישט די ליסטע מיט קאַנדידאַטן.

— אָט זענען די טויזנטער קאַנדידאַטן פאַרצייכנט אויף צענדליקער בלעטער... און דו מוזט וויסן, אַז ביי אונז קאָן מען נישט שפּרינגען. דער גאַנג מוז זיין שטופנווייז, טרעפּ נאָך טרעפּ אויפן לייטער...

— איך בין די גאַנצע צייט זיכער געווען — האָט איגנאַציוס זיך אָנגערופן — אַז די פעאיקייטן און די קוואַליטעט פון דעם מענטש ווערן פאַרגעצויגן... אַזוי פאָדערט אויך דער ווילזיין פון דער קירכע...

דער קריסטלעכער גייסטלעכער האָט געוווסט צו וואָס איגנאַציוס צילט. ער האָט אָבער איגנאָרירט זיין באַמערקונג און אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט ער געפרעגט:

— דו ביסט דאָך אַ פרעסביטעריאַנער קריסט, ריכטיק? און מיר זענען אַנגליקאַנער...

— דאָס האָב איך געוווסט... אָבער מיך האָט שטענדיק געצויגן צו די אַנגליקאַנער און דער פאַקט, וואָס כ'האָב ביז איצט געדינט די פרעסביטעריאַנער, דאַרף דאָ נישט זיין קיין אָפּהאַלט...

ווידער האָט דער אַרציבישאָף זיך נישט געקאָנט איינ־האַלטן פון געלעכטער. אָט דער יונגער גלח, וואָס שטייט פאַר אים, איז גרייט צו בייטן זיינע רעליגיעזע איבערצייי־גונגען אַזוי ווי מען בייט העמדער אויפן לייב... שמעקט דאָס נישט מיט גריינגשעצונג?

— איך האָף, איגנאַציוס, אַז דו ביסט קיינמאָל קיין אמתער קאַטאָליק נישט געווען.

אויף די ליפּן פון דעם גייסטלעכן האָט גערוט אַ שפּאָט־אויסדרוק ביי די ווערטער, אָבער איגנאַציוס האָט זיך גע־מאַכט נישט באַמערקן זיין מינע.

— אָה, ניין! — האָט ער געזאָגט. — כ'בין קיינמאָל נישט געווען קיין קאַטאָליק...

און ס'איז אים דאַן איינגעפאַלן אַז ווען דער אַרציבישאָף וואָלט געהאַט מער צייט פאַר אים, וואָלט ער זיך אריינגע־לאָזט אין אַ ברייטער אויפקלערונג, אַז אין דער געשטאַלט פון די קאַטוילישע גלחים האָט ער אייגנטלעך שטענדיק געזען די קריסטלעכע פּאָגראָמשטשיקעס, די געשווורענע שונאים פון יידישן פאָלק, אָט־די וועלכע זענען טאַקע פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר די ימען יידיש בלוט, פאַר די שחיטות, פאַר די בלוט־בילבולים... ער האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז דאָס איז משוגעת צו וועלן איבערצייגן דעם אַרציבישאָף אין קריסטלעכער רישעות.

— אויב אַזוי, וועסטו מוזן זוכן פאַר זיך אַזאַ קריסטלע־כע שטעלע, צו וועלכער דו וועסט קאָנען דינען מיטן גאַנצן

האַרצן, איגנאַציוס! — האָט דער גייסטלעכער געוואָלט פאַרענדיקן דעם שמועס.

איגנאַציוס האָט נאָך פּרובירט מיט אַלע מיטלען צו איבערצייגן דעם אַרציבישאָף אין זיין נוצלעכקייט.

— אייער עקסעלענץ דאַרף וויסן, אַז איך בין דערצויגן געוואָרן צווישן פרומע יידן... כ׳קען די יידישע מאָראַל און כ׳קען די יידישע תורה... כ׳ווייס אויך ווי גרויס ס׳איז די צאָל יידן אין לאָנדאָן, וואָס נויטיקט זיך אין דעם וואָרט פון דעם אמתן גאָט...

אָבער דער גייסטלעכער האָט אפילו נישט געוואָלט מער הערן וואָס דער היציקער יונגער גלח וויל אים זאָגן. ער האָט איבערגעמישט אַ בלאַט און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער:

— עפּעלדאָר געפינט זיך אין דער געגנט פון קענט... ס׳איז נישט קיין גרויסע פּאַראַפיע, אָבער ס׳איז אַן אידעאַלער פּלאַץ פאַר אַרבעט... כ׳וועל נאָך היינט אַוועקשיקן אַ בריוו צום דאָרטיקן בישאָף... אָבער דו טאָרסט זיך נישט איילן, איגנאַציוס... דו זאָלסט בעסער וואַרטן עטלעכע טעג ביז דו וועסט אַהינפאָרן...

דער אַרציבישאָף האָט זיך אויפגעשטעלט, אַלס צייכן אַז דער געשפּרעך איז פאַרענדיקט. אויך איגנאַציוס האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול. ער האָט אונטערטעניק זיך פאַרנויגט פאַר אים, אַפילו אַ שמייכל געטאָן, אָבער אין האַרצן איז ער גרייט געווען אַ וואָרף־צו־טאָן אויפן קאָפּ פון אָט־דעם גייסטלעכן אַ סך פּעטע קללות אין דער אמתער זאַפטיקער אונגאַרישער שפּראַך.

— כ׳בין טיף דאַנקבאַר, אייער עקסעלענץ, פאַר אייער פריינטלעכער אויפנאַמע...

ווען איגנאַציוס איז שוין געווען אין גאַס, האָט ער ערשט דערפילט די גאַנצע באַליידיקונג און אנטוישונג. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט אין ערשטן מאָמענט, אַז דער קריסטלעכער גייסטלעכער האָט אים צוריק ארייַנגעשטעלט אין זיין היים־שטעטל פּאַקס, דאָרט וווּ זיין וויג איז געשטאַנען און דאָרט וווּ ער האָט זיין ערשטע דערציאונג באַקומען... פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט באַטראַכט ווי

אַ באַזיגטער. ער איז ביי זיך געווען פעסט איבערצייגט, אַז עס וועט נאָך קומען אַ טאָג און ער וועט נאָך ווייזן זיין כּוח דעם אַרציבישאָף וועלכער האָט זיך געשטעלט אין זיין וועג גראָד דאַן, ווען ער האָט געוואָלט דערגיין צום שפּיץ פון זיין קאַריערע.

עס זענען פאַרביי צוויי טעג און איגנאַציוס האָט זיך שוין געפונען אין שטעטל עפּעלדאָר, ווו ער האָט אָנגענומען די שטעלע וואָס מען האָט אים פאָרגעשלאָגן. ער האָט איצט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. ער האָט געמוזט פאַרדינען קודם־כּל אויף ברויט. דאָס שטעטל אין דער פּראָווינץ קענט איז אים פאָרגעקומען ווי אַ האָטעל, ווו ער איז געצוווּנגען צו בלייבן אַ שטיקל צייט. און דאָס אָרט דאָ וועט מוזן ווערן זיין שפּרינגברעט צו אַ ווייטערדיקן ציל.

אין יענעם יאָר 1903 איז עפּעלדאָר געווען אַ קליין, שטיל שטעטל. מען האָט דאָרט געלעבט אויפן אַלטמאָדישן שטייגער. די אָרעמע איינוווינער זענען געגאַנגען צופוס און די רייכערע זענען געפאָרן אין קאָטשן מיט פערד. פון קיין אויטאָמאָבילן האָט מען נאָך נישט געהערט, און ווער האָט זיך דען געניטיקט אין דעם?

אָבער אין דעם שטעטל עפּעלדאָר, ווי אין אַלע שטעט פון ענגלאַנד, זענען מענטשן געבוירן געוואָרן, חתונה גע־האַט און געשטאָרבן און אַ גלח איז דאָרט געווען אַזוי נויטיק ווי אַ דאָקטאָר, ווי אַן אַפּטייקער און ווי אַ קבר...

ווען דער אַלטיטשקער, גרייז־גרויער וויקאַר האַמילטאָן האָט דערזען אַריינקומען איגנאַציוסן, האָט ער צו אים זיך אָנגערופן:

— כ'האָב געהערט, אַז דו ביסט אַ יונגער און דערפאָלג־רייכער גלח... נעכטן האָב איך פון אַרציבישאָף באַקומען אַ בריוו וועגן דיר.

וואָס וואָלט איגנאַציוס דעמלט נישט אַוועקגעגעבן צו דערוויסן זיך וואָס דער בייזער אַרציבישאָף האָט וועגן אים געשריבן? אָבער דער גרייז־גרויער האַמילטאָן האָט געהאַט זיינע ליפּן פאַרשלאָסן. ער האָט זיין גאַסט נישט דערציילט, אַז פון לאָנדאָן האָט מען געשריבן, אַז דער יונגער איגנאַציוס

וועט זיך קיינמאָל נישט באַגנוגענען מיט אַ שטעלע וואָס זאָל זיין קלענער ווי דער אַמט פון דעם אַרציבישאָף פון קענטערבערי... דער יונגערמאַן איז קלוג, כיטרע און האָט צו־גרויסע אַמביציעס. מען מוז דעריבער האַלטן אויף אים אַ שטרענג, וואַכזאַם אויג...

אין פאַרלויף פון דריי יאָר צייט איז איגנאַציוס געזעסן אויף זיין אַמט ביי די אַנגליקאַנער אין עפּעלדאָר. און וואָס האָט ער אַלץ דאָרט נישט געטאָן? ער האָט אָפּגעטובלט די ניי־געבוירענע קריסטלעכע קינדער אין דעם „הייליקן וואַסערל", געפּרעדיקט צו די זינדיקע אַז זיי זאָלן זיך אומקערן אויפן גלייכן וועג, געהאָלפן חתונה מאַכן פּאָרלעך און באַגראָבן מתים.

עס איז מעגלעך, אַז אין ענגלאַנד האָבן זיך געפונען הונדערטער יונגע גלחים, וואָס וואָלטן גליקלעך געווען צו האָבן אַזאַ אַמט ווי איגנאַציוס. אָבער אים, דעם געוועזענעם עילוי אין שטעטל פּאַקס, איז דאָרט געווען ענג צום דערשטיקט ווערן. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער פאַרשווענדט זיינע יאָרן... ס'איז אמת, אַז מען האָט אים דאָרט שטאַרק רעספּעקטירט, די בירגער פון שטעטל האָבן אים באַגריסט ערפורכטיק, ווען ער איז דורכגעגאַנגען די גאַסן. אָבער וואָס איז פון דעם אַלעם אַרויסגעקומען? ס'האָט זיך אים אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ ריז וואָס שפּאַצירט אַרום צווישן ליליפּוטן, אָדער ער האָט זיך אַליין באַטראַכט ווי אַ שפּייענדיקער ווולקאַן וואָס געפינט זיך אין שכנות פון אַ קליין אינזעלע...

פון אָנהויב האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער וועט כאָטש קאָנען אָפּשפּאָרן עטלעכע הונדערט פונט, וועט ער קאָנען פאַרלאָזן דאָס שטעטל און זוכן עפּעס בעסערס. אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך דערוווסט, אַז יעדער איינוווינער אין שטעטל ווייסט גענוי וויפל זייער גלח דאַרף אויף אויסקומעניש. מען ווייסט וואָס זיין פרוי קאָכט אויף אָונטברויט, ווען זי קויפט פאַר זיך אַ ניי קלייד און פאַר איר מאַן אַ נייעם כאַלאַט...

ס'האָט גאָרנישט לאַנג גענומען ווי ער האָט ביי זיך

אָפּגעמאַכט, אַז ער מוז פון דאַנען אַנטלויפן, ווייל דאָס שטעטל איז פאַר אים אַ טורמע. ער האָט געמאַכט פאַרשידענע פּלענער, אָבער קיין אויסוועג פון דעם קלעם האָט ער נישט געזען. צופעליק האָט ער אין יענע טעג געלייענט אַ בוך פון בענדזשאַמין דיזראַעלי (ביקאָנספילד), דער ייד, וועלכער איז געווען דער ענגלישער פּרעמיער־מיניסטער אין די צייטן פון דער קעניגין וויקטאָריאַ.

דאָס בוך האָט אים שטאַרק באַגייסטערט. ער האָט זיך אַליין אויך פאָרגעשטעלט ווי אַ קליינער דיזראַעלי. אייגנטלעך זענען ביידע געפירט געוואָרן פון דעם זעלבן שיקזאַל. אויך דיזראַעלי איז געווען אַ משומד. זיין פאָטער האָט אים אָפּגעטויפט אין דעם „הייליקן וואַסערל", ווען ער איז אַלט געווען פיר יאָר. טאָ פאַרוואָס זאָל ער, טריביטש, נישט קאָנען דערגרייכן צו אַזאַ הויכער קאַריערע ווי יענער? דיזראַעלי איז געווען די גרעסטע פּאָליטישע פיגור אין בריטאַניע. ער האָט אָפּגעקויפט פון דעם עגיפּטישן קאַדיוו דעם סועץ־קאַנאַל, גרויס געמאַכט די קעניגלעכע קרוין און אויפגעבויט די ענגלישע אימפּעריע.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט יצחק טריביטש, וואָס האָט איצט געהייסן איגנאַציוס טימאָטעאוס, אַריינגעשטעלט אין זיין וווינונג אַ בראָנזענע סטאַטוע פון דיזראַעלי און ער האָט זיך אויך איינגעשאַפן אַ סך ביכער, וואָס האָבן באַהאַנדלט פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן. שוין דעמלט האָט זיך אין אים דערוועקט אַ חשק צו ווערן אַ מיטגליד אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, און ער האָט דעריבער גענומען אין דער פרייער צייט שטודירן סאָציאָלאָגיע. ער האָט איינפאַך גענומען נאָכזאָגן די שטאַרקע רעדעס וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אין פּאַרלאַמענט. ער האָט געפאָרשט אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך געוואָלט אויסלערנען די פירונגען און מאַניערן אין דער העכערער ענגלישער געזעלשאַפט...

דאָס ערשטע וואָס ער האָט דורכגעפירט איז געווען — ענדערן זיין נאָמען. וועגן דעם האָט ער זיך נישט אָנגעשטויסן אויף קיין שוועריקייטן. ער איז אַריינגעגאַנגען אין

געריכט־הויז, באַצאָלט עטלעכע שילינג און איז פון דאָרט אַרויסגעקומען אַן אַנדערער מענטש. זיין נייער נאָמען איז איצט געוואָרן טימאָטי לינקאָלן. פאַרוואָס האָט ער עפּעס אויסגעקליבן דעם נאָמען לינקאָלן? וועגן דעם האָט ער זיך קיין רעכנונג נישט אָפּגעגעבן. אפשר דערפאַר, ווייל דער אייגנטימער פון דעם שיין־קלינגענדיקן נאָמען איז געווען דער גרויסער אַמעריקאַנער עמאַנציפּאַטאָר? און ער אַליין וויל דאָך אויך זיין אַן עמאַנציפּאַטאָר, אַ באַפרייער, און קודם־כל וויל ער זיך אַליין אויך באַפרייען פון דעם ענגן שטעטל עפּעלדאָר...

ס׳קאָן אויך זיין אַז דער נאָמען לינקאָלן איז אים איינגעפאַלן דערפאַר, ווייל פאַרן אריינגיין אין געריכטס־הויז, ביים דורכגיין אין קליינעם פּאַרק, האָט ער באַמערקט אַ סטאַטוע פון פּרעזידענט לינקאָלן.

יצחק טריביטש, דער איצטיקער טימאָטי לינקאָלן, האָט פאַרשטאַנען, אַז כדי דורכצופירן זיינע גרויסע פּלענער מוז ער קודם־כל האָבן אַ קוואַל פון געלט. אפילו אויף געווײלט צו ווערן אין פאַרלאַמענט מוז מען אָנפירן אַ קאָמפּאַניע, וואָס קאָסט געלט. אָבער אין אָנהויב יאָר 1905 איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון האַמבורג, אַז זיין שווער, דער דייטשער קאַפּיטאַן, איז געשטאָרבן. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער אויסגעפונען, אַז דער שווער האָט איבערגעלאָזט אַ ירושה, אַ היפּשע סומע געלט פאַר זיין איינציקער טאָכטער מאַרגאַרעטאַ, וועלכע איז געווען טריביטש־לינקאָלנס ווייב...

דאָס איז געווען אַ גרויס גליק פאַר אים. ער האָט אויסגערעכנט, אַז מיט זיין שווערס ירושה וועלן זיי קאָנען לעבן גאַנצע פינף יאָר, און ער וועט נישט דאַרפן אַרבעטן.

ער האָט גלייך באַשלאָסן צו רעזיגנירן פון זיין שטעלע אין עפּעלדאָר, און אין אַ פּראָסטיקן ווינטער־פאַרטאָגס האָט ער ווידער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון וויקאָר האַמילטאָן.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט דער גרייז־גרויער מאַן געפרעגט, — פאַרוואָס קלאַפּסטו אַזוי פרי אין מיין טיר?

טריביטש־לינקאָלן האָט געענטפערט קורץ:

— כ׳בין געקומען אייך לאָזן וויסן, אַז איך רעזיגניר פון מיין אַמט.

— דאָס איז דאָך אומעגלעך! — האָט דער אַלטער נישט באַנומען. — וואָס וועסטו דען איצט טאָן?

— כ׳וועל זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק!

— פּאָליטיק? וואָס געבוי האָסטו אינזינען צו טאָן?

— כ׳וועל געוויילט ווערן אַלס מיטגליד אין פּאַרלאַמענט.

דער זקן האָט אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיק געלעכטער, אַז זיין שווערער קערפּער האָט זיך פון טרייסלען אָנגעבלאָזן ביז צום פּלאַצן. ער האָט גענומען שטאַמלען פון איבעראַשונג:

— דו וויצלסט זיך, מיין זון!

— כ׳בין טויט־ערנסט! — האָט טריביטש לינקאָלן אומגעדולדיק אַ זאָג־געטאָן. — אין פינף יאָר אַרום וועל איך זיין אַ מיטגליד פון ענגלישן פּאַרלאַמענט... כ׳וויל טאַקע, אַז איר זאָלט דאָס פאַרצייכענען אין דער כראָניק פון דער קירך... פונקט אין פינף יאָר אַרום... פאַרשרייבט דאָס מיט רויטן טינט! און ווען ס׳וועט קומען דער באַשטימטער טאָג, וועלן מיר זען ווער ס׳איז געווען גערעכט...

ווען טריביטש לינקאָלן איז אַרויס פון דעם הויז פון גייסטלעכן, זענען בלויז צוויי מענטשן אויף דער וועלט געווען זיכער, אַז זיין נבואה וועט פאַרווירקלעכט ווערן. דאָס זענען געווען ער און... זיין ווייב.

צומאָרגנס איז דאָס פּאָרפּאָלק אָפּגעפאָרן קיין העמפּטאָן, נישט ווייט פון לאָנדאָן. דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויסרעכענען מיט וועלכער פּאַרטיי עס וועט אים לוינען צו גיין. וועלכע פּאַרטיי וועט זיין די זיגרייכע אין די קומענדיקע וואַלן? ער איז שוין געווען גוט באַהאַוונט אין אַלע פּאָליטישע אינטריגעס צווישן די פּאַרטייען אין ענגלאַנד. ער האָט גאָר גיך אויסגעפונען, אַז די זיכערסטע פּאַרטיי איז די ליבעראַלע פּאַרטיי פון לאָיד דזשאָרדזש. איצט האָט ער בלויז געהאַט איין אויפגאַבע: ווי אַזוי קומט מען צו צו אָט־דער איינפלוסרייכער פּאַרטיי? ווי אַזוי שאַפט מען זיך

אַ גרופּע פריינט, וואָס זאָלן זיין פּאַראינטערעסירט אים אַרויסצושטעלן אַלס קאַנדידאַט צום ענגלישן פּאַרלאַמענט?

אין זיין פריער קינדהייט נאָך האָט טריביטש לינקאָלן געגלויבט אין שיקזאַל. ווען דער מענטש ווערט געבוירן, באַשטימט דער באַשעפער פאַר אים אַ שטערן, וואָס באַגלייט אים זיין גאַנץ לעבן. דעריבער איז נישט וויכטיק וועלכן וועג דער מענטש קלייבט זיך אויס, ווייל אין לעצטן סך־הכל וועט ער סיי־ווי דערגרייכן דעם ענדגילטיקן ציל.

איינמאָל — ס׳איז געווען אין חודש יאַנואַר 1906 — ווען טריביטש לינקאָלן האָט געהאַלטן אין לייענען די טאָג־צייטונג „וועסטמינסטער גאַזעט", האָט זיין בליק זיך אָנגע־שטויסן אויף אַן אַנאָנס מיט אַן איבערשריפט „די ליגע צו פאַרבאָטן שאַרפע געטראַנקען". יענער אַנאָנס האָט אויפגע־פאָדערט גוטע רעדנער, אַז זיי זאָלן קומען און זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער הויפּט־ביוראָ פון דער ליגע אין לאָנדאָן. ווי נאָר ער האָט איבערגעלייענט די לעצטע שורה פון דעם אַנאָנס, איז טריביטש לינקאָלן אויפגעשפרונגען און פון גרויס באַגייסטערונג געגומען רייבן איין האַנט אין דער צווייטער.

— דאָס איז דער וועג! — האָט ער אויסגערופן. — ווער נאָך איז אַזוי ווי איך באַשאָנקען מיט אַ שטאַרקער רעדנער־קראַפט? די קירך האָט מיך נישט געוווסט ווי אָפּצושאַצן, אָבער כ׳קאָן דאָך שפּייען מיט פייער! כ׳קאָן אויסרייסן בערג! כ׳בין אַ גלענצנדיקער פּרעדיקער!

צומאָרגנס איז ער שוין געווען אויפן וועג צו דער הויפּט־ביוראָ פון דער ליגע, וואָס האָט באַקעמפט שיכרות. די ביוראָ האָט זיך געפונען אין איינער פון די פּרעכטיקע גע־ביידעס אין לאָנדאָן, אין דער געגנט פון פּאַרלאַמענט. ווען ער האָט פאַרבייגייענדיק דערזען פון דער ווייטנס דעם פּאַ־לאַץ וועסטמינסטער, דאָרט ווו עס טרעטן אויף די פּאַר־שטייער פון פאָלק, האָט זיין האַרץ געגומען צאַפּלען פון פרייד. מיט גרויס בענקשאַפט האָט ער געשיקט זיינע בליקן אַהין. ער איז ביי זיך געווען איבערצייגט, אַז ס׳וועט לאַנג נישט דויערן און אויך ער וועט זיך לאָזן הערן פון יענער

וועלט־טריבונע. יאָ, ער, יצחק בן נתן טריביטש פון דעם אונגאַרישן שטעטל פּאַקס, וועט זיין איינער פון די פּאַרלאַ־מענט־מיטגלידער אין ענגלאַנד.

אין ביוראָ האָט אים איצט אויפגענומען אַ העפלעכע סעקרעטאַרין. זי האָט אים געפרעגט וואָס ער טוט, ווי ער הייסט, זיין אַדרעס און אויך מיט וואָס ער האָט זיך באַ־שעפטיקט אין דער פאַרגאַנגענהייט. מיט זיינע ענטפערס האָט ער געמאַכט אַ גאָר גוטן איינדרוק אויף דער סעקרע־טאַרין. זי האָט אים געבעטן ער זאָל אויסדריקן זיין מיינונג וועגן דעם געזעץ צו פאַרווערן דעם געברויך פון שאַרפע געטראַנקען, וואָס די ליגע קלייבט זיך אַריינצוטראָגן אין פּאַרלאַמענט.

טריביטש לינקאָלן האָט נישט פאַרזאַמט קיין איין רגע. ער האָט מיט זיין נאַטירלעכן ענטוזיאַזם זיך אַרויסגעזאָגט ווי נוצלעך אַזאַ געזעץ וועט זיין פאַר די בירגער פון ענג־לאַנד. ער האָט זיין דערקלערונג געמאַכט פּאַטעטיש, מיט די געהעריקע דראַמאַטישע עפעקטן און זיך געשווירן פאַר דעם מיידל, אַז זיינע ליפּן האָבן נאָך קיינמאָל זיך נישט צוגערירט צו אַ גלעזל אַלקאָהאָל, און ווען מענטשן וואָלטן געוויכט פון דעם ביטערן טראָפּן, וואָלט די וועלט געהאַט אַ שענערן פּנים...

טריביטש לינקאָלן האָט זיך בלויז געשראָקן פאַר איין שטערונג, וואָס קאָן צונישט מאַכן אַלע זיינע פּלענער, און דאָס איז: זיין פרעמדער אַקצענט אין דער ענגלישער שפּראַך. וויפל ער האָט זיך נישט באַמיט אויסצוואָרצלען דעם אויסלענדישן קלאַנג אין זיין שפּראַך, האָט ער דאָס נישט באַוויזן.

טראָצדעם האָט די סעקרעטאַרין אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט אים לאָזן וויסן וועגן דעם באַשלוס פון דער ליגע אין פאַרלויף פון די קומענדיקע פאַר טעג.

אויף יענער זייט טיר איז ער געבליבן שטיין היפּש אַנטוישט. אויב ער זאָל איצט דורכפאַלן — האָט ער גע־טראַכט — מיינט דאָס נאָך נישט, אַז ער איז אַ פאַרלוירענער. ער וועט זיך נאָך דורכשלאָגן זיין וועג צום פּאַרלאַמענט

דורך אַנדערע וועגן. און ווי ער איז אַזוי געשטאַנען אַ פּאַרטראַכטער, האָט ער פּלוצים דערהערט אַ שטים, וואָס רופט אויס זיין נאָמען:

— מיסטער לינקאָלן! מיסטער לינקאָלן!

ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען ווי הינטער אים שטייט אַ מאַן, אַריבער די פופציקער, אַ הויכער און אַ שלאַנקער און אויף זיין געזיכט איז געווען אויסגעגאָסן אַן אַריסטאָקראַטישע איידלקייט. אויך זיין קליידונג איז געווען ציכטיק און אַריסטאָקראַטיש, אַזוי ווי ביי אַ לאָרד.

— מיסטער לינקאָלן! — האָט דער שלאַנקער מאַן איבערגעחזרט. — איך בין גראָד געזעסן אין ביוראָ, ווען די סעקרעטאַרין האָט אייך אינטערוויואירט און כ'האָב געהערט, אַז איר רעדט פליסיק דייטש... אפשר וועט איר איינשטימען מיך אויסצולערנען אָט־די שפּראַך?... כ'נויטיק זיך אין דער דייטשער שפּראַך צוליב מיינע געשעפטן...

פון אָנהויב האָט טריביטש ליגקאָלן געוואָלט אויסבייטלען אַלע זיינע ווייסטע חלומות אויף דעם פרעמדנס קאָפּ, אויף זיין לייב־און־לעבן. ווי מאָדנע! ער, יצחק בן נתן טריביטש, איז אַנטלאָפן פון זיין שטעטל, ווייל ער האָט נישט געוואָלט זיין אַ רבי, אַ מלמד, קומט איצט עמעצער און פאָדערט פון אים ער זאָל מיט אים קנעלן אַ שפּראַך! אָבער ווען דער ערשטער צאָרן האָט זיך אָפּגעקילט, האָט ער זיך אָנגערופן, כלומרשט אין קווענקלעניש:

— כ'ווייס נישט... די פראַגע איז צי כ'וועל געפינען צייט דערויף... כ'בין איצט פאַרנומען מיט פיל אַנדערע זאַכן...

טריביטש ליגקאָלן האָט צוגענומען די וויזיט־קאַרטע, וואָס דער מאַן האָט אים דערלאַנגט, און זי אַריינגעשטופּט צו זיך אין קעשענע אַריין.

זיצנדיק אין אויטאָבוס, אויפן וועג צו דער באַן, וואָס האָט אים געזאָלט פירן אַהיים, האָט ער זיך שטאַרק פאַרטראַכט, וואָס ער דאַרף איצט ווייטער טאָן. צופעליק האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין טאַש און אַרויסגענומען די וויזיט־קאַרטע. ס'איז אים איינגעפאַלן: ער וועט פאָרט

אַ קוק־טאָן ווער עס איז דער מאַן, וואָס וויל זיך לערנען ביי אים דייטש. מיטאַמאָל איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער האָט איבערגעלייענט דעם נאָמען: בענדזשאַמין ראָונטרי! דער נאָמען איז אים געווען באקאנט פון די צייטונגען. ראָונטרי איז דאָך דער „קעניג פון קאַקאַאָ".

און ווי נאָר ער האָט זיך דערוווסט, אַז זיין צוקונפטיקער תלמיד איז דער „קעניג פון קאַקאַאָ", איז אים אויך נישט שווער געווען אויסצורעכענען, אַז דער „קאַקאַאָ־קעניג" איז אַ מולטי־מיליאָנער, אַ גרויסער אינדוסטריעלער, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם וועלט־מאַרק מיט זיין שאָקאָלאַד־און קאַקאַאָ־פּראָדוקציע. אָט דאָס איז דאָך דער מאַן, אין וועמען ער, טריביטש, נויטיקט זיך איצט.

ער האָט זיך געמאַכט פאַרוווּרפן פאַרוואָס ער האָט דעם מאַן נישט באַמערקט אין דער ביוראָ פון דער ליגע. ער האָט איצט געהאַט אַ פאַרלאַנג נאָכצולויפן דעם רייכן מאַן און זיך אַנטשולדיקן פאַר אים. אָבער נאָך אַ ווײַלע האָט ער זיך באַזינען, אַז עס וועט זיין בעסער ער זאָל דעם מיליאָנער לאָזן וואַרטן. דערפון וועט ער געווינען מער אָנזען ביי אים. ער וועט נישט פאַרשפּעטיקן, אויב ער וועט צו אים צוגיין מאָרגן.

אָנשטאָט צוריקצופאָרן אַהיים, האָט ער באַשלאָסן צו נעכטיקן אין לאָנדאָן. ער איז גלייך אַוועק אין פּאָסט־אַמט און אַוועקגעשיקט אַזאַ דעפּעשע צו זיין פרוי:

„דער וועג איז אָפן! מיין אַריינטריט אין פאַרלאַמענט איז געזיכערט...

טימאָטי טריביטש־לינקאָלן".

קאַפּיטל אַכט

ווען דער מיליאָנער ראָונטרי, דער „קאַקאַאָ־קעניג", האָט זיך נעענטער באַקענט מיט טריביטש לינקאָלן, האָט ער גע־נומען שטאַרק רעספּעקטירן זיינע פעיקייטן און זיינע קענ־טענישן אין די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען.

טריביטש לינקאָלן האָט מיט זיין רייכן שילער געלערנט נישט נאָר די דייטשע שפּראַך, נאָר אויך סאָציאָלאָגיע און פעלקער־געשיכטע.

— כ׳האָב דעם איינדרוק, מיסטער לינקאָלן — האָט ראָונטרי געזאָגט — אַז צווישן אונז אַנטוויקלט זיך אַ פריינטשאַפט, וואָס וועט געוויס אָנהאַלטן אַ לאַנגע צייט!

— איך בין גליקלעך, מיסטער ראָונטרי — האָט דער יונגערמאַן ווידער געענטפערט הכנעהדיק — וואָס דו געפינסט מיך פאַר גענוג וויכטיק צו זיין אין דיין געזעלשאַפט... איך בין נאָך מער גליקלעך, וואָס דו דערלויבסט מיר אָפט צו פאַרברענגען אונטער דיין דאַך...

פאַר די חניפהדיקע רייד זיינע האָט טריביטש לינקאָלן געקראָגן ווי געהעריק אָפּגעצאָלט. אין פאַרלויף פון די דריי וואָכן, וואָס ער האָט אים געגעבן לעקציעס אין דייטש, האָט דער מיליאָנער אים געשטעלט צום דינסט אַ לוקסוס־אַפּאַר־טאַמענט, וואָס איז געווען אַ טייל פון זיין הויז. דאָס רייכע הויז איז געשטאַנען גלייך קעגנאיבער דעם סעינט דזשעימס פּאַרק, וואָס איז געווען כמעט נעבן דער פּאַרלאַמענט־גע־ביידע.

עס זענען פאַרביי וואָכן און חדשים. אָנהויב 1907 האָט ראָונטרי געמאַכט זיין נייעם פריינט פאַר זיין פּריוואַטן סעק־רעטאַר, און דאָ האָט טריביטש לינקאָלן געהאַט אַלע געלע־גנהייטן זיך צו באַקענען מיט די פּראָמינענטסטע מענטשן אין דער העכערער געזעלשאַפט פון לאָנדאָן. ער איז איינ־געלאַדן געוואָרן צו פאַרשידענע טיי־אָוונטן ביי די אינ־דוסטריעלער און דיפּלאָמאַטן. ער איז געוואָרן באַליבט ביי פרויען און די טירן פון די ענגלישע אַריסטאָקראַטישע היי־זער זענען פאַר אים געשטאַנען אָפן.

ער איז געוואָרן אַן אָפטער איינגייער אין די ליבעראַלע קלובן. זיין הויכע אינטעליגענץ און רעדנער־קראַפט, טראָץ זיין פרעמדן אַקצענט, איז פון אַלעמען באַמערקט געוואָרן און מען האָט אים אָנגעהויבן איינצולאַדן צו פאַרלעזונגען. ער האָט געוווּסט ווי אַזוי צו טרעפן אין פּינטל אַריין און גוט אויסגערעכנט, אַז ער זאָל האָבן וואַכזאַמע אויערן ווען

ער רעדט. זיין צומערסטנס־באַליבטע טעמע איז געווען וועגן פרייען אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, אָן טאַריף־פאַרצוימונגען. ער האָט זיך שטענדיק באַמיט צו רעדן אין גייסט און אין געשמאַק פון די ענגלישע ליבעראַלן.

און אַזוי איז אויף איינער פון זיינע פאַרלעזונגען פאַר די ענגלישע אינדוסטריעלער געקומען די גרויסע געלעגנהייט, אויף וועלכער ער האָט געהאָפט אַזאַ לאַנגע צייט. ער האָט דעמאָלט דערלאַנגט אַזאַ פייערדיקע רעדע, אַז די צוהערער זענען באַגייסטערט געוואָרן פון זיינע איבערצייגנדיקע שלאַג־ווערטער און אייזערנע אַרגומענטן. ווען ער האָט געענדיקט רעדן, האָט — צו זיין גרויסער איבעראַשונג — זיך געווענדעט צו אים אַ פירער פון דער ליבעראַלער פאַרטיי מיט אַזעלכע ווערטער:

— מיסטער לינקאָלן! איר זייט אַ גלענצנדיקער אָראַטאָר און מיר האָבן נישט אין אונדזערע רייען צופיל פון אָט־דעם סאָרט... כ׳וועל אייך מאַכן אַ דרייסטן פאָרשלאַג: וואָלט איר גרייט געווען צו ווערן אַ קאַנדידאַט פון אונדזער פאַרטיי אין די קומענדיקע וואַלן צום פאַרלאַמענט?

דאָס האַרץ ביי טריביטש לינקאָלן האָט געגומען קלאַפּן האַסטיקער. „צי כ׳וועל גרייט זיין צו ווערן אַ קאַנדידאַט אין די קומענדיקע וואַלן? צוליב דעם בין איך דאָך אַוועק פון עפּעלדאָר, געוואָרן אויס גלח. צוליב דעם האָב איך דאָך פאַרברענט אַלע בריקן הינטער זיך! כ׳וויל איצט גיין אויף דעם זעלבן וועג, ווו עס איז געגאַנגען אַן אַנדערער ייד צו זיין דערפאָלג — בענדזשאַמין דיזראַעלי...״

פונדעסטוועגן האָט ער דיפּלאָמאַטיש געשוויגן אַ היפּשע ווײַלע. ער האָט געהאַט פאַרגעניגן צו האַלטן דעם עולם אין שפּאַנונג. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— מײַנע דזשענטללייט! עס איז פאַר מיר אַ גרויסע ערע צו הערן פון אייך אַזאַ פאָרשלאַג... אָבער ווירקלעך, כ׳ווייס אַליין נישט ווי אַזוי כ׳וועל קאָנען דורכפירן די זאַך... כ׳בין דאָך נאָך אַ פרעמדער ביי אייך אין לאַנד. כ׳האָב דאָך אפילו נישט געקראָגן די בירגער־פּאַפּירן...

— מיט דעם וועלן נישט זיין קיין שוועריקייטן! —

האָט זיין פריינט ראָונטרי זיך אַריינגעמישט. — איך וועל שוין זאָרגן דערפאַר, אַז די פּאַפּירן אייערע זאָלן וואָס גיכער דערליידיקט ווערן, און אויב מען וועט דאַרפן אונטעראיילן די זאַך, וועט מען אויך דאָס קאָנען מאַכן.

— אויב אַזוי — האָט לינקאָלן איצט גערעדט מיט דער געוויינלעך איבערגעטריבענער זעלבסטזיכערקייט — קאָן איך אייך פאַרזיכערן, אַז נישט בלויז וועל איך זיין אייער קאַנדידאַט, נאָר כ'וועל אויך אַרויס אַ זיגער אין די וואַלן!

דער שאָקאָלאַד־מיליאָנער ראָונטרי איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט בייגעשטייערט אַ גרויסע סומע געלט צו דער וואַל־קאַמפּאַניע פאַר טריביטש־לינקאָלן. עס זענען אַוועק בלויז געציילטע טעג און טריביטש־לינקאָלן האָט אויסגערעכנט, אַז נישט בלויז וואָס זיין אויסלענדישקייט וועט אים נישט שטערן אין די וואַלן, נאָר ס'וועט גאָר העלפן צום דערפאָלג. דער ענגלענדער האָט פיינט און האָט ליב דעם פרעמדן אין דער זעלבער צייט. די ענגלענדער האָבן אַ טבע, אַז דער פרעמדער אינטריגירט זיי און זיי ווילן דערגיין וועלכע אידייען ער ברענגט מיט זיך און וואָס איז ער דאָ גרייט צו פאַרקויפן. און יעדער איינער, וואָס קאָן פאַראינטריגירן אַן עולם, איז שוין אַ האַלבער דערפאָלג!

טריביטש לינקאָלן האָט אַוועקגעשטעלט פאַר זיך אַלס מוסטער בענדזשאַמין דיזראַעלי. וואָס איז געווען דער סוד פון זיין דערפאָלג? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט און גלייך געקומען צום אויספיר — זיין פרעמדקייט! ער איז נישט געווען קיין טיפישער ענגלענדער! זיין אַנדערשקייט און דווקא זיין אָריגינעלקייט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן און אַרויסגערופן דעם טיפסטן אינטערעס און רעס־פּעקט אין זיין צייט. דערפאַר איז ער אויך אַרויס דער געווינער! ער האָט געקאָנט אָנצינדן אַ מאַסע! ער האָט געפאַנגען זייַנע צוהערער מיט זיין אויסערגעוויינלעכער, שרייענדיקער קליידונג, מיט זייַנע פייערדיקע שלאָג־ווער־טער, מיט זיין ברענענדיקער באַגייסטערונג, וואָס האָט אָנ־געשטעקט און מיטגעריסן יונג און אַלט.

און וויבאַלד טריביטש לינקאָלן האָט געוואָלט איבער־

נעמען אַלץ פון זיין פאָרגייער דיזראַעלי, האָט ער אויך באַשלאָסן זיך צו קליידן ווי אַן עכטער, סאָלידער ענגלענ־דער. דעריבער האָט ער אָנגעטאָן געשטרייפטע, געפּרעסטע הויזן, אַ לאַנגן שוואַרצן פראַק, אַ שניפּס, וואָס האָט גע־בלענדט פון קאָלירן. ער האָט אויך נישט פאַרפעלט צוצו־דעקן דאָס רעכטע אויג מיט אַ מאָנאָקל...

פון אָנהויב איז ער זיכער געווען, אַז ער וועט אַרויס־געשטעלט ווערן אַלס קאַנדידאַט צו די וואַלן אין לאָנדאָן, אָבער ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סך קאָנקורענטן אין דער ליבעראַלער פאַרטיי. ער איז געצוווּנגען געווען צו פירן דעם וואַל־קאַמף אין אַן אַנדערער געגנט — אין דאַרלינגטאָן, וואָס האָט זיך געפונען עטלעכע שעה רייזע מיט דער באַן פון דער הויפּטשטאָט.

ער האָט מיטן גאַנצן ברען זיך אַריינגעוואָרפן אין דער וואַל־קאַמפּאַניע. זיין אַרבעט איז נישט געווען קיין לייכטע, ווייל דאַרלינגטאָן איז פון אייביק־אָן געווען פאַרעכנט אַלס אַ פעסטונג פון די קאָנסערוואַטיוון. און נישט נאָר דאָס, נאָר דאָרט האָט זיך געפונען אַ פּראָמינענטע פאַמיליע פּיז, וואָס האָט שוין געהאַט אַ מאָנאָפּאָל אויף די אַלע פּריווילע־גיעס. ס׳איז געווען איינגעפירט, אַז דער זון פון דער משפחה פּיז האָט נישט בלויז געירשנט זיין טאַטנס פאַרמעגן, נאָר אויך זיין פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט. עס איז שוין געווען כמעט אָנגענומען, אַז דער ענגלישער פּאַרלאַמענט אָן אַ פאָרשטייער פון דער פאַמיליע פּיז — איז געווען אין יענע צייטן אַן אומעגלעכקייט.

דער קאָנסערוואַטיווער קאַנדידאַט פאַרן פּאַרלאַמענט אין דאַרלינגטאָן איז דאַן געווען פּאַיק פּיז. ער איז געווען דער רייכסטער מאַן אין יענער געגנט און אויף אים זענען פּאַק־טיש געווען אָנגעוויזן אַרום 60 טויזנט מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין זיינע קוילן־גרובנס, אין די שטאָל־פאַבריקן און פיל זענען אויך געווען באַשעפטיקט אין זיינע גיטער. די וועלכע האָבן געצויגן פּרנסה פון אים, האָבן פאַר אים געציטערט און תמיד געשטימט פאַר יעדן משפחה־מיטגליד,

וואָס איז געלאָפן אַלס פּאַרלאַמענטאַריער. פּאַיק פּיז איז אויך דאָסמאָל געווען זיכער מיט אַ זיג.

און נאָך איין פאָרצוג האָט אָט דער רייכער אינדוסטריעלער געהאַט. ער איז געווען די בייטש אין דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי און אַלע פּאַרטיי־מיטגלידער האָבן זיך צוגעהערט צו אים. דאָס האָט נאָך מער געשטאַרקט זיין פּרעסטיזש.

און ווען מען האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ביי די קומענדיקע וואַלן וועט ער האָבן צו קעמפן מיט אַ נייעם קאָנקורענט, איינער וואָס הייסט טריביטש לינקאָלן, האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַזאַ ווילדן געלעכטער, אַז זיין דינערשאַפט אין הויז האָט זיך אַזש דערשראָקן פון זיין ספּאַזמאַטיש געלעכטער. ער האָט אַוועקגעשריבן אַ בריוו צו זיינע פּאַרטיי־מענטשן אין לאָנדאָן און דאָרט איז אַזוי געשטאַנען:

„איך ווייס נאָך נישט ווען די וואַל־קאַמפּאַניע וועט זיך אָנהויבן, אָבער איך וויל גאָרנישט קעמפן דאָס מאָל, ווייל כ'האָב געהערט, אַז עפּעס אַ „וואַנץ” פון אונגאַרן מיטן נאָמען טריביטש האָט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור קעגן מיר...”

אָבער אָט דער זעלבסט־זיכערער פּאַיק פּיז האָט, ווייזט אויס, נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דעם כוח פון דער „וואַנץ” טריביטש לינקאָלן. ער, לינקאָלן, האָט שוין באַצייטנס איינגעלייגט וועלטן און אויפגעשטורעמט די מאַסן. טויזנטער זענען געקומען צו די מיטינגען אים הערן. זיינע שלאָג־ווערטלעך זענען איבערגעחזרט געוואָרן און זיין רום אַלס רעדנער איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. נישט נאָר האָט ער גערעדט אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין די גרויסע מיטינג־זאַלן, נאָר ער פלעגט אויך רעדן אין די קירכעס און דאָרט, אונטערן שאָטן פון קרייץ, האָט ער אַגיטירט דעם עולם ווי אַ פאַנאַטישער קריסט.

די וואַל־קאַמפּאַניע איז אָנגעגאַנגען מיט שטורעם. פרויען האָבן אָרגאַניזירט ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען פון זייערע קלובן, ווו ער איז אַרויסגעטראָטן אַלס רעדנער. געלט פאַר דער קאַמפּאַניע איז געפלאָסן פון אַלע זייטן. טריביטש־

לינקאָלן אַליין האָט אויך געשריבן פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

אין די רייען פון די קאָנסערוואַטיווע ענגלענדער האָט מען זיך שטאַרק געשראָקן פאַר די רעזולטאַטן פון די וואַלן, כאָטש די ליבעראַלן זענען גאָרנישט געווען אַזוי זיכער צי זייער נייער קאַנדידאַט טריביטש לינקאָלן וועט געוויילט ווערן. אָבער אין דאַרלינגטאָן האָט זיך געטאָן חושך אין דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. די פירער האָבן געשיקט טעלעגראַמעס קיין לאָנדאָן, וווּ פּאַיק פּיז האָט זיך געפונען, און אַפּעלירט צו אים ער זאָל אַראָפּקומען און אָנהויבן אַ קעגן־אַטאַקע אויף דעם פרעמדן, פייערדיקן אָפּאָנענט.

דער רייכער פּאַיק פּיז איז געווען אַ שטאָלצער פּריץ און ס׳איז אים גאָרנישט אָנגעשטאַנען צו פאָרן קיין דאַרלינגטאָן און זיך פאַרמעסטן מיט עפּעס אַן אונגאַריש גלח׳ל, וואָס רעדט ענגליש מיט אַ פרעמדן אַקצענט. ס׳איז געווען אונטער זיין ווירדע אַרויסצוטרעטן געגן אַזאַ נישטיקן קעגנער. אָבער ווען זיינע פּאַרטיי־מענטשן אין דאַרלינגטאָן האָבן נאָכאַנאַנד אַלאַרמירט, אַז אויב מען וועט איגנאָרירן דעם קעגנער, וועט מען פאַרשפּילן אין די וואַלן, ערשט דעמאָלט האָט פּאַיק פּיז זיך אויפגערעגט. ער האָט זיך אויפגעהערט צו בלאָזן און באַפוילן זיינע אונטערשטיצער, אַז מען זאָל גלייך אָנהויבן אַן אַטאַקע אויף טריביטש לינקאָלן.

דער באַפעל איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג. די קאָנסערוואַטיוון, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען פיל רעאַקציאָנערן, האָבן זיך גענומען באַנוצן מיט דעמאַגאָגיע אין דעם וואַל־קאַמף. מען האָט זיך אפילו נישט געהיט פון אַנטיסעמיטישע לאָזונגען, אַבי צו שלאָגן דעם שונא.

אין דער צייטונג „נאָרט סטאַר" איז אין אַ שיינעם העלן טאָג געווען אַזוי געשריבן: „עס איז שוין געקומען די שעה, אַז מיר זאָלן זאָגן דעם ליבעראַלן פאַרשטייער — דעם פרעמדן ייד — גענוי וואָס מיר דענקן וועגן אים..."

ווען די פרויען־קלובן, די אָנהענגערינס פון טריביטש־לינקאָלן, האָבן דעמאָנסטרירט אין די גאַסן פאַר אים, האָבן

די אָנהענגער פון פּאַיק פּיז געגאָסן אויף זייערע קעפּ עמערס מיט וואַסער. ס'איז געקומען צו ביטערע צוזאַמענשטויסן און פּאָליציי איז געווען געצוווּנגען זיך אַריינצומישן. די שטאַרק־באַזוכטע מאַסן־מיטינגען זענען געשטערט געוואָרן. די קאָנסערוואַטיוון האָבן געמאַכט צווישנרופן, געשטערט דעם רעדנער, אים געוואָלט צעטומלען מיט זייערע פראַגן, אָבער דער שאַרפזיניקער טריביטש לינקאָלן האָט שטענדיק גרייט געהאַט פאַר די שטערער אַ פאַסיקן ענטפער.

— מיסטער לינקאָלן! — האָבן די שטערער אַרויפגעשריען צו אים אויף דער רעדנער־פּלאַטפאָרמע, — דו ביסט דאָך אַן אונגאַר, ריכטיק? טאָ זאָג אונז, וואָס איז, לויט דיין מיינונג, דער בעסטער עקספּאָרט־אַרטיקל וואָס אונגאַרן שיקט אַהער קיין ענגלאַנד?

לינקאָלן האָט זיך נישט פאַרלוירן פון דער פּראָוואָצירנדיקער פראַגע און גלייך געענטפערט:

— דאָס בעסטע עקספּאָרט־אַרטיקל וואָס אונגאַרן האָט איצט געשיקט קיין ענגלאַנד — דאָס בין איך...

די מאַסן האָבן ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירט.

— אָבער ווי אַזוי וועסטו דאָס דערקלערן, מיסטער לינקאָלן? — האָבן די שטערער נישט אָפּגעלאָזט — וואָס דו, וואָס ביסט אַן אונגאַר, טרעטסטו גאָר אויף היינט ווי אַן ענגלענדער?

— מיין ליבער פריינט! — האָט לינקאָלן רואיק געענטפערט דעם פרעגער — דו ביסט בלויז אַן ענגלענדער פון געבורט, אָבער איך בין אַן ענגלענדער פון מיין אייגענעם פרייען אויסוואַל...

און ווידער האָבן די פאַרזאַמלטע געדונערט פון אַפּלאָדיסמענטן און געלעכטער, אַז די ווענט פון דעם ריזיקן זאַל האָבן אַזש זיך געטרייסלט.

דער אָפּקלאַנג פון לינקאָלנס דערפאָלג האָט זיך געטראָגן איבער גאַנץ ענגלאַנד. אַלע צייטונגען האָבן זיך גענומען אינטערעסירן מיט די רעדעס פון דעם ליבעראַלן קאַנדידאַט. די לאָנדאָנער „טאַימס" האָט אים געשאָנקען בלויז עטלעכע שורות, אָבער דער הומאָריסטישער וואָכנבלאַט „פּאַנטש"

האָט געמאַכט אַן אַ שיעור קאַריקאַטורן פֿון אים. לינקאָלן האָט געהאַלטן פֿייערדיקע רעדעס און גאַנץ ענגלאַנד האָט געלאַכט, און געלאַכט האָט מען נישט דערפֿאַר, ווייל מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ קאָמעדיאַנט, פֿאַר אַ פּאַיאַץ. אַלע האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער קען אויך רעדן טיף און מיט פֿאַרנעם, פּונקט ווי אַן אוניווערזיטעט־פּראָפֿעסאָר, איבער פֿאַרשידענע פּראָבלעמען. אָבער געלאַכט האָט מען, ווייל זיינע קאָמפּערישע, ערנסטע רעדעס זענען געווען דורכגעפֿלאָכטן מיט שאַרפֿזין, מיט הומאָר און דאָס האָט אויפֿגעמונטערט צום לאַכן אַ סך אָנגעכמורעטע, קילע ענגלענדער.

דער רייכער יורש, פֿאַיק פֿיז, האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אַליין אַראָפּצוקומען קיין דאַרלינגטאָן און אָנהויבן די מלחמה קעגן דעם אויסלענדער. ער האָט פֿאַרשווענדעט ריזיקע סומען אויף פּראָפּאַגאַנדע, אָרגאַניזירט מיטינגען און קעגן־דעמאָנסטראַציעס, אָבער עס האָט אויסגע־זען, אַז ס׳איז שוין אפֿשר צו־שפּעט, טריביטש לינקאָלן האָט געמאַכט היפּשע לעכער אין זיין פֿעסטונג.

די צייט האָט אויך צוגעשפּילט פֿאַר טריביטש־לינקאָלן. ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער 5־טער מאַי, 1909, ווען ער האָט אַרויסגעקריגן ענגלישע בירגער־פּאַפּירן. ער איז שוין מער נישט געווען קיין פֿרעמדער אין ענגלאַנד, ער איז געווען אַ גלייכבאַרעכטיקטער בירגער ווי אַלע ענגלענדער.

אין דעצעמבער 1909 האָט מען אויפֿגעלייזט דעם פּאַרלאַמענט און ס׳זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן נייע וואַלן. אויך דאָ האָט פֿאַר לינקאָלן צוגעשפּילט דאָס מזל. זיין גאַנצע וואַל־קאַמפּאַניע וואָלט אפֿשר געווען אַרויסגעוואָרפֿן ווען נישט דאָס, וואָס דער ענגלישער פּאַרלאַמענט איז אויפֿגעלייזט געוואָרן פֿאַר דער צייט.

אין ענגלאַנד האָט זיך דעמאָלט געקאָכט צוליב דער פּריצייטיקער שליסונג פֿון פּאַרלאַמענט. די אמתע אורזאַך פֿאַרוואָס מען האָט אַהיימגעשיקט די פּאַרלאַמענט־מיטגלידער איז געווען, ווייל דאָס לאָרדן־הויז האָט נישט אָנגענומען דעם בודזשעט, וואָס דער דעמאָלטדיקער פֿינאַנס־מיניסטער

לאָיד דזשאָרדזש האָט צוגעשטעלט. די מיליאָנערן, וועלכע זענען געזעסן אין לאָרדן־הויז. האָבן געטענהט, אַז לאָיד דזשאָרדזש ווייל זיי פּשוט רואינירן, דעריבער לייגט ער אויף זיי אַרויף אַזוינע שווערע שטייערן, און לאָיד דזשאָרדזש „דער צויבערמאַן פון וועלש״, האָט זיך געריבן די הענט פון שמחה צוליב דער צעפלאַקערטער דעבאַטע: זאָל דאָס פאָלק באַשליסן מיט וועמען מען דאַרף האַלטן — מיט אים, צי מיט דעם לאָרדן־הויז?

ווען פּאַיק פּיז האָט דערזען, אַז ס'האַלט שמאָל און ער קען נאָך פאַרלירן זיין אָרט אין פּאַרלאַמענט, האָט ער אַוועקגעשיקט אַ ספּעציעלן שליח קיין לאָנדאָן, אַז מען זאָל אַראָפּשיקן אַ פּאָר „בערן״ פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. צוויי וויכטיקע קאָנסערוואַטיווע פירער — באַלפור און טשמבערלעין — זענען אַראָפּגעקומען קיין דאַרלינגטאָן און געהאַלטן רעדעס פאַר דעם כמעט געשלאָגענעם פּאַיק פּיז. דאָס האָט אָבער געפירט דערצו, אַז אויך די ליבעראַלן האָבן אַראָפּגעבראַכט זייערע פּראָמינענטע פירער. דער פּרעמיער־מיניסטער אליין, אַסקוויט בכבודו ובעצמו, איז געקומען רעדן פאַר טריביטש־לינקאָלן. אויך לאָיד דזשאָרדזש און מעקעזעה זענען געקומען און געהאַלטן רעדעס צוזאַמען מיט טריביטש לינקאָלן אויף איין פּלאַטפאָרמע.

דעם 10־טן יאַנואַר 1910, איז געווען דער טאָג פון וואַלן. די פּאָליציי איז געווען מאָביליזירט איבער די גאַסן, טאָמער וועט קומען צו צוזאַמענשטויסן. דער טאָג איז דורכגעגאַנגען מיט שטורעם. די געמיטער זענען געווען צעהיצט און ס'האָבן אָפּט אויסגעבראָכן געשלעגן אין די גאַסן.

נאָך האַלבער נאַכט האָט מען גענומען ציילן די שטימען. דאָס ציילן די שטימען איז צוגעגאַנגען אויף אַ גאָר דראַמאַטישן אופן. מען האָט געציילט יעדע שטימע מיט ציטערדיקע הענט, ווייל די צאָל האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן, אַזוי ווי אויף אַ וואָגשאָל. אַמאָל האָט פּאַיק פּיז געהאַט מער און לינקאָלן ווייניקער און אַ צווייט מאָל איז געווען פונקט פאַרקערט.

אינדרויסן האָט דער המון דערווייל געשטורעמט. מען איז געווען אומגעדולדיק און געוואָלט וויסן די רעזולטאַטן. ענדלעך אַרום פיר פאַרטאָגס האָט זיך פאַרענדיקט דאָס ציילן די שטימען און ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אינגאַנצן האָט טריביטש לינקאָלן געוווּנען מיט 16 שטימען מער פון זיין קעגנער פאַיק פּיז.

פּיז איז געווען געשלאָגן, אָבער ס׳האָט זיך אים אויסגע־וויזן, אַז ער איז נאָך נישט באַזיגט. ער האָט געבעטן מען זאָל נאָכאַמאָל איבערציילן די שטימען. ס׳קען דאָך זיין אַז ס׳איז אַ טעות, ווייל סך־הכל האָט לינקאָלן איבערגע־וועגן מיט 16 שטימען. טריביטש לינקאָלן האָט איינגעשטימט און מען האָט פונדאָסניי איבערגעציילט די שטימען ביז 7 אינדערפרי. דעמאָלט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז לינקאָלן האָט באַזיגט זיין קעגנער מיט 29 שטימען.

די טויזנטער מענטשן אינדרויסן האָבן געיובעלט. דער המון האָט זיך אַריינגעריסן אינעווייניק, געכאַפּט דעם זיגער אויף די פּלייצעס און אים געטראָגן ווי אַ נאַציאָנאַלן העלד איבער די גאַסן פון שטאָט.

צומאָרגנס זענען צו אים אָנגעקומען טעלעגראַמעס פון אַלע עקן ענגלאַנד מיט באַגריסונגען צו זיין זיג. עס האָבן אים אפילו גראַטולירט טעלעגראַפיש מענטשן, וועמענס נעמען ער האָט קיינמאָל נישט געהערט. בלויז אויף איין טייערע באַגריסונג האָט טריביטש לינקאָלן געוואַרט אַז זי זאָל קומען, אָבער אויף יענער באַגריסונג האָט ער זיך אומזיסט אויסגעקוקט, די אויגן. דער טאַטע זיינער האָט אים קיין דעפּעשע נישט געשיקט...

אינמיטן פון זיין גרעסטן דערפאָלג האָט ער פלוצים גענומען טראַכטן וועגן זיינע עלטערן, וועגן זיין היים־שטאָט און ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז סוף־כל־סוף וועלן טאַטע־מאַמע מיט אים זיך איבערבעטן. זיי קענען דאָך מיט אים שטאָלצירן איצט. וואָס איז דען וויכטיקער פאַר זיי, אַז זייער זון זאָל זיין אַ מיטגליד אין ענגלישן פאַרלאַמענט אָדער אַ רב אין קליינעם שטעטל פּאַקס?

ווי אַ זיגער איז ער דערנאָך אריינגעפאָרן אין בודאַפּעשט.

דער פאַרלאָמענט האָט סיי־ווי זיך געזאָלט ערשט עפענען אין עטלעכע וואָכן אַרום, און ער האָט באַשלאָסן זיך אָפצורוען אויף וואַקאַציע, נאָך דער שווערער וואַל־קאַמפּאַניע.

אין בודאַפּעשט האָט ער געשיקט אַ שליח צו זיינע עלטערן און געבעטן זיי זאָלן קומען אים זען. ער האָט אפילו באַשטימט אַ טרעף־פּונקט, אין אַ יידיש קליידער־געשעפט פון זיינס אַ קרוב. העכער צוויי שעה האָט טריביטש־לינקאָלן געוואַרט, אַז דער פאָטער זאָל זיך באַווייזן, אָבער ער איז נישט געקומען. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ האָט פּאַסירט, אָבער ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דאָס קליידער־געשעפט, האָט ער באַמערקט ווי פונדערווייטנס שלייכט אַ געבויגענע זקנה. דאָס איז געווען זיין אַלטע מאַמע. זי איז געווען אַזוי פאַרעלטערט, אַז יצחק טריביטש האָט זי נישט דערקענט. איר פּנים איז געווען געגרינצלט מיט קאַרבן, געל ווי וואַקס. בלויז דאָס ברוינע שייטעל איז געווען אַזוי ווי אַמאָל אין דעם שטעטל פּאַקס.

— ווו איז דער טאַטע און וואָס מאַכט ער? — האָט יצחק טריביטש געפרעגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע, אָבער ער האָט קיין ענטפער נישט געקראָגן. זיין מאַמע האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט. זי האָט בלויז ביטער געיאָמערט. ענדלעך ווען איר זון, באַהערשט פון צער און רחמנות, האָט איר אַ קוש־געטאָן אויפן צעקנייטשטן שטערן, האָט זי זיך שטיל אָנגערופן:

— דו ביסט געווען גרויזאַם צו דיין פאָטער, יצחק... די נייעס, אַז דו האָסט זיך געשמדט, איז צו אים דערגאַנגען פון האַמבורג. ער איז אַלט און צעבראָכן... ער וועט דיר קיינמאָל נישט מוחל זיין און ער וועט דיך אויך קיינמאָל מער נישט זען...

קאַפּיטל נײַן

גאָר גיך האָט טריביטש לינקאָלן זיך צוגעוווינט צום נײַעם אָרט־לעבן און צו דער נײַער סביבה אין ענגלישן פּאַרלאַמענט. דער וועסטמינסטער פּאַלאַץ, וואָס האָט זיך געפֿונען קעגנאיבער די טעמזע, איז געווען זײַן צווייטע היים. ער איז אָפט דאָרט געזעסן טעג און נעכט, געלערנט אַלע פּירונגען, אַלע מאַניערן. ער האָט זיך באַטייליקט אין די דעבאַטן און מיטגעהאַלטן דעם מנהג פֿון טרינקען דעם „פֿאַיף אָ׳קלאָק טהי", וואָס ער האָט אָפּגעהיט פּונקט צו דער סעקונדע, ווען דער גרויסער זייגער אין פּאַלאַץ, דער „ביג בען", האָט אויסגעשלאָגן פֿינף מאָל.

ער פֿלעגט אַרומשפּאַצירן אין די קאָרידאָרן פֿון דעם „הייליקן טעמפּעל" פֿון דער ענגלישער דעמאָקראַטיע מיט דעם זעלבן געפֿיל פֿון ערפֿורכט, ווי ער האָט אַמאָל אַרומ־שפּאַצירט צווישן די ווענט פֿון בית־מדרש אין פּאַקס.

פּונקט צו די צוויי וואָכן, נאָכדעם ווי טריביטש לינקאָלן איז אויסגעוויילט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט, האָט ער געהאַלטן זײַן ערשטע רעדע, די אַזוי־גערופֿענע „מעידען ספּיטש". און פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט פֿאַר זײַן באַליבטער טעמע אויסגעקליבן צו רעדן וועגן דעם פֿרײַען האַנדל. נאָך דער רעדע האָבן פֿיל אַלטע פּאַרלאַמענטאַריער אים שטאַרק געלויבט און לאָיד דזשאָרדזש, האָט אים צוגעזאָגט אַ גלענצנדע צוקונפֿט אין בריטישן לאָרדן־הויז.

ביסלעכווייז האָט טריביטש לינקאָלן אויך גענומען זאָגן אייגענע דעות אין דער פּאָליטיק פֿון דער ענגלישער אימפּעריע, און דווקא דאָ האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך געניטשאַפֿט. ער איז, אַ שטייגער, געווען קעגן אַנווענדן „אַן אײַזערנע האַנט" אין עגיפּטן און אין אַנדערע לענדער אין אַפֿריקע, ווו גרויס־בריטאַניע האָט דאָמינירט, און די דיפּלאָמאַטן האָבן זיך גערעכנט מיט זײַנע אָנשויאונגען.

טריביטש לינקאָלן איז אויך אַרומגעפֿאָרן איבער די

אייראָפּעישע לענדער צו באַקענען זיך מיט דער פּאָליטישער לאַגע אויף די ערטער, און ער פלעגט פירן געשפּרעכן מיט די רעגירונגס־פאָרשטייער. איינמאָל האָט ער געהאַט אַן אויספירלעכן געשפּרעך מיט פראַנץ פערדינאַנד, דעם קרוינפּרינץ פון עסטרייך־אונגאַרן. דער אינטערוויו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין לאָנדאָנער „דיילי כראָניקל" און איז דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט־פּרעסע, ווייל דער קרוינפּרינץ האָט שוין דאַן גערעדט וועגן די אויסזיכטן פון דער קומענדיקער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס איז געווען אַ וועלט־סענסאַציע און אין די פּאָליטישע קרייזן האָט זיך געקאָכט איבער דעם פּאָליטישן געשפּרעך.

דעם ענגלישן אויסערן־מיניסטער, סער עדוואַרד גרעי, האָט נישט געשמעקט וואָס טריביטש לינקאָלן מישט זיך אין זיינע אָנגעלעגנהייטן. ער האָט אָבער געמוזט שווייגן, ווייל אין אַלע פּאַרלאַמענטן פון אייראָפּע האָט מען דיסקוטירט וועגן דער געפאַר פון דער קומענדיקער מלחמה.

מיט דער צייט איז לינקאָלן געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע פיגורן אין לאָנדאָן. אַלע טירן אין די הויכע פענסטער האָבן פאַר אים זיך געעפנט. עס האָבן זיך אפילו געפונען אַזוינע איינפלוסרייכע מענטשן, וואָס האָבן נישט פאַרטראָגן זיין אָפּשטאַם און זיין אויסלענדישקייט. זיי זענען אָבער געווען אין דער מינדערהייט. דער פאַקט איז געווען, אַז ווו ער איז נאָר געקומען האָט ער אַרויסגערופן אינטערעס, שטורעם, שפּאַנונג און מען האָט געקענט זיצן אין זיין געזעלשאַפט טאָג און נאַכט און זיך צוהערן צו אים.

צו די פרויען פון דער לאָנדאָנער געזעלשאַפט, וואָס האָבן זיך געקוויקט מיט זיינע רייד, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך אויפמערקזאַמקייט. ער האָט נישט געטראַכט פון פאַרפירן ליבע־אַפּערעס מיט יענע דאַמען. אָבער איין לאָנדאָנער דאַמע פון גרויסן יחוס, פרוי הערמינאַ גלענוויל, איז געוואָרן אַזוי באַגייסטערט פון אים, אַז זי האָט לאַנגזאַם און באַוווסטזיניק זיך געמאַכט אַ וועג צו זיין האַרץ.

באַקענט האָט ער זיך מיט איר אין הויז פון זיין פריינט,

דעם מיליאָנער ראָונטרי. די אומשטענדן, אונטער וועלכע ער האָט זי דערזען, זענען געווען נישט קיין פריילעכע. דאָס איז געווען עטלעכע טעג נאָכדעם ווי דער קעניג עדוואַרד דער 7־טער איז געשטאָרבן נאָך אַן אָפּעראַציע אויפן אַפּענדיקס. אין הויז פון זיין פריינט ראָונטרי זענען אַלע געסט געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן, אַלס צייכן פון טרויער. גראָד דאָן האָט אין זאַל זיך באַוויזן די פרוי גלענוויל. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ אָוונט־קלייד, וואָס איז געלעגן ווי אָפּגעגאָסן אויף איר גראַציעזער פיגור. אויפן רעכטן לאַץ האָט זי געהאַט אַ בלוט־רויטע רויז.

לינקאָלן איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן, נאָכדעם ווי ער האָט אויף איר געוואָרפן דעם ערשטן בליק, אַז ער האָט שוין מער נישט געקענט אָפּרייסן זיינע אויגן פון איר אַ גאַנצן אָוונט. אויך זי, די ליידי, האָט נישט פאַרפעלט צו שיקן קאָקעטישע שמייכלען אין זיין ריכטונג. טריביטש לינקאָלן איז געווען פאַרכאַפּט פון איר שיינקייט. זי האָט פאַרמאָגט אַזעלכע אומגעוויינלעכע שטריכן אין איר אַריסטאָ־קראַטיש געזיכט, אַז ס'האָט זיך דעם ניכטערן און פּראַקטישן טריביטש לינקאָלן אויסגעדוכט, אַז עפּעס אַ הימליש וועזן האָט דאָ אַריינגעשפּאַצירט אין דעם ־זאַל.

לינקאָלן איז געווען אַזוי אַנטציקט פון איר שיינקייט, אַז ער האָט פאַרפעלט צו ענטפערן אויף פראַגן פון די געסט. ער איז פשוט געבליבן אַ צוגענאָגלטער אין אָנבליק פון דער רייצנדער פרוי.

ווען דער הויזווירט האָט ענדלעך פאָרמעל פאָרגעשטעלט די דאַמע פאַר טריביטש־לינקאָלן, האָט זי זיך צעלאַכט מיט אַ קאָקעטישן געלעכטער.

— אָה, זייט איר דאָס דער לינקאָלן, וועגן וועמען מיסטער ראָונטרי האָלט אין איין רעדן...

זי האָט אים דערלאַנגט איר צאַרטע, וואַרעמע האַנט און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן ווערט ער צעטומלט ביים דערזען אַ פרוי.

— דער פריינט מיינער, מיסטער ראָונטרי, טרייבט אַביסל איבער, ווען ער רעדט וועגן מיר — האָט לינקאָלן

גערעדט אין אַ שטאַמלדיקן טאָן. — דער אמת איז, אַז ער קען מיך נאָך נישט ווי געהעריק...

דער הויזווירט, הער ראָונטרי, האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף זיין פריינט לאָזן אַליין מיט דער פרוי גלענוויל, און ער האָט טאַקע זיך גלייך אָפּגעטראָגן.

— אויך איך האָב געהערט אַ סך לויב־ווערטער וועגן אייך, פרוי גלענוויל — האָט לינקאָלן אָנגעהויבן מיט אַ ציטערדיק קול.

— כ׳בין נייגעריק וואָס ער האָט וועגן מיר געזאָגט — האָט זי זיך געהנדלט.

ווען טריביטש לינקאָלן זאָל אפילו וועלן איר דערציילן וואָס מען רעדט וועגן איר, וואָלט ער אויך נישט געווען אימשטאַנד דאָס צו טאָן, פשוט דערפאַר, ווייל ער האָט קיינמאָל וועגן איר נישט געהערט... ערשט איצט האָט ער זי דערזען צום ערשטן מאָל און געהערט איר נאָמען. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ שנעלער קאָמפּלימענט וועט זיי בעסער צונויפפירן ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, אפילו ווען ער דאַרף זיך באַנוצן מיט אַ ליגן.

אָבער איצט, ווען זי איז געשטאַנען איבער אים און נישט אַראָפּגענומען אירע פלאַמענדיקע אויגן און געמאָנט אַן ענטפער, וואָס ער האָט געהערט וועגן איר, האָט לינקאָלן זיך געפילט אומבאַקוועם.

— אָה, ווירקלעך, פרוי גלענוויל — האָט ער געשמייכלט — ס׳איז נישט אין מיין נאַטור צו טרייבן רכילות... איין זאַך קען איך אָבער אייך פאַרזיכערן: מען רעדט וועגן אייך בלויז גוטס...

אַזוי גאָר? — האָט זי אַן אַנטוישטע אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט. — בלויז גוטס רעדט מען וועגן מיר? דאָס איז דאָך לאַנגווייליק!

אים איז איינגעפאַלן, אַז דער אָנהויב פון געשפּרעך איז געווען אַן אומגעשיקטער. נישט אַזוי פאַנגט מען די אויפמערקזאַמקייט פון אַ שיינער דאַמע. ער האָט געדאַרפט אַרויסווייזן מער קוראַזש. איצט האָט ער געוואָלט פאַריכטן די נאַרישקייט.

— נאָך איין זאַך קען איך פאַר אייך אָנטפּלעקן — האָט ער זיך אָנגערופן. — וויפל מען וואָלט נישט געשילדערט פאַר מיר אייער שיינקייט, וואָלט דאָס ווייט נישט געשטימט מיט דעם וואָס איך זע איצט פאַר מיינע אויגן.

און נאָך איידער זי האָט באַוויזן צו רעאַגירן אויף זיין קאָמפּלימענט, האָט ער צוגעגעבן:

— אין לוווּר־מוזעאום, אין פּאַריז, האָב איך איינמאָל באַטראַכט אַ וווּנדערלעך בילד פון אַ שפּאַנישן מאַלער, כ׳קען זיך נישט דערמאָנען אין איצטיקן מאָמענט זיין נאָמען. ער האָט אויפגעמאָלן דאָס בילד פון דער ביבלישער דלילה, אָבער איצט זע איך וואָס פאַר אַן ענלעכקייט ס׳איז צווישן אייך און דער פאַרצייטיקער דלילה, פּונקט ווי איר וואָלט מאָדעלירט פאַר דעם מאָלער ווען ער האָט געשאַפן דאָס ווערק...

דערויף האָט די שיינע פרוי געענטפערט:

— אַ שאָד, מיסטער לינקאָלן, וואָס איר האָט נישט אַזעלכע פלעכטן האָר אויפן קאָפּ ווי שמשון...

טריביטש־לינקאָלן האָט נישט געוווּסט צי זי טרייבט איצט שפּאָס פון אים. ער האָט אינסטינקטיוו אַ פיר־געטאָן מיט זיין האַנט איבער זיין קאָפּ האָר און געזאָגט:

— מיר אַלע ווערן עלטער, מאַדאַם! מען קען זיך נישט אויסהיטן פון דעם.. ס׳האָט זיך נאָך נישט אָפּגעזוכט דער דערפינדער וואָס זאָל קענען באַנייען אונזער יוגנט...

ער איז דעמאָלט אַלט געווען בלויז 31 יאָר, אָבער די פרוי האַרמינאַ גלענוויל האָט זיך שוין דערנענטערט צום עלטער פון 40 יאָר. זיין לעצטע באַמערקונג האָט אין איר אַרויסגערופן פאַרשידענע געדאַנקען. זי האָט זיך לאַנג פאַרטראַכט, אָבער לינקאָלן האָט נישט געקענט אויסרעכענען ווענגן וואָס זי טראַכט.

שפּעטער, ווען די געסט זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, האָט לינקאָלן זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן דער לעבנס־געשיכטע פון פרוי גלענוויל, און דאָס וואָס ער האָט אויסגעפונען איז פאַר אים געווען פריילעכע נייעס.

ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַן אלמנה. איר מאַן

איז דערהרגעט געוואָרן אין אַן אומגליקספאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אונטער מיסטעריעזע אומשטענדן. איינמאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג איז דאָס פאָרפאָלק געווען אויף אַ שיפל, וואָס געשווומען אויף אַ טייך אין דער שווייץ. פלוצים האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם, דאָס שיפל האָט זיך איבערגעדרייט. איר מאַן איז דערטרונקען געוואָרן. אָבער זי אַליין איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן דורך אַ פישערמאַן.

זי האָט געהאַט אַ גרויסע ירושה פון איר מאַן, אָבער פינף יאָר נאָך דעם אומגליק האָט זי נאָך אַלץ נישט געוואָלט הייראַטן. אין די הויכע פענצטער אין לאָנדאָן האָט מען גערעדט, אַז זי האָט אַ געליבטן, איינעם פון די באַרימטסטע אַקטיאָרן אין ענגלאַנד. אָבער מען האָט קיינמאָל נישט געקענט פעסשטעלן אויף ווי ווייט די קלאַנגען זענען ריכטיק. אויב זי האָט ווירקלעך געפירט אַ ראָמאַן מיט דעם אַקטיאָר, האָט דאָס זיכער געמוזט געפירט ווערן אין גרויסער געהיימניס, ווייל דער אַקטיאָר האָט געהאַט אַן אייפערזיכטיק ווייב, וואָס האָט אים געהיט מיט זיבן פאָר אויגן.

נאָך דער ערשטער באַגעגעניש מיט פרוי גלענוויל אין הויז פון זיין פריינט ראָונטרי, האָט טריביטש לינקאָלן געטאָן אַלץ אין דער וועלט, אַז זייער פריינטשאַפט זאָל ווערן נענטער. קענטיק, אַז זי אַליין האָט זיך אויך גוט געפילט אין זיין געזעלשאַפט, ווייל זי האָט אים אָנגעהויבן איינצולאַדן צו זיך אין הויז. זי האָט אים אויך אָפגעוואַרט אין די קולואַרן פון פאַרלאַמענט. זיי האָבן זיך נישט געהיט, טאָמער וועלן מענטשן זיך דערוויסן וועגן זייערע אָפטע באַגעגענישן.

טריביטש לינקאָלן האָט זיין ווייב מאַרגאַרעטאַ קאָלאָר קיינמאָל נישט מיטגענומען אין עפנטלעכע פלעצער. ערשטנס, האָט זי איינפאַך נישט געפונען קיין אינטערעס אין דעם, און צווייטנס, האָט זי גערעדט שוואַך ענגליש און איר איינציקע האָפענונג איז געווען, אַז זי זאָל וואָס גיכער שוין צוריקפאָרן אין איר היים־שטאָט אין דייטשלאַנד. דאָס לעבן אין ענגלאַנד איז איר נישט איבעריק געפעלן געוואָרן און יעדעס מאָל, ווען זי האָט געהאַט אַ געלעגנהייט,

פלעגט זי זיך ארײַנכאַפּן קיין האַמבורג אויף עטלעכע וואָכן און פאַרברענגען דאָרט מיט איר מוטער.

איינמאָל אַן אָוונט, נאָכדעם ווי די געסט אין הויז פון פרוי גלענוויל זענען שוין אַוועק האָט זי לאַכנדיק אַ פרעג־געטאָן טריביטש לינקאָלנען:

— וואָס אייגנטלעך האָב איך אין דיר געפונען, וואָס כ'האַלט דיך אַזוי נאָענט נעבן מיר?

ווייזט־אויס, אַז דו האָסט אַ שוואַכקייט צו אַקטיאָרן! — האָט לינקאָלן מיט אַ פּילדייטיקער מינע אַ זאָג־געטאָן.

— ווילסטו מיר זאָגן, אַז דו ביסט אויך אַן אַקטיאָר?

— כ'בין אַן אַקטיאָר, וואָס איז אַנטלאָפן פון זיין שיקזאַל... אָדער, פּינקטליכער, אַן אַקטיאָר, וואָס באַטראַכט די גאַנצע וועלט פאַר זיין טעאַטער־בינע...

— און מיר דוכט זיך —האָט זי געזאָגט — אַז איינע פון דיינע אַנדערע אייגנשאַפטן ציען מיך צו דיר... זאָג מיר, לינקאָלן, ביסטו אַן אַוואַנטוריסט פון דער נאַטור?

לינקאָלן האָט פון אָנהויב זיך געקווענקלט צי ער זאָל ענטפערן אויף דער פראַגע. נאָך אַ ווײַלע האָט ער געזאָגט:

— מיר דוכט זיך, אַז יאָ, כ'בין אַן אַוואַנטוריסט... עפּעס אַ שטורעם יאָגט מיך אַלע מיינע יאָרן... כ'ווער שטענדיק געטריבן פון געהיימע כוחות, אָבער כ'ווייס נישט וואוהין...

— אויב אַזוי, זענען מיר פון איין טייג געקנאָטן, לינקאָלן!... אויך איך פיל אָפט, אַז ס'איז שוין צייט איבערצורייסן מיט דעם גאַנצן היפּאָקריטישן לעבן אין לאָנדאָן און אַנטלויפן פון דאַנען אין די ווייטקייטן... כ'האָב פיינט געקראָגן די פּראָמינענטע מאַדאַמען, וואָס פלירטעווען מיט די אַלטע לאָרדן, שפּילן ברידזש און גייען אויף פערד־געיעגן... ווען כ'זאָל קענען וואָלט איך אַנטלאָפן ביז עק־וועלט...

— אויב אַזוי, וואָס האַלט דיך אָפּ, מיין האַרמינאַ? אַנטלויף אין מיינע אָרעמס!

זייער ליבע איז געוואָרן פלאַמענדיקער מיט יעדן טאָג. עטלעכע חדשים שפּעטער האָט ליידי גלענוויל געלאָזט וויסן אירע פריינט, אַז זי פאָרט אַוועק אויף אַ לענגערער וואַקאַציע קיין סקאָטלאַנד. די נייעס האָט אַרויסגערופן שטוינונג, ווייל

אין לאָנדאָן איז ערשט געווען אָנהויב פרילינג. טאָ וואָס איילט זי זיך אַזוי אין די קילע געגנטן? ס׳האָבן זיך שוין געהערט פאַרשידענע קלאַנגען, אָבער צו דעם איז געקומען אַ סוף, ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז לינקאָלן בלייבט אין דער הויפּט־שטאָט.

אין דעם פּאַלאַץ אין סקאָטלאַנד פון מאַדאַם גלענוויל איז שפּעטער געבוירן געוואָרן אַ זון, ווּעמענס פאָטער ס׳איז געווען לינקאָלן. די זאַך איז געבליבן אַ טיפער סוד. זי האָט באַשווירן דעם דאָקטאָר און דער אַקושערקע אַז זיי זאָלן האַלטן זייערע ליפּן פאַרזיגלט. דאָס קינד איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ ספּעציעלער גאָווערנאַנטקע אין אַ באַזונדער הויז און דער אָפּמאַך איז געווען, אַז זי זאָל דערציען דאָס קינד ביז עס וועט קומען די צייט, ווען מען וועט עס קענען אַריבערפירן קיין לאָנדאָן.

דערנאָך, ווען זי איז מיט אַ צייט שפּעטער געקומען קיין לאָנדאָן, האָט זי אַליין אָנגעזאָגט די בשורה צו טריביטש לינקאָלן, אַז זי האָט פון אים געבוירן אַ זון.

— ער איז געבוירן געוואָרן אין דיין געשטאַלט! — האָט זי צו אים געזאָגט מיט אַ שטילן פאָרוווּרף אין איר טאָן. — איר ביידע זענט ענלעך ווי צוויי טראָפּנס... ער האָט אינגאַנצן פאַרראַטן די טראַדיציאָנעלע משפּחה־ענלעכקייט פון די גלענווילס...

טריביטש לינקאָלן איז געוואָרן באַגייסטערט ווען ער האָט דערהערט די נייעס. ער האָט שוין פון לאַנג געוואָלט האָבן אַ זון. זיין ערשט קינד, וואָס זיין דייטשיש ווייב מאַרגאַרעטאַ האָט געבוירן, האָט זיך נישט געהאַלטן מער ווי עטלעכע טעג.

— וואָס פאַר אַ נאָמען האָסטו געגעבן אונזער זון, האַרמינאַ? — האָט ער געפרעגט.

— דזשאָן! — האָט זי קורץ געענטפערט.

זי האָט אפילו נישט געטראַכט אים אויסצוזאָגן, אַז דאָס איז דער נאָמען פון איר ערשטן געליבטן, וועלכער איז אַוועק אין די גאָלד־גרובנס פון דרום־אַפריקע און איז מער קיינמאָל נישט צוריקגעקומען.

— אַ שיינער נאָמען! — האָט טריביטש לינקאָלן אַ פּאַרטראַכטער געזאָגט. — און ווי עכט־ענגליש דאָס קלינגט!

קאַפּיטל צען

דאָס לעבן פון אַן ענגלישן פּאַרלאַמענט־מיטגליד איז ביז גאָר אינטערעסאַנט, אָבער מיט איין באַדינג: אַז ער פאַרמאָגט געלט. אין אַ גרויסער מאָס ווערט אָפּגעשאַצט דער פּרעסטיזש פון אַזאַ מענטש לויט דער טיפקייט פון זיין קעשענע און פון זיין בייטל.

אָט־דאָס האָט לינקאָלן זיך דערוווּסט ווי נאָר ער האָט צום ערשטן מאָל זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט אין דער פּאַרלאַמענט־געביידע. אויך ער האָט געוואָלט זיך פירן ווי די אַנדערע. ער האָט געוואָלט איינאָרדענען טיי־אָוונטן און הוליאַנקעס ביי זיך אין הויז, אָבער ער האָט גלייך זיך אַרומגעזען, אַז זיין קעשענע איז צו־פלאַך פאַר דעם. בלויז אויסצוהאַלטן אַ דינערשאַפט אין הויז פאָדערט אַ פאַרמעגן. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם ציניקער, וואָס האָט אַמאָל געלאָזט פאַלן אַזוינע ווערטער: „אויב דו ווילסט לעבן ווי אַ מענטש, זאָלסטו אפילו באַגיין זעלבסטמאָרד, אָבי צו מאַכן דעם ערשטן מיליאָן, נאָך איידער דו ווערסט אַלט דרייסיק יאָר...”

טריביטש לינקאָלן האָט שוין געהאַלטן באַלד ביים על־טער פון 32 יאָר, אָבער צו קיין רייכטום איז ער נישט דער־גאַנגען. דאָך האָט ער באַרעכנט, אַז ס'איז נאָך אַלץ נישט צו שפּעט. ער וועט זיך טאַקע איצט אַ נעם־טאָן אָנצוזאַמלען אויף גיך אַ פּאָר מיליאָן.

ער האָט זיך גיך דערוווּסט, אַז דער וועג צו רייכטום איז גראָבן נאַפט. יעדער אַמביציעזער ביזנעסמאַן איז אין יענער צייט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם געיעג נאָך נאַפט־קוואַלן. אָבער וואָס קאָן ער אָנהויבן צו טאָן? אַלע האָבן אָנגערופן דעם נאַפט: „די גאָלדענע פליסיקייט”. אָבער ווי אַזוי זאָל ער מאַכן דעם ערשטן צוג? ס'איז צו אים אויך

דערגאַנגען, אַז גאָר רייכע נאַפט־קוואַלן ווערן אַנטדעקט אין פערסיע. אָבער אויף וועלכע פלעצער געפינען זיך די קוואַלן?

„אויב ס׳איז פאַראַן נאַפט אויף דער וועלט — האָט לינקאָלן באַשלאָסן — איז דאָס בלויז באַשאַפן געוואָרן פאַר מיר! בין איך דען נישט געווען אין מיינע קינדער־יאָרן דער מקובל, דער מענטש וואָס האָט ליב מיסטעריעס?״

נאָך לאַנגע אויספאָרשונגען אין לאָנדאָן איז אים קלאָר געוואָרן, אַז כדי צו באַשעפטיקן זיך מיט די נאַפט־ביזנעס, מוז מען נישט פאָרן אַזש קיין פערסיע. עס איז פאַראַן אַן אָרט וואָס איז גאָר נאָענט אין אייראָפּע, ווו מען גראָבט נאַפט, און דאָס איז אין גאַליציע. און דעריבער האָט ער אין אַ שיינעם טאָג זיך אויפגעהויבן, איבערגעלאָזט אַלע זיינע פליכטן אַלס פאַרלאַמענט־מיטגליד און איז אריינגעפאָרן קיין לעמבערג. ער האָט געהאַט אַ פשוטן חשבון: איידער ער קריכט אַריין טיפער אין די געשעפטן, וויל ער זיך באַקענען מיט אַלע געוויסע איינצלהייטן וועגן נאַפט־אויסגראָבונגען.

ער האָט דערביי געהאַט אַלע בוויטיקע פאַרבינדונגען און דעריבער זענען אַלע טירן געווען פאַר אים אָפן. וואָס עס האָט צום שטאַרקסטן צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט איז געווען די צעשפּליטערטקייט פון די באַזונדערע נאַפט־קאָמפּאַניעס אין עסטרייך־אונגאַרן. בלויז אין גאַליציע האָבן פונקציאָנירט ניין קאָמפּאַניעס. וואָלט עס געלונגען זיי צו פאַרייניקן, וואָלטן די פרייזן פון נאַפט געפאַלן און מען וואָלט געקאָנט איינשפּאָרן הוצאות און פאַרגרעסערן די פּראָפיטן.

און צו דעם האָט לינקאָלן געמוזט האָבן אַ קאַפּיטאַל צו אינוועסטירן. צום ווינציקסטנס האָט ער זיך גענויטיקט אין צען טויזנט פונט. זיין פּריינט ראָונטרי האָט אים די סומע געגעבן. דאָס איז אָבער געווען ווייט נישט גענוג. אַ טאָג שפּעטער האָט ער שוין געהאַט 250 טויזנט פונט צו אינוועסטירן. די סומע איז געווען גענוג פאַר דעם ערשטן איינצאָל ביים אָפּקויפן איינע פון די ניין נאַפט־געזעלשאַפטן, וואָס האָט געהייסן „ראַגאַנצאַ פאַיפ לאַין קאָמפּאַני״.

ווען מען האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם קויף, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורעם איבערן גאַנצן לאַנד. די צייטונגען זענען אַרויסגעקומען מיט גרויסע קעפּ אויף די פראַנט־זייטן: „אונזער נאַפט איז אויסגעליפערט געוואָרן צו די גאָלד־זעק פון דער לאָנדאָנער סיטי!” „דער בריטישער פּאַר־לאַמענט־מיטגליד לינקאָלן האָט אָפּגעקויפט די נאַפט־אַקציעס פאַר דער ענגלישער רעגירונג!” „אַ גרויסע געפאַר פאַר אונזער לאַנד, אויב ס'ברעכט אויס אַ מלחמה!”... און נאָך ענלעכע אויפשריפטן אין דער פרעסע וואָס האָבן אַרויסגע־רופן אַ שטורעם איבערן לאַנד.

טריביטש לינקאָלן האָט גישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס מען האָט אויפגעהויבן דעם שטורעם קעגן אים. פאַר אים איז געווען אַ רעטעניש דער גאַנצער טומל אין דער פרעסע. פאַרן אָפּקויפן די נאַפט־געזעלשאַפט האָט ער זיך דאָך גע־טראָפן מיט די וויכטיקסטע פּאָליטיקער פון עסטרייך־אונ־גאַרן. ער האָט פריער גערעדט געשפּרעכן מיט די רעגירונגס־פירער און אַ העלפט פון דעם געלט, וואָס ער האָט געקראָגן פון די מיטגלידער פון בריטישן פאַרלאַמענט, האָט ער דאָך אויסגעגעבן אויף כאַבאַר אין דעם אונגאַרישן אויסערן־מי־ניסטעריום. טאָ פאַרוואָס דער גאַנצער צאָרן?

ס'האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט ווי לינקאָלן האָט זיך דערוווּסט וועגן דער גרויסער איבעראַשונג, אַז ער, יצחק בן נתן טריביטש, דער געוועזענער ישיבה־בחור, איז געוואָרן דער קאָנקורענט פון דעם אַמעריקאַנער מיליאָנער דזשאָן ד. ראָקפעלער. גישט ווויסנדיק אַליין, האָט ער געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט דעם מולטי־מיליאָנער. דורך אַ פאַרזען האָט ער נישט באַוויזן אין דער צייט צו געבן כאַבאַר אויך אין דעם אינערן־מיניסטעריום, וואָס אונטער זיין אויפזיכט האָבן זיך געפונען די פּאָליציי, די פרעסע און נאָך פיל מלוכה־אָרגאַנען, און דאָס האָט פאַראורזאַכט דעם סקאַנדאַל.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין אַ פרימאָרגן, האָט אין לינ־קאָלנס ביוראָ זיך באַוויזן אַ מאַן, וואָס האָט אַרויסגערופן נישט ווייניק פאַרדאַכט. דער פרעמדער האָט זיך פאָרגע־

שטעלט אַלס פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער „וואַקוּאום אויל קאָמפּאַני".

— מיסטער לינקאָלן! — האָט דער אומגעבעטענער גאַסט זיך אָנגערופן. — כ'בין געקומען אייך גראַטולירן צו אייער זיג...

— אַ גרויסן דאַנק! — האָט לינקאָלן געענטפערט טרוקן, דיפּלאָמאַטיש. ער האָט געוואַרט, אַז דער גאַסט זאָל אַרויס־לייגן אַלע קאַרטן אויפן טיש.

— כ'האָב אַ גלענצנדיקן פאָרשלאָג פאַר אייך... דאָס מיינט, אויב איר זייט וויליק אים אָנצונעמען... כ'וויל אייך באַצאָלן דאָפּלט פאַר די אַקציעס פון דער נאַפט־געזעלשאַפט, וואָס איר האָט געקויפט...

— כ'בין נישט צום פאַרקויפן — האָט לינקאָלן געענט־פערט קורץ. — כ'פאַרגעם זיך נישט מיט קיין שפּעקולאַ־ציעס! כ'האָב אינוועסטירט מיין קאַפּיטאַל אין דער „ראַגאָנ־צאַ־קאָמפּאַני" און כ'גיי זי פאַרגרעסערן און אַנטוויקלען...

— אויב אַזוי, זייט איר אפשר פאַראינטערעסירט צו מאַכן שותפות מיט אונז? צוזאַמען קאָנען מיר אויפטאָן גרויסע זאַכן און איינעמען דעם וועלט־מאַרק!...

— איך שאַץ אָפּ אייערע פאָרשלאָגן, אָבער דערווייל טראַכט איך צו פירן מיינע געשעפטן אַליין... אפשר מיט אַ צייט שפּעטער וועלן מיר קאָנען ווערן שותפים.

דער אַמעריקאַנער נאַפט־אַגענט איז געבליבן אַביסל געפּלעפט פון לינקאָלנס אָפּזאָג. ער האָט געקריצט מיט די ציין פון כעס און דערנאָך אויסגעשאָסן:

— מיינט עס, אַז איר האָט דערקלערט קריג ראָקפּע־לערן?

— איך בין אַ פרידלעכער מענטש און איך דערקלער קיינעם נישט קיין מלחמה — האָט לינקאָלן זיך געפילט געהויבן וואָס מען האָט פאַר אים מורא. — אָבער איר מעגט זאָגן אייער מיסטער ראָקפּעלער, אַז אויב ער וויל דורכויס אַ מלחמה, וועל איך דאַן ענטפערן ווי ס'באַדאַרף צו זיין... איך בין נאָך קיינמאָל נישט אַנטלאָפן פון שלאַכט...

פונדעסטוועגן איז געלונגען די קאָנקורענטן אָנצוהויבן

אַזעלכע אינטריגעס, פון וועלכע לינקאָלן האָט זיך נישט געפילט באַקוועם. אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען פלוצים פאַרשוווּנדן די קאָנטאָ־ביכער פון לינקאָלנס ביוראָ. ער האָט לאַנג נישט געדאַרפט נאָכטראַכטן אויסצוגעפינען וועמענס האַנט עס שטעקט אין דער גניבה, אָבער ס׳איז אים נישט אָנגעשטאַנען אפילו זיך צו באַקלאָגן פאַר דער פּאָליציי וועגן דער גנבה, ווייל ס׳איז פאַר אים געווען קלאָר, אַז אַלע געזעץ־היטער זענען אונטערגעקויפט דורך זיינע קאָנקורענטן.

לינקאָלן האָט געהאַט זיין אייגענעם מעטאָד ווי אַזוי צו באַקעמפן זיינע קעגנער. ער האָט זיך פאַרנומען מיט דער אויסברייטערונג און אַנטוויקלונג פון זיינע אונטערנעמונגען. עס האָט גענומען בלויז אַ קורצע צייט ווי ער האָט אָפּגעקויפט די איבעריקע אַכט קליינע נאַפט־קאָמפּאַניעס און זיי פאַראייניקט אין איין גרויסער אונטערנעמונג: „לינקאָלן ענד קאָמפּאַני”.

אין יאָר 1911 זענען פאָרגעקומען אַלגעמיינע וואַלן אין ענגלאַנד, אָבער לינקאָלן האָט שוין מער קיין לוסט נישט געהאַט צו בלייבן אין פּאַרלאַמענט. וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט עס געהאַט צו זיין איינער פון 500 פּאַרלאַמענט־מיטגלידער? איצט וועט פאַר אים זיין בעסער צו וואַרטן אויף אַ מער פּאַסיקער געלעגנהייט. ער וועט וואַרטן ביז די ענגלענדער וועלן אים איינלאַדן צו ווערן פּרעמיער־מיניסטער.

דערווייל זענען זיינע פּראָפיטן געוואָקסן מיט קאָפּשווינדלענדיקער שנעלקייט. מיליאָנען פונטן זענען אריינגעפלאָסן אין זיין קאַסע, אָבער דאָס איז פאַר אים נישט גענוג געווען. ער האָט געהאַט איצט די אַמביציע צו באַזיגן איין שטאַרקן מאַן — סער הענרי דעטערדינג, אַ האָלענדער, וואָס האָט זיך באַטראַכט אַלס דער „נאַפט־קעניג” און לויט דער מיינונג פון די פינאַנס־עקספּערטן איז ער געווען דער רייכסטער מאַן אין דער וועלט. אים האָט לינקאָלן געוואָלט טרעפן פּערזענלעך און זיך איבערצייגן ווער עס קאָן האָבן מער מאַכט...

כדי צו באַזיגן זיין גרעסטן קאָנקורענט, האָט לינקאָלן געטאָן אַלץ, אַז זיינע אונטערנעמונגען זאָלן זיך אויסשפּרייטן איבער אַנדערע לענדער. ער האָט אָפּגעקויפט קאָנצעסיעס אין רומעניע און באַלד זענען די נאַפט־פעלדער אין פּלאָעשטי געוואָרן אים אַזוי נאָענט ווי די געסלעך אין זיין היים־שטעטל פאָקס. ער איז שנעל באַפריינדעט געוואָרן מיט די פּאַרלאַמענט־מיטגלידער פון רומעניע, מיט די רעגירונגס־פאָרשטייער און מיט דער פּאָליציי. ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן גרויסן בודזשעט, וואָס ער האָט אָנגערופן: „דער רומענישער בודזשעט". עס איז נישט געווען קיין טיר אין רומעניע וואָס זאָל זיין פאַר אים פאַרשלאָסן.

און וואָס גרעסער די פּראָפיטן זענען געוואָרן, אַלץ גרעסער זענען געשטיגן די אַפּעטיטן. ער האָט נישט אויס־געצאָלט די דיווידענדן צו די אַקציאָנערן. אַלע פּראָפיטן האָט ער פונדאַסניי אינוועסטירט אויף אויסצוברייטערן זיינע אונטערנעמונגען. ער האָט זיך געפירט ווי אַ גרויסער ריזיקאַנט; וואָס מער ער האָט געוווּנען, אַלץ נאָך מער האָט ער איינגעשטעלט אין שפּיל. אַזוי ווי אין דער קאַסינאָ פון מאָנטע־קאַרלאָ — אָדער אַלץ פאַרלירן, אָדער אַלץ געווינען!

ער האָט אָבער קיינמאָל נישט פאַרלוירן, קיינמאָל נישט פאַרשפּילט. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער קאָן שפּילן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַזוי ווי מען שפּילט שאַך. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיין אינטואיציע און איז זיכער געווען, אַז ער וועט שטענדיק געווינען ביזן סוף פון זיינע טעג.

אַן אַנטשיידנדיקע ווענדונג איז געקומען אין זיינע געשעפטן נאָכן אויסברוך פון דער באַלקאַנישער מלחמה אין יאָר 1912. דעמאָלט האָט ער פאַרקויפט נאַפט צו ביידע קעמ־פנדיקע לאַגערן: סיי צו די טערקן, סיי צו די בולגאַרן. ער האָט אַזוי מאַניפּולירט, אַז די מלחמה צווישן ביידע לענדער זאָל וואָס לענגער אָנהאַלטן... ער האָט געהאַט גלענצנדיקע דיפּלאָמאַטישע פאַרבינדונגען אין ביידע לענדער און זיינע אַגענטן דאָרט האָבן געאַרבעט מעשים צו איבערצייגן יעדן צד באַזונדער, אַז מען זאָל נישט אָפּשטעלן די מלחמה, נישט

שליסן קיין וואַפֿנשטילשטאַנד, נאָר אויסקעמפּן דעם זיג אויפֿן שלאַכטפֿעלד.

לינקאָלן איז געוואָרן אַזוי פֿאַרקאָכט אין דעם בלוטיקן שטרייט צווישן טערקיי און בולגאַריע, אַז ער איז אפֿילו געוואָרן נאָענט פֿאַרבונדן מיט די שפּיאָנאַזש־אַגענטורן. קורץ פֿאַרן סוף פֿון קריג איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין בולגאַריע און דאָס געריכט האָט אים פֿאַראורטיילט צו אייביקער טור־מע פֿאַר שפּיאָנאַזש. ער איז אָבער בלויז אָפּגעזעסן צוויי טעג און צוויי נעכט אין טורמע. דער הויפּט פֿון דייטשן שפּיאָנאַזש אין בולגאַריע, פּולקאָווניק ניקאָלאַי, האָט אַזוי איינגעאָרדנט, אַז ער זאָל קאָנען אַנטלויפֿן. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיטן שטילן וויסן פֿון דער בולגאַרישער רעגירונג...

לינקאָלן האָט שוין דאַן פֿאַרגעזען, אַז עס וועט אויס־ברעכן אַ מלחמה אין אייראָפּע. דעריבער האָט ער נאָך אין 1913 געזאָרגט, אַז אַלע זיינע געשעפֿטן זאָלן איינציקווייז אַריבערגעפֿירט ווערן קיין לאָנדאָן. די לאָנדאָנער „סיטי" איז געווען דער פֿינאַנס־צענטער פֿון דער וועלט און לינקאָלן האָט שטענדיק זיך געוווּנטשן, אַז אין אַן עת־צרה זאָל ער דאָרט האָבן זיין באַקוועמע לוקסוס־היים. אָבער טראָץ זיינע אַלע באַמיאונגען איז אים נישט געלונגען אַרויסצופֿירן אין צייט אַלע זיינע פֿאַרמעגנס פֿון רומעניע.

די געשעענישן זענען געלאָפֿן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז נישט געקוקט אויף אַלע זיינע גלענצנדיקע פֿאַרבינדונגען, איז ער פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿונעם קריג אין אויגוסט, 1914, אין רומעניע.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ער איז אַרויס פֿון אַלעם נקי, אָן איין גראָשן.

אָבער לינקאָלן האָט נישט געהאַט קיין צייט לאַנג צו באַדויערן זיינע פֿאַרלוסטן. פֿון די דערפֿאַרונגען זיינע דורך די פֿאַרלאָפֿענע יאָרן איז אים פֿאָרט עפּעס געבליבן. אין דער צייט פֿון דעם באַלקאַנישן קריג האָט ער זיך אויסגע־לערנט אַ נייע פּראָפֿעסיע: שפּיאָנאַזש. די דאָזיקע געהיימע אַרבעט האָט אים אַזוי פֿאַראינטריגירט, אַז ס'האָט זיך אים

אויסגעוויזן, אַז ער האָט געפונען נייעם אינהאַלט אין זיין לעבן.

קאַפּיטל עלף

שוין פון קינדערוויז־אָן האָט טריביטש לינקאָלן אַרויס־געוויזן אַ סך אינטערעס צו שפּיאָנאַזש. די ביכער וועגן קאָנטראַבאַנדיסטן, שמוגלערס, וואָס שוואַרצן גרענעצן — די געשיכטעס וועגן די גענעראַלן, וואָס ווערן אָנגעשיכורט דורך רייצנדע פרויען, כדי זיי זאָלן אַרויסגעבן מיליטערישע סודות, די געהיימע שריפטן מיט אומגעזעענעם טינט — דאָס אַלץ האָט אָנגעצונדן די פאַנטאַזיע זיינע. אַלע זיינע יאָרן האָט ער געשטרעבט צו ווערן אַ דראַמאַטישער אַק־טיאָר, אָבער וואָס קאָן דען זיין מער דראַמאַטיש ווי די אַוואַנטורעס פון שפּיאָנאַזש?

לינקאָלן האָט געהאַט די רירעווודיקייט און וואַכזאַמקייט פון אַ שפּיאָן נאָך אין עלטער פון עלף יאָר. אין יענער צייט האָט זיין פאָטער, ר׳ נתן טריביטש, געפונען אין אַ שופלאָד פון אַ קאָמאָד אַ העפט, וווּ אויפן פאָדער־בלאַט איז געווען אַ גרויסע איבערשריפט: „אַז כ׳וועל זיין דערוואַקסן, וועל איך ווערן אַ שפּיאָן! כ׳וועל ווערן דער גרעסטער שפּיאָן אין דער גאַנצער וועלט!...״

ווען דער צעטומלטער פאָטער האָט געפרעגט זיין זון, וואָס עס באַדייט אַזאַ אויפשריפט און ווי פּאַסט עס, אַז ער, אַ ישיבה־בחור, זאָל גאָר חלומען וועגן אַזאַ באַשעפטיקונג, האָט דער עלף־יאָריקער יצחק טריביטש געלאַסן געענט־פערט:

— כ׳זע נישט אין דעם קיין שלעכטס, טאַטע! צי האָט דען נישט משה רבינו געשיקט שפּיאָנען אויסצושפּירן דאָס לאַנד כנען?...

נאָך אין יאָר 1907 איז אים געגעבן געוואָרן אַ געלעגנ־הייט צו פאַרווירקלעכן זיין טרוים. ווען ראָונטרי, דער „קאַ־קאַאָ־קעניג״, האָט אים געהאַט באַשטימט אַלס זיין פריוואַטן סעקרעטאַר, האָט ער פאַקטיש אים איבערגעגעבן די שליס־

לען צו אַלע זיינע פּריוואַטע און דיפּלאָמאַטישע סודות. ראָונטרי האָט געהערט צו יענער קאַטעגאָריע מולטי־מיליאָ־נערן אויף וועמען דאָס רייכטום האָט קיין ווירקונג נישט געהאַט, יעדנפאַלס האָבן די מיליאָנען אים נישט משוגע געמאַכט. פאַרקערט, אַט־דער ענגלישער נאָבלמאַן האָט גאָר געליטן פון געוויסן־פּלאָגענישן, וואָס ער זאַמלט אָן פאַר זיך אַ פאַרמעגן מיט דעם שווייס פון אַנדערע.

ראָונטרי איז געווען אַ ליבעראַלער קאַפּיטאַליסט און זיין ערשטער ווונטש איז קודם־כל געווען אַרויסצוהעלפן די, וועלכע האָבן פאַר אים געאַרבעט. ער האָט זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט אַ בענקשאַפט צו שרייבן ביכער וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און די סאָציאַלע באַדינ־גונגען פון דעם ארבעטס־מענטש. ער האָט געוואָלט אַנאַלי־זירן דעם לעבנס־שטייגער פון דעם פאַבריק־ארבעטער און פון דעם פּויער. דערצו האָט ער געמוזט דורכפירן גרויסע פאָרשונגען וועגן דער סאָציאַלער לאַגע אין פאַרשידענע לענדער.

ער אַליין האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַר־נעמען מיט אַזאַ אַרבעט. דעריבער האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט, וואָס עס איז אים אונטערגעקומען אַזאַ ענערגישער און פעיקער מענטש, ווי זיין סעקרעטאַר טריביטש לינקאָלן. ער איז דאָך געווען אַ מאַן, וואָס באַהערשט צען שפּראַכן און ער קען די לענדער פון אייראָפּע גלענצנד. ראָונטרי האָט טאַקע באַשטעלט ביי לינקאָלן ער זאָל פאַר אים שרייבן זיינע פאָרשונגס־אַרבעטן.

איינמאָל זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן צענדליקער בריוו צו די ענגלישע אַמבאַסאַדעס אין אייראָפּע. אין יענע בריוו האָט מען געלאָזט וויסן, אַז דער סעקרעטאַר פון מיסטער ראָונטרי, וואָס איז באַקאַנט אין ענגלאַנד אַלס טריביטש לינקאָלן, האָט אונטערגענומען אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג וועגן די פּראָבלעמען פון דער אינדוסטריע און אַגריקולטור אין די פאַרשידענע לענדער, און עס וועט דעריבער זיין זייער געווונטשן, אַז די ענגלישע אַמבאַסאַדאָרן זאָלן אים אַרויסהעלפן מיט וואָס נאָר זיי וועלן קאָנען.

טריביטש לינקאָלן האָט אין יענער צייט, דורך מיסטער ראָונטרי, נעענטער זיך באַקענט מיט דעם ענגלישן אויסערן־מיניסטער, סער עדוואַרד גרעי, און יענער האָט אָנגעשריבן אַ פּערזענלעכן רעקאָמאַנדאַציע־בריוו צו אַלע פּאַראײנטערע־סירטע וועגן די מעלות פון לינקאָלן און וועגן דעם ווי אַזוי מען קאָן מיט אים צוזאַמענאַרבעטן. לינקאָלן האָט קיינמאָל יענעם בריוו נישט אַוועקגעוואָרפן. ער האָט אים געטראָגן מיט זיך לאַנגע יאָרן אַלס אַ פּערזענלעכן דאָקומענט.

און טאַקע אין יענער צייט, ווען ס׳איז אים איבערגעגעבן געוואָרן אָנצוהייבן די אויספאָרשונגס־אַרבעט פאַר הער ראָונטרי, האָט טריביטש לינקאָלן געקראָגן אַלע געלעגנהייטן זיך צו פאַרנעמען מיט שפּיאָנאַזש. עפּעס האָט ער שוין דעמאָלט דערשפּירט, אַז עס וועט מעגלעך קומען אַ צייט, ווען ער וועט מוזן אָנקומען צו דער דאָזיקער אַוואַנטוריס־טישער פּראָפעסיע. לינקאָלן האָט אויפגעכאַפּט קלאַנגען, געזאַמלט ברעקלעך אינפאָרמאַציע, אָפּקאָפּירט געהיימע דאָ־קומענטן און פון אַלץ צוזאַמען זענען אַרויסגעוואָקסן סענ־סאַציאָנעלע אַנטדעקונגען, וועגן וועלכע פרעמדע מלוכות וואָלטן זיכער געהאַט אַן אינטערעס צו וויסן אַלע אייני־צלהייטן.

שוין אין יענע טעג, כאָטש דאָס איז אים נישט נויטיק געווען, האָט אים געצויגן אָנצוהייבן אַן אַוואַנטורע פון שפּיאָנאַזש. עס איז געווען אין איינקלאַנג מיט זיין היציקער נאַטור.

איינמאָל אין אַ האַרבסט־טאָג פון יאָר 1907, איז ער צוליב זיין אַרבעט אָנגעקומען קיין בערלין. זיין אויפגאַבע דאָרט איז געווען צו שטודירן די לאַגע פון דעם דייטשן אַרבעטער, און אינצווישן האָט ער אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין קריגס־מיניסטעריום פונעם דייטשן קייזער. ער האָט דאָרט קיינעם נישט געקענט און די וועכטער ביי די טירן זענען גרייט געווען אים צו דערווייטערן פון דער געביידע. אָבער זיין פליסיקע דייטשע שפּראַך און זיינע העפלעכע מאַניערן האָבן אַזוי געווירקט, אַז מ׳האָט אים אַריינגעפירט צום הויפּט־דירעקטאָר פון ביוראָ.

ווען ער איז שוין געזעסן אינעווייניק, קעגנאיבער דעם גענעראַל, אַן אַלטער מאַן מיט מעדאַלן אויף זיין ברוסט, קענטיק אויסצייכענונגען פון דעם פרייסיש־פראַנצויזישן קריג, האָט ער נישט געוואָלט פאַרלירן קיין איבעריקע צייט און ער האָט זיך אָנגערופן:

— מיין הער גענעראַל, כ׳ווייס אַז יעדע מינוט ביי אייך איז גלייך ווי גאָלד, און איך אַליין בין אויך נישט געקומען קיין בערלין צוליב צייט־פאַרטרייב. דעריבער דערלויב איך אייך צו מאַכן אַ קאָנקרעטן פאָרשלאָג: כ׳בין גרייט צו שטעלן זיך אין דינסט פון דייטשן שפּיאָנאַזש...

דער אַלטער גענעראַל האָט אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער, גלייך עמעצער וואָלט אים איבערגעגעבן אַ וויץ.

— צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן הער איך אַזאַ פאָרשלאַג... איר רעדט ווי איר וואָלט געווען אַ צייטונגס־פאַרקויפער אין גאַס, וועלכער שטעלט אָפּ די פאַרבייגייער און באָט־אָן זיין סחורה... אַזוי מאַכט מען נישט קיין פאָר־שלאַג ווען מען וויל דינען אין דייטשן שפּיאָנאַזש...

לינקאָלן איז געבליבן גלייכגילטיק צום געלעכטער פון דעם אַלטן גענעראַל. ער האָט נישט געזען קיין אורזאַך פאַרוואָס זיינע רייד זאָלן אַרויסרופן שפּאַס. אָנשטאָט זיך צו פאַרענטפערן האָט ער אים אויספירלעך דערציילט וויפל אינפאָרמאַציע ער האָט זיך דערוואָרבן אויף זייגע רייזעס און פאַרוואָס ער פילט זיך אַזוי קאָמפּעטענט צו טאָן שפּיאָ־נאַזש־אַרבעט.

— הערט זיך איין, יונגערמאַן! — האָט דער אַלטער דייטש געזאָגט. — איך קען דאָך אייך אפילו נישט און ווי אַזוי קאָן איך גאָר מיט אייך דעבאַטירן וועגן אַזאַ דעליקאַטן פּראָבלעם? קאָנט איר מיר אפשר אָנרופן ווער עס קען אייך רעקאָמענדירן אַלס אַ פאַרטרויִלעכן מאַן? כ׳מיין מיט וועמען קענט איר זיך צווישן די רעגירונגס־פּירער?

— ניין, הער גענעראַל! ליידער קען מיך קיינער נישט אין דער דייטשער רעגירונג. כ׳בין אַ געבוירענער אין אונ־גאַרן, אָבער מיין פרוי איז אַן עכטע דייטשקע און איר פאָטער איז אַ קאַפּיטאַן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין

פיל ים־שלאַכטן... אפשר האָט איר, הער גענעראַל, געהערט זיין נאָמען? ער הייסט גערהאַרד קאָלאַר.

דער גענעראַל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין דער ברייט, אַלס צייכן אַז ער האָט קיינמאָל אַזאַ נאָמען נישט געהערט... דער גאַנצער שמועס פון לינקאָלן איז פאַר אים געווען ווייניק איבערצייגנדיק.

דער דורכגעטריבענער לינקאָלן האָט געקאָנט לייענען די געדאַנקען פון דעם פאָרזיכטיקן גענעראַל, און דעריבער האָט ער גלייך אַרויסגעכאַפּט פון זיין אַקטן־טאַש אַ בויגן פּאַפּיר און שנעל געזאָגט:

— אָט האָב איך מיט זיך די ליסטע פון הויכע באַאַמטע אין די פראַנצויזישע און ענגלישע אַמבאַסאַדעס פון אייראָפּע. די דאָזיקע באַאַמטע זענען באַשעפטיקט מיט אָרגאַניזירן דעם געהיים־דינסט אין די וויכטיקסטע לענדער.

דער גענעראַל איז געוואָרן אַביסל ווייכער. די עקשנות פון דעם יונגן מענטש האָט אים אימפּאָנירט. ער האָט אָנגעזאָטלט די ברילן אויף דער קרומלעכער נאָז, אַריינגעקוקט אין דעם בויגן און אונטער־געברומט:

— המ... און וויפל וואָלט איר פאַרלאַנגט פאַר דעם דאָקומענט?

— דערווייל וויל איך נישט רעדן וועגן געלט. כ׳וויל צוערשט קומען צו אַן אַלגעמיינער פאַרשטענדיקונג...

— איר געפעלט מיר! — האָט דער גענעראַל זיך אָנגערופן און זיך אויפגעשטעלט אַלס צייכן אַז דער שמועס איז געענדיקט. — איך וועל איבערגעבן אייער בויגן צו אונזערע עקספּערטן, זיי זאָלן דאָס דורכקוקן... לאָזט איבער ביי אונז אייער אַדרעס און איר וועט הערן וועגן אונזער באַשלוס...

צען טעג שפּעטער האָט מען געמאָלדן לינקאָלנען, אַז ער זאָל זיך פאַרבינדן מיט אַ מאַן, וואָס טראָגט דעם נאָמען דיטמאַר. אָט־דער דיטמאַר איז געווען דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט פון דער דייטשער צייטונג „אַלגעמיינע צייטונג". ער איז אויך געווען דער הויפּט פון דייטשן שפּיאָנאַזש־דינסט אין ענגלאַנד.

דיטמאַר האָט פאָרגעשלאָגן טריביטש לינקאָלנען צו

אַרבעטן פאַר דעם דײַטשן שפּיאָנאַזש אַזוי ווי אַן אַגענט. וואָס קריגט באַצאָלט יעדן חודש. אין צוגאָב וועט ער קריגן פאַר עקסטרע אויסגאַבן. ער האָט אים פאַרשפּראָכן, אַז זײַן פּענסיע וועט ווערן פאַרגרעסערט לויט דער וויכטיקייט פון זײַן דינסט און אויב ער, לינקאָלן, וועט זיך גאָר אויסטויגן און צושטעלן געהיימע אינפאָרמאַציעס, וועט ער מיט דער צײַט ווערן דער הויפּט־פאַרטרעטער פון קייזער ווילהעלמס אויסלענדישן געהיים־דינסט און ער וועט האָבן צו זאָגן איבער אַלע געהיים־אַגענטן אין די לענדער פון אייראָפּע.

— אײַער ערשטע אויפגאַבע וועט זײַן — האָט דיטמאַר גערעדט צו אים מיט אַ באַפעלערישן טאָן — אונז צוצושטעלן אַ גענויע ליסטע פון דער פּראָדוקציע, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אין די בעלגישע וואָפן־פאַבריקן... פאַרשטאַנען, הער לינקאָלן?

לינקאָלן האָט פאַרשטאַנען. אין פאַרלויף פון צוויי וואָכן האָט ער צוגעשטעלט די געפאָדערטע ליסטע. ער האָט געאַרבעט פיבערדיק און אין גרויס געהיימניש. די אַמוניציע־פאַבריקן אין בעלגיע זענען געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד און ס׳איז אים אויסגעקומען אַרומצופאָרן איבער פאַרשידענע שטעט מיט דער הילף פון געדונגענע אַגענטן, וואָס האָבן געאַרבעט לויט זײַנע אינסטרוקציעס.

זײַן ערשטן וויזיט האָט ער געמאַכט אין דעם מיניסטעריום פאַר האַנדל און אינדוסטריע. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט זײַן אַלטן פרײַנט דובואַ, וועלכער איז געווען פון די וויכטיקסטע באַאַמטע אין מיניסטעריום. דובואַ האָט מיט פאַרגעניגן געגעבן אים אַ בריוו, וואָס האָט פאַר אים געעפנט אַלע טירן פון די וואָפן־פאַבריקן איבערן לאַנד. לינקאָלן האָט בעת זײַנע באַזוכן געהאַט נעבן זיך אַ „סעקרעטאַר", וועלכער האָט פאַרצייכנט גענוי אַלץ וואָס עס ווערט פּראָדוצירט אין די וואָפן־פאַבריקן.

בלויז אין צוויי וואָפן־פאַבריקן אין דער שטאָט ליעזש האָט מען אים נישט אַרײַנגעלאָזט. דאָרט האָבן די דירעקטאָרן זיך נישט באַנוגנט מיט דעם בריוו פון דובואַ. זיי האָבן פאַרלאַנגט פון טריביטש לינקאָלן אַ ספּעציעלע דער־

לויבעניש פון בעלגישן קריגס־מיניסטעריום, ווייל יענע צוויי פאַבריקן האָבן פּראָדוצירט אויסשליסלעך פאַר דער קומענ־דיקער וועלט־מלחמה.

דער כיטרער טריביטש לינקאָלן האָט זיך נישט אויס־געטענהט מיט די דירעקטאָרן, נאָר גלייך אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צום קריגס־מיניסטעריום און אויך צום בעל־גישן רעגירונגס־פירער, מעסיע שולאַרט. יענער האָט גלייך טעלעגראַפירט צוריק קיין ליעזש, אַז מען זאָל נישט מאַכן קיין שוועריקייטן דעם פאַרטרעטער פונעם ענגלישן „קאַקאַאָ־קעניג", מיסטער ראָונטרי, ביים באזוכן די וואָפן־פאַבריקן.

שפּעטער, ווען דער דייטשער שפּיאָנאַזש־אָנפירער אין לאָנדאָן, הער דיטמאַר, האָט באַקומען אַן אויספירלעכן באַ־ריכט וועגן די „קריגס־צוגרייטונגען פון בעלגיע", איז ער געוואָרן גאָר באַגייסטערט. אַזאַ גענויעם ראַפּאָרט מיט אַלע דעטאַלן און טאַבעלעס האָט ער נאָך ביז דאַן נישט געקראָגן פון קיין שום אַגענט. דער באַריכט פון בעלגיע איז געווען עפּעס גאָר נייעס אין דייטשן געהיים־דינסט. ווען דיטמאַר האָט זיך באַגעגנט מיט אים צום צווייטן מאָל, האָט ער פאַרדאָפּלט זיין פּענסיע און האָט אים געגעבן אַ פרייע האַנט צו דינגען זיינע אייגענע אַגענטן אין אייראָפּע.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין יענעם יאָר, ווען טרי־ביטש לינקאָלן איז „געלאָפן" אויף דער ליסטע פון די ליבע־ראַלן אַלס פאַרלאַמענט־קאַנדידאַט אין לאָנדאָן. שוין דאַן האָט ער באַשלאָסן, אַז ער איז אימשטאַנד צו פירן אַ דאָפּלט לעבן: פון איין זייט — אַן ענגלישער פאַרלאַמענט־פאַר־שטייער און פון דער צווייטער זייט — אַ דייטשער שפּיאָן... און דער דאָפּלטער זיג איז געקומען אין דעם זעלבן טאָג. ער איז געוויילט געוואָרן אין פאַרלאַמענט און איז געוואָרן דער הויפּט־שפּיאָן אין אויסלאַנד פאַר די דייטשן.

לינקאָלן איז געווען זייער פאָרזיכטיק ביים קלייבן זיינע אַגענטן. ער האָט געוווסט, אַז מען קאָן נישט ארומ־גיין אין די גאַסן און גלאַט אַזוי אָנשטעלן מענטשן אַלס זיינע פאַרטרעטער. דאָ און דאָרט קאָן דאָך אַרויסשפּרונגען אַ פּראָוואָקאַטאָר און דעמלט פאַלט ער, צוזאַמען מיט זיינע

געהילפֿן, אין אַ פּאַסטקע... ער האָט אויך געוווּסט, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט קאָנטער־שפּיאָנאַזש אין אייראָפּע, קאָן מען מיט די פראַנצויזן נישט קאָנקורירן.

אין פרילינג 1908 האָט טריביטש ליִנקאָלן גענומען אור־ליוב און איז אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן קיין מאָנטע־קאַרלאָ. ער האָט געוווּסט, אַז ס'איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין בעסערער פּלאַץ פון דער באַרימטער קאַסינאָ, ווו ער קאָן געפינען זיינע אַגענטן. אַרום דעם רולעטקע־טיש פון מאָנטע־קאַרלאָ האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט מענטשן, וואָס האָבן מיט איין האַנט־מאַך געקאָנט באַשליסן דעם שיקזאַל פון אַ מענטש: צום טויט אָדער צום לעבן... אין מאָנטע־קאַרלאָ זענען מענטשן געוואָרן רואיִנירט און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. עס האָט בלויז געדאַרפט אין דעם פאַרצווייפלטן מאָמענט פון אַזאַ זעלבסטמאָרד־קאַנדידאַט אונטערקומען דער ריכטיקער מענטש מיט דעם פּאַסיקן פאָרשלאַג, אַז ביי דעם פאַרצווייפלטן זאָל ווידער אויפוואַכן דער לוסט צו לעבן...

אָט אַזעלכע פאָרשלאַגן צו די פאַרלוירענע מענטשן האָט אין יענע טעג געקאָנט ברענגען טריביטש לינקאָלן. און לינקאָלן האָט טאַקע געזוכט פאַר זיך אַגענטן צווישן יענע רולעטקע־שפּילער, וואָס האָבן אַלץ פאַרלוירן און אַנטוישט געוואָרן אין לעבן.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען ער איז געשטאַנען ביים רולעטקע־טיש אין דער באַרימטער קאַסינאָ, האָט זיין בליק זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פרוי, וואָס האָט גערייצט זיין נייגעריקייט. צוערשט האָט ער בלויז באַמערקט איר גוטגעבויטן קערפּער מיט דעם קאָפּ גאָלד־בלאָנדע פלעכטן האָר, וואָס זענען געפאַלן איבער אירע אַקסלען. ער האָט די דאָזיקע פרוי געזען הינטערווייַלעכץ און געהערט ווי זי שעלט אין דער שטיל איר מזל, ווייל זי האָט פאַרשפּילט גרויסע סומעס געלט דריימאָל נאָכאַנאַנד.

אין איר גרויסער פאַרצווייפלונג האָט זי זיך אויסגעדרייט צו דעם מאַן הינטער איר און נאַאיוו געפרעגט, צי זי זאָל נאָך איינמאָל פּרובירן און איינשטעלן... דער מאַן

הינטער איר איז געווען לינקאָלן און ווען ער האָט דערזען איר רייצנדיק געזיכט, איז ער אַזוי געפּלעפּט געוואָרן, אַז ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען פאַר איר אַ שטומער. ער האָט ביז דאָן זיך שוין געהאַט אָנגעלייענט מיט אַ סך ביכער וועגן גאָלדיק־בלאָנדע פרויען, וואָס דינען אין שפּיאָנאַזש, אָבער אַזאַ פּראַכטפולע פרוי האָט ער אפילו אין דער פאַנ־טאַזיע זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. אירע שאַרפע בלויע אויגן האָבן געלויכטן ווי סאַפּירן. קיין מאַנסביל וואָלט נישט געקאָנט בײַקומען אַזוינע צויבער־בליקן.

— פאַרוואָס נישט? — האָט לינקאָלן איר צוגעגעבן חשק צו שפּילן. — פּרובירט נאָך איינמאָל. נעמט דעם נומער 9 און איר וועט זיכער געווינען...

זי האָט אים געפאָלגט און לינקאָלן האָט שוין געהאַלטן גרייט אין האַנט דאָס געלט צו באַצאָלן פאַר איר פאַרלוסט, אָבער דאָ האָט פּאַסירט אַ נס. זי האָט געוווּנען... און פון גרויס ענטוזיאַזם האָט זי האַרציק געדריקט זײַן האַנט.

— אויב אַזוי — האָט זי אויסגערופן — קאָן דאָך זײַן, אַז מײַן מזל האָט זיך געביטן! וועלכן נומער וועט איר מיך הייסן שפּילן איצט, מײַן הער?

לינקאָלן האָט זיך צעלאַכט. מייַנט זי טאַקע, אַז ער איז אַ טרעפער? פאַרשטייט זי נישט, אַז דאָס איז אַ ריינער צופאַל? פונדעסטוועגן האָט ער צו איר געזאָגט:

— די לאָגיק פאָדערט, אַז איר זאָלט איצט שפּילן נו־מער 17...

עס האָט טאַקע געמוזט זײַן אַן איבערקערעניש אין איר מזל, ווײַל זי האָט אויך צום צווייטן מאָל געוווּנען. די פרייד פון דער שיינער פרוי האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. זי האָט איצט געקוקט אויף דעם פרעמדן מאַן אי מיט ליב־שאַפט, אי מיט גרויס נײַגעריקייט: פונוואַנען ווייסט ער די סודות פון מאָנטע־קאַרלאָ?

אָבער ווען זי האָט פּרובירט אים פרעגן אַן עצה צום דריטן מאָל, האָט ער איר נישט געוואָלט זאָגן.

— אַ מענטש טאָר קיינמאָל זיך נישט רייצן מיטן מזל צום דריטן מאָל... און כ׳בעט אײַך, צווינגט מיך נישט צו

טרעפן צום דריטן מאָל. אָבער אויב איר ווילט פאַרברענגען מיט מיר ביי אַ גלאָז שאַמפּאַניער, וועט דאָס פאַר מיר זיין אַ גרויסע ערע...

ער האָט זיך עלעגאַנט פאַרנויגט, מעשה דזשענטלמען, און ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז זי איז פיל יינגער ווי ער האָט פריער גערעכנט. געוויס איז זי ערשט 20 יאָר אַלט. וואָס טוט אזא יונגע „פאַרצווייפלטע" פרוי אין אַזאַ פלאַץ?

— איר ווילט, מיין הער, אַז איך זאָל מיט אייך טרינקען שאַמפּאַניער? — האָט זי קאָקעטיש געפרעגט. — אויב איר וועט מיר בלויז דערלויבן, אַז איך זאָל אייך איינלאַדן...

לינקאָלן האָט ווידער געלאַכט:

— אַזאַ פאָרשלאַג איז קעגן יעדער עטיק אין מאָנטע־קאַרלאָ... בלויז דער מאַן קאָן האָבן דאָס פאַרגעניגן איינצולאַדן זיין דאַמע...

זיי זענען געזעסן אויף דער אָפענער טעראַסע, וואָס איז געווען באַלויכטן פון דער פולער לבנה. אַ לייכט ווינטל האָט געשאָרכט צווישן די צווייגן פון די ביימער ארום און צוגעגעבן אַ געוויסן צויבער צו דער אָונט־שטימונג אַרום דעם הויז, וווּ עס דרייט זיך דאָס ראָד פון מזל.

דאָס מיידל איז געזעסן נעבן טריביטש לינקאָלן און איר גאַנצע אויפירונג האָט עדות געזאָגט, אַז זי האָט ליב געזעלשאַפט. זי האָט גערעדט צו אים ווי זי וואָלט אים שוין געקענט יאָרן, און רעדן האָט זי ליב געהאַט, ווייל איידער זי האָט נאָך פאַרענדיקט איין פאַסירונג פון איר לעבן, האָט זי שוין אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן אַ צווייטער געשעניש.

לינקאָלן איז געזעסן קעגנאיבער איר אַן איינגעבויגענער און זיך איינגעהערט. פון אָנהויב האָבן זיינע אויערן נישט אויפגעכאַפּט גענוי וואָס זי האָט צו זאָגן. דער קלאַנג פון אירע ווערטער איז פאַר אים געווען אָנגענעמע מוזיק, אָן ווערטער... זי האָט אים דערציילט וועגן אירע פרייַנט אין מאָנטע־קאַרלאָ מיט אַ מאָדנער שטיפערישקייט פון אַ מיידל, וואָס געפינט אין לעבן בלויז פרייד און לוסט. זי

האָט גערעדט וועגן אירע באַקאַנטע מיט אַ געוויסן שפּאָט־טאָן, אָבער אירע רייד האָבן פאַראינטריגירט. זיי האָבן גע־פלייצט פון אירע ליפּן ווי אַ פרישער קוואַל, אַ לויטערער, לעבעדיקער קוואַל, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך הימל און ערד...

אָבער אין פאַרלויף פון גאַנצן געשפּרעך אירן האָט זי כמעט בלויז גערעדט וועגן די אייגנשאַפטן פון אַנדערע מענטשן. וועגן זיך אַליין האָט זי אויסגעמיטן צו זאָגן נישט גוטס, נישט שלעכטס. ער האָט אפילו נישט באַוויזן צו דערגיין איר פאַמיליע־נאָמען. אַלץ וואָס זי האָט אים אויס־געגעבן איז געווען איר ערשטן נאָמען: סעלעסט.

זיי זענען געזעסן ביז האַלבער נאַכט. אָבער ערשט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע געפילדער אין דער קאַסינאָ פון מאָנטע־קאַרלאָ. הונדערטער מענטשן פון אַלע טיילן וועלט האָבן געצויגן צו דער רולעטקע. מען האָט גערעדט פאַרשידענע שפּראַכן. דער אָרקעסטער האָט זיך צוגעפּאַסט צו די געסט און אויפגעשפּילט אינטערנאַציאָנאַלע מעלאָ־דיעס, אַזוי אַז יעדע גרופּע פון יעדן פאָלק האָט געהערט איר אייגענע נאַציאָנאַלע מוזיק. עס האָבן אויך געטאַנצט פּאָרלעך צום טאַקט פון די אָנגענעמע טענער.

טריביטש לינקאָלן און סעלעסט האָבן נישט געטאַנצט. זי האָט נישט אַרויסגעוויזן אפילו קיין לוסט דערצו. זי איז געזעסן מיט ברייט־געעפנטע אויגן א פאַרגאַפטע און זיך איינגעהערט צו די צענדליקער געשיכטעס, וואָס האָבן זי געהאַלטן געשפּאַנט. ער איז אויסגעוואקסן אין אירע אויגן ווי אַ לעגענדאַרע געשטאַלט, ווי אַ מיסטעריעזער מאַן, און באַזונדערס איז זי באַגייסטערט געוואָרן פון זיינע געשיכטעס וועגן די פּרויען־שפּיאָנקעס.

טריביטש לינקאָלן האָט די פּרויען־שפּיאָנקעס ארומגע־וועבט אין אַ נעץ פון לעגענדעס. ער האָט יעדע איינע פון זיי פאַרוואַנדלט אין אַ העלדין, וואָס איז מיט גאָלדענע בוכשטאַבן אַריינגעשריבן געוואָרן אין דער וועלט־געשיכטע.

ווען ער האָט דערנאָך איבערגעריסן און איז אַוועק ברענגען נאָך אַ פּאָר גלעזער שאַמפּאַניער, איז סעלעסט

געבליבן זיצן טיף פֿאַרטראַכט. איר פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט האָט געקראָגן פֿליגלען און זי האָט זיך אַליין שוין געזען אַלס איינע פֿון יענע בראַווע פֿרויען, וואָס ווערן פֿאַראייביקט אין דער געשיכטע...

זי האָט איצט בגנבה אַרויסגענומען פֿון איר האַנט־טאַש אַ קליין שפּיגעלע און גענומען באַטראַכטן איר געזיכט. צי זי קאָן זיין די פּאַסיקע פֿרוי צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַזוינע געוואַגטע אונטערנעמונגען. פֿונדערווייטנס האָט לינקאָלן באַמערקט וואָס זי טוט און ער האָט געקאָנט לייענען אירע געדאַנקען. ווען ער איז צוריקגעקומען צו איר, האָט זי גלייך צו אים זיך געווענדעט מיט אַ פֿראַגע:

— זאָגט מיר, מיין הער, צי וואָלט אַזאַ פֿרוי ווי איך געקאָנט ווערן אַ שפּיאָנקע?

אויף אַזאַ פֿראַגע האָט ער אייגנטלעך געוואַרט. אָבער ער האָט מיט געמאַכטער איבעראַשונג זיך אַ רוק־געטאָן הינטערווייַלעכץ און אויסגערופֿן:

— אַ מיידל ווי איר? איר מיינט דאָך טאַקע אַ מיידל ווי איר! ווייל אַ פֿרוי איז נישט פֿאַראינטערעסירט אין אַוואַנטורעס.

ער האָט אַ ווײַלע אָפּגעוואַרט, ווי ער וואָלט וועלן איר געבן גענוג צייט אויף צו באַשליסן צו וועלכער קאַטעגאָריע זי געהערט: צו די פֿרויען אָדער צו די מיידלעך. דערנאָך האָט ער געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס פֿרעגט איר מיך אַזאַ פֿראַגע?

— כ׳האָב געטראַכט, אַז...

סעלעסט האָט נישט פֿאַרענדיקט דעם זאַץ און לינקאָלן האָט דערווייל זי אָפּגעמאָסטן מיט זיינע שאַרפֿע בליקן. ער איז געווען צופֿרידן, וואָס זי האָט באַלד זיך נישט אַרויס־געכאַפּט מיט די ווערטער וואָס ליגן איר אויף דער צונג. זי איז אָפּגעהיט — האָט ער געטראַכט — פֿון אַזוינע קאָן מען מאַכן שפּיאָנקעס...

דערווייל האָט דער ערשטער שמועס זיך געענדיקט. ביידע האָבן פֿאַרלאָזט די קאַסינאָ. לינקאָלן האָט זי באַגלייט ביז צו איר האָטעל און אַליין איז ער אַוועק אין זיין

האָטעל. ער האָט געוווינט אין „גראַנד האָטעל“, דער פּרעכ־טיקסטער האָטעל אין מאָנטע־קאַרלאָ. דאָס איז פון שטענ־דיק־אָן געווען זיין געוווינהייט. צי ער האָט געהאַט געלט, צי ער איז געווען אָרעם — וווינען האָט ער געמוזט אין דעם פּרעכטיקסטן האָטעל פון שטאָט.

עס זענען פאַרביי בלויז עטלעכע טעג און טריביטש לינקאָלן האָט צום צווייטן מאָל זיך באַגעגנט מיט דער שיינער סעלעסט. דאָסמאָל האָט ער איר געבראַכט אַ פּעקל דאָקומענטן, אונטערגעשריבן מיטן שטעמפּל פון דער ענג־לישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז. ער האָט איר געגעבן עטלעכע אויפקלערונגען וועגן די גרונט־זאַכן אין דיפּלאָמאַטיע, ווי אַזוי מען דערקענט וויכטיקע פּאַפּירן און אויך ווי גוואַלדיק באַדייטנד עס זענען די דאָקומענטן, וואָס ער גייט איר איצט איבערגעבן.

איידער ער איז געגאַנגען זי אַריינפירן אין דעם מיס־טעריעזן קעניגרייך פון שפּיאָנאַזש, האָט ער צו איר פּאַטעטיש אויסגערופן:

— סעלעסט, איך קאָן פאַרווירקלעכן דאָס, וועגן וואָס דו טרוימסט! כ׳קאָן דיך מאַכן פאַר אַ געהיים־אַגענטקע... אין דער דאָזיקער וועלט פון אַוואַנטורעס און אויסטערלישע פּאַסירונגען קריגט מען נישט בלויז גייסטיקע באַפרידיקונג, נאָר אויך אַ סך געלט, גאָר אַ סך געלט...

אין דעם מיידל האָט דער ענטוזיאַזם זיך געוועקט, אָבער נאָך אַ ווײַלע האָט זי גערעדט מיט אַ געוויסער פאַרלעגנהייט:

— אָבער איך ווייס דאָך דערווייל קיין זאַך נישט וועגן דער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט... אַלץ, וואָס כ׳ווייס איז פון די ביכער וואָס איך האָב געלייענט... מיינט איר זיכער, אַז כ׳וועל זיך איינאַרבעטן אין דער ריזיקאַלישער פּראָ־פעסיע?

ער האָט געלאַכט פון איר נאַיווער פראַגע:

— געדולד, סעלעסט! קיין איין מענטש ווערט נישט געבוירן אַלס שפּיאָן... דער מענטש מוז בלויז באַזיצן אייגנ־שאַפטן און כאַראַקטער־שטריכן, וואָס זאָלן פון אים קאָנען מאַכן אַ געוואַגטן ריזיקאַנט... דאָס איבעריקע לערנט מען

זיך אויס... מען לערנט שפּיאָנאַזש פּונקט ווי מען לערנט מאַטעמאַטיק אָדער פראַנצויזישע גראַמאַטיק...

— אינטערעסאַנט, אַז גראָד אין די צוויי קעגנשטאַנדן האָב איך זיך נישט אויסגעצייכנט אין דער שול...

ער האָט נישט געענטפערט אויף איר באַמערקונג, און ווייטער פּרובירט איר דערקלערן:

— דאָס איבעריקע איז אויך די דערפאַרונג... דער עכ־טער שפּיאָן אַרבעט שטענדיק אין איינקלאַנג מיט זיינע אינסטינקטן...

אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן האָט טריביטש לינקאָלן געלערנט מיט זיין שילערין די קונסט פון שפּיאָנאַזש. זי איז געווען אַ פלייסיקע שילערין און איינגעחזרט אין איר זכרון אַלץ, וואָס ער האָט איר דערציילט וועגן געהיימע שריפטן, מיסטעריעזע עפענונגען, „דיפּלאָמאַטישע פּאָסט" און נאָך אַנדערע זאַכן. אָבער די גרעסטע צייט האָבן ביי אים פאַרנומען די אויפקלערונגען וועגן דעם פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג.

ער האָט פאַר איר קלאָר אָנגעצייכנט די פּלענער, ווי זי וועט זיך דאַרפן טרעפן מיט הויכע באַאַמטע און זי וועט דאַרפן פאַרשטיין וואָס איז דער בעסטער וועג צו זייער האַרץ און נשמה. זי וועט דאַרפן אויסגעפינען ווי אַזוי זיי רעאַגירן אויף געוויסע האַנדלונגען. זענען זיי שוואַך אין כאַראַקטער? אָדער זענען זיי שטאַרק אין גייסט? האָבן זיי ליב צו קריגן מעטרעסעס און שפּילן לינקע ליבעס? אָדער זענען זיי אַלטמאָדישע, געטריייע מענער צו זייערע ווייבער? זענען זיי געענגט אין געלט און דאַרפן גרעסערע אַנלייעס? און דאָס וויכטיקסטע: זי מוז ביי יעדן פון יענע מענער גנבענען אַ ווינקל אין זיין האַרץ, וווּ זי וועט קאָנען דאָרט אַ שטיקל צייט וווינען...

און נאָך אַ זאַך טאָר זי, סעלעסט, קיינמאָל נישט פאַר־געסן — אַז איר שטאַרקסטער וואָפן איז איר שיינקייט, איר שאַרם, איר קאָקעטיש געלעכטער און איר צוציאונגס־קראַפט...

— דיין נייער פריינט וועט זיין לע גראַנדזש! — האָט ער צום סוף געזאָגט. — אַלבערט לע גראַנדזש!

— ווער איז ער? — האָט זי געפרעגט און אַ בלייכ־קייט האָט באַדעקט איר געזיכט.

— אין איינעם פון די טעג וועל איך דיר גענוי דער־ציילן אַלץ וואָס דו דאַרפסט וויסן וועגן אים. און דאָס וויכטיקסטע: איך וועל אייךביידן מוזן באַקענען אין „קאַפּע דע לאַ פּע" אין פּאַריז...

אין יאָר 1908 איז פּאַריז געווען דער צענטער פון די פּאָליטישע געשעענישן אין אייראָפּע. קעניג עדוואַרד דער זיבעטער האָט אין געהיים באַזוכט די שטאָט. דאַן האָט מען געפירט פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם בונד צווישן פראַנק־רייך און ענגלאַנד, און בערלין איז שטאַרק געווען פאַר־אינטערעסירט אַרויסצוקריגן אַלע איינצלהייטן.

אויך אין יענעם יאָר האָט דער ענגלישער קעניג זיך באַגעגנט מיט דעם רוסישן צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער אין רעוועל, און ווידער האָבן די דייטשן געוואָלט וויסן וועגן וואָס מען פאַרהאַנדלט דאָרט. אין די באַלקאַנישע לענדער האָט דעמלט געקאָכט מיט פּאָליטישע אינטריגעס, און אין טערקיי האָט זיך געגרינדעט אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַני־זאַציע „די יונגע טערקן", וואָס האָט זיך געגרייט צו מאַכן אַן אויפשטאַנד און אַראָפּזעצן דעם סולטאַן אַבדול האַמיד דעם צווייטן.

אין דייטשלאַנד — אָדער בעסער געזאָגט — דער דייט־טשער געהיים־דינסט, האָט שטאַרק געוואָלט וויסן: ווער שטייט הינטער אָט־די אַלע פּאַסירונגען?

עס איז געווען די אויפגאַבע פון טריביטש לינקאָלן אויס־צוגעפינען דאָס אַלץ, און דער צענטער פון דייטשן קאָנטר־שפּיאָנאַזש איז אויך געווען אין פּאַריז.

דער ערשטער פּלאַן פון לינקאָלן איז געווען צו ווערן אַ שטוב־מענטש אין פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום. באַזונדערס האָט ער זיך געוואָלט באַפריינדן מיט הער אַלבערט לע גראַנדזש, דער וויצע אויסערן־מיניסטער, וואָס

האָט פּאַקטיש פּאַרוואַלטעט מיט די וויכטיקסטע אויסלענדישע פּראָבלעמען.

צוליב דעם האָט לינקאָלן זיך באַנוצט מיט פֿאַרשידענע רעקאָמאַנדאַציע־בריוו, וואָס הער ראַונטרי האָט אים געגעבן אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין אַרבעט. דאָס האָט פֿאַר אים געעפנט פיל טירן אין וויכטיקע ביוראָס, אָבער צו אים אַליין, צו הער לע גראַנדזש, האָט ער נישט געקענט צוקומען. ער האָט אפילו פּרובירט אַרויסקריגן אַ פּערזענלעכן בריוו פון ענגלישן אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז, אַז לע גראַנדזש זאָל אים אַרויסגעבן אָפיציעלע ביכער פון ביוראָ, אָבער דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר האָט אים אָפּגעזאָגט מיט אַ געבייזער, אַז ער איז נישט קיין בוכהענדלער...

לאַנגע וואָכן האָט ביי אים קיין זאַך זיך נישט גערירט פון אָרט. דער בריוו־אויסטויש צווישן ענגלישן אַמבאַסאַדאָר מיט דעם אויסערן־מיניסטעריום האָט זיך געצויגן אַן אויפהער, ביז סער עדוואַרד גרעי, דער ענגלישער אויסערן־מיניסטער, האָט איינגעשטימט צו שרייבן אַזאַ בריוו, וואָס טריביטש לינקאָלן האָט פון אים פֿאַרלאַנגט.

באַוואָפנט מיט דעם וויכטיקן בריוו איז טריביטש לינקאָלן אַוועק אין פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום און אין יעדער אָפּטיילונג האָט מען אים דערלויבט אריינצוקוקן אין די אָפיציעלע ביכער. אַזוי ארום האָט ער זיך אויך נענטער באַקענט מיט לע גראַנדזש. דערנאָך, ווען מען האָט שוין אָנגעזאַמלט אויף איין פּלאַץ דריי הונדערט ביכער, האָט מען אים געפרעגט וווהין ער וויל זיי אַריבערפירן. לינקאָלן האָט אָן טראַכטענישן געענטפערט: אין דער ענגלישער אַמבאַסאַדע!

אין די ביוראָען פון דער ענגלישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז איז מען געוועזן שטאַרק אויפגערעגט צוליב דעם. די ביכער האָבן אָנגעפילט גאַנצע צימערן. קיינער האָט אין זיי נישט אַריינגעקוקט, אפילו ער, לינקאָלן אַליין, אויך נישט. אָבער אין פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום איז געבליבן דער איינדרוק, אַז לינקאָלן איז גאָר אַ וויכטיקער פֿאַרשטייער פון ענגלאַנד און אפשר גאָר אַ פּאַרטרעטער פון

ענגלישן געהיים־דינסט. דעריבער זענען אַלע טירן געווען פֿאַר אים אָפֿן.

אַלבערט לע גראַנדזש איז געווען אַ טיפּישער פֿראַנצויזישער באַאַמטער, געטריי און איבערגעגעבן. ער האָט געהאַט פֿאַרזיגלטע ליפּן און געקענט היטן אַלע סודות פֿון דער מלוכה. זיין געהאַלט איז נישט געווען גרעסער ווי די פּענסיע פֿון די אַנדערע רעגירונגס־באַאַמטע אין פֿראַנקרייך. אָבער ער איז געווען פֿאַרזאָרגט מיט איין זאַך: זיכערקייט, אַ געזיכערטע שטעלע! און ס׳איז מעגלעך, אַז אפילו זיין זון וועט שפּעטער קאָנען ירשענען זיין אַמט... און אַ געזיכערטע שטעלע, עקאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט — דאָס איז דער חלום פֿון יעדן פֿראַנצויז.

לע גראַנדזשן איז געלונגען אָפּצושפּאָרן פֿון זיינע פֿאַר־דינסטן 10 טויזנט פֿראַנק. ער האָט דאָס געלט אַריינגעלייגט אין באַנק און געפּירט אַ באַשיידן, גליקלעך לעבן מיט זיין פֿרוי און צוויי זין.

ווען לינקאָלן האָט אים איינמאָל איינגעלאַדן אויף אַ באַגעגעניש אין אָוונט, אין קאַפֿע־הויז „דע לאַ פּע" אין פּאַריז, האָט ער זיך געקווענקלט אביסל. אָט דער פּערזענלעכער סעקרעטאַר פֿון דעם ענגלישן מיליאָנער, הער ראָונטרי, איז אים פֿאָרגעקומען ווי עפּעס אַ פֿאַרדעכטיקטער טיפּ...

אַ טיפֿע שטים אין אים האָט אים געוואָרנט, אַז ער זאָל אָפּשטויסן די באַגעגעניש און זיך נישט איילן צו גיין אהין. די זעלבע שטים האָט אים אויך געסטראַשעט, אַז אויב ער וועט זיך נישט באַהערשן און יאָ גיין, קאָן זיך דאָס ענדיקן מיט טרויעריקע קאָנסעקווענצן... אפשר וויל עמעצער אים אַריינשלעפּן אין אַן אַוואַנטורע?

הער לע גראַנדזש האָט לאַנג איבערגעטראַכט, ביז ער האָט צום סוף זיך באַרויקט. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער טרייבט היפּש איבער מיט זיינע פֿאַרדאַכטן אויף מענטשן. דאָס נעמט זיך אפשר דערפֿון, וואָס זיין אַרבעט איז אַזאַ העכסט־פֿאַראַנטוואָרטלעכע און ער מוז קוקן מיט זיבן פּאָר אויגן אויף יעדן איינעם, וואָס באַווייזט זיך פֿאַר

אים. עס קאָן זיין, אַז לינקאָלן איז טאַקע אַ מאָדנער מענטש, אָבער ער איז דאָך פאָרט אַ וויכטיקער ענגלענדער, וואָס גייט און קומט פריי אין די מלוכה־אָפּטיילונגען. ער וועט נעמען דעם שאַנס — האָט ער סוף־כל־סוף באַשלאָסן — ער וועט יאָ זיך טרעפן מיט טריביטש לינקאָלן...

לע גראַנדזש איז געקומען אין קאַפע־הויז, און דאָס איז געווען זיין ערשטער צוזאַמענטרעף מיט טריביטש לינקאָלן, אָבער ער האָט דאָס שוין שפּעטער נישט באַדויערט. ביי איינעם פון די טישלעך איז געזעסן סעלעסט. דערזעענדיק אַריינקומען לינקאָלנען, האָט זי זיך אַ הויב־געטאָן פון אָרט און איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט פרייד:

— שוין באַלד אַ יאָר ווי כ׳האָב אייך נישט געזען, מיסטער לינקאָלן! וואָס האָט פּאַסירט? ווּהין זייט איר פאַרשוווּנדן?

לינקאָלן האָט נישט געענטפערט אויף אירע פראַגן. אַנשטאָט דעם האָט ער זי פאָרגעשטעלט פאַר לע גראַנדזש.

— סעלעסט — האָט ער געזאָגט — ביטע, זיי באַקאַנט מיט אַלבערט... ער איז מיין גאַסט היינט אָוונט...

מיט אַ באַזונדערער אויסרעכענונג האָט ער נישט דערמאָנט זיין צווייטן נאָמען. דאָס איז ער געווען אַזוי פאַרזיכטיק נישט אָנצורופן דעם גוט־באַקאַנטן פראַנצויזישן נאָמען אין אַ קאַפע־הויז.

— זייער אָנגענעם! — האָט אַלבערט איידל געדריקט די האַנט פון דעם מיידל. און ווען אַלע דריי זענען שוין געזעסן ביים טיש, האָט דער באַשיידענער פראַנצויזישער באַאַמטער נישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר די אויגן. ווי אַזוי האָט ער נישט באַמערקט פריער די דאָזיקע פּרעכטיקע שיינהייט? אַזאַ שיינהייט מוז דאָך באַמערקט ווערן אין פּאַריז!

סעלעסט האָט געהאַט אַ פאַרענדערטע פריזור, אָבער אירע האָר זענען נאָך אַלץ געווען גאָלד־בלאָנד און געפאַלן איבער אירע אַקסלען, ווי כוואַליעס אינעם שיין פון זון־אונטערגאַנג. זי האָט געטראָגן אַ גרין קלייד, וואָס איז

געלעגן ווי אָפּגעגאָסן אויף איר גראַציעזן קערפּער און געצייכנט אירע בויגעוודיקע ליניעס.

„זי מוז אַלט זיין אַ יאָר 20 אָדער 22 — האָט לע גראַנדזש צו זיך גערעדט. — זי אָטעמט מיט יונגשאַפט און פרישקייט".

און כאָטש ער האָט געזוכט אין איר איין לייכטן חסרון, האָט ער אָבער נישט געקאָנט געפינען דעם מינדעסטן שפּרענקעלע אויף איר ווייסן, איידעלן פּנים און באַקן. אירע פינגער, ווי ביי אַ פּיאַנאָ־מייסטער, זענען געווען לאַנגע, אויסגעשניצטע. דער בלויער גלאַנץ פון אירע אויגן האָט אים דורכגענומען מיט אַ לוסט און אַ פייער, פון וועלכן ער האָט פריער נישט געוווסט.

אַריבער אַ שעה צייט זענען זיי געזעסן ביים טישל און גערעדט וועגן די נייע מאָדעס אין פּאַריז, וועגן די נייע ביכער אין דער ליטעראַטור, וועגן דעם יקרות פון לעבנס־מיטלען — וועגן אַלץ, נאָר נישט וועגן פּאָליטיק. סעלעסט אַליין האָט עטלעכע מאָל באַמערקט, אַז זי איז נישט פאַר־אינטערעסירט אין אַ פּראָפעסיע, וווהין אַ פרוי טאָר נישט אַריינקומען...

לינקאָלן האָט גאָר וואַכזאַם געקוקט אויפן פּאָרל. בלויז צוויי מאָל איז ער אַוועק טעלעפאָנירן. איינמאָל איז סעלעסט אַרויס טאַנצן מיט לע גראַנדזשן. אָבער מען דאַרף דאָך נישט מער ווי איין סעקונדע, כדי אָנצוצינדן דעם פלאַם פון ליבע אין אַ מענלעך האַרץ. לע גראַנדזש איז שוין געווען געפאַנגען אין איר פּאַסטקע, כאָטש ער אַליין האָט דערפון נישט געוווסט דעם ערשטן אָוונט.

אַרויסגייענדיק פון קאַפע־הויז, האָבןביידע מענער זי באַגלייט ביז צו איר האָטעל. הער לע גראַנדזש, דער גע־לאַסענער פראַנצויזישער מלוכה־באַאַמטער, האָט אין זכרון פאַרצייכנט איר נאָמען און אַדרעס. און ווען ער האָט ביי איר טיר אָנגערירט איר האַנט און דערפילט דעם ברי און דעם ציטער אין זיינע בלוטן, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זיין ביז־איצטיק לעבן איז ער פאַרשלאָפן...

אין פאַרלויף פון די שפּעטערע פיר וואָכן אין לינקאָלן

אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן פֿון האָריזאָנט. מען האָט אים אין ערגעץ נישט געזען, יעדנפֿאַלס האָט מען אים קיינמאָל נישט באַמערקט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון סעלעסט און דעם פּראָמינענטן פֿראַנצויז הער לע גראַנדש. עס האָט אויסגע־זען ווי ער וואָלט זיי איבערגעלאָזט אליין מיט אַן אויס־רעכענונג, אַז די ליבע צווישן זיי זאָל זיך אַנטוויקלען, ביז וואַנען עס וועט פֿון דעם קליינעם פֿלאַם ווערן אַ העליש פֿייער...

און ווירקלעך, סיי סעלעסט, סיי לע גראַנדזש האָבן זיך נישט געניטיקט אין קיין אָנווייזונגען ווי אַזוי צו פֿירן אַ ליבע. טאָג־איין טאָג־אויס האָט סעלעסט געקראָגן צוגע־שיקט אין איר האָטעל אריין אַ בוקעט בלומען, רויטע, גליענדיקע בלומען אַזוי ווי פֿייער. דאָס איז געווען דער טיפֿסטער אויסדרוק פֿון ליבע, וואָס דער היכער באַאַמטער האָט געשיקט צו דער יונגער פֿרוי, וואָס האָט באַנייט זיין לעבן און צוריק אויפֿגעוועקט אין אים די יוגנטלעכע גלוסטונגען. דאָס פּאָרל האָט זיך געטראָפֿן צום ווינציקסטנס צוויי מאָל אַ טאָג אין פֿאַרשידענע פּלעצער פֿון פּאַריז און אויך אויסער דער שטאָט.

לע גראַנדזש האָט ענדלעך זיך אָפּגעזוכט אַ מעטרעסע, וואָס איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אין פֿראַנקרייך. אָפּט האָט מען אין יענער צייט באַטראַכט אַ מאַנסביל, וואָס האָט נישט קיין קעפּס־ווייבער — אויף אַ קורצע, צי לענגערע צייט — אַלס אַ שלימזל.

מען האָט לינקאָלנען נישט געזען, אָבער ער האָט אין דער אמתן געהיט דאָס פּאָרל מיט זיבן פּאָר אויגן. ער פֿלעגט זיי נאָכשפּירן ווי פֿון הינטערן פֿאַרקאָן. די באַלעבאָסטע פֿון האָטעל, וווּ סעלעסט האָט געוווינט, פֿלעגט פֿון אים קריגן אַ וועכנטלעכן כאַבאַר און דערפֿאַר האָט זי אים געבערענגט יעדן טאָג די בריוו, וואָס סעלעסט האָט געקראָגן.

טריביטש לינקאָלן האָט געהאַלטן פֿאַר זיין חוב צו זיין דער „צענזאָר", טראָצדעם וואָס ער האָט דאָס מיידעל סעלעסט נישט פֿאַרדעכטיקט אין קיין זאַך. עס האָט אים

פון צייט־צו־צייט באַאומרואיקט דער געדאַנק, טאָמער ליבן זיי זיך גלאַט אין דער וועלט אַריין. און אַ שפּיאָנקע האָט נישט קיין צייט צו פאַרטאַכלעווען איר טייערע צייט אויף סתם ליבעס. ליבע איז אַ מיטל צום ציל. אין אויסטויש פאַר איר ליבע האָט סעלעסט געמוזט אַרויסקריגן וויכטיקע סודות פונם פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום.

לע גראַנדזש איז דערווייל אַריינגעקראָכן אין חובות. אויסצוהאַלטן אַ מעטרעסע איז נישט געווען אַזאַ גרינגע זאַך פאַר אים פון פינאַנציעלן שטאַנדפּונקט. און סעלעסט איז געווען פון יענעם טיף געליבטע, וואָס האָבן זיך געהייסן צאַלען הויכע פּרייזן. ער האָט איר געקויפט די טייערסטע קליידער און אָפט איז ער מיט איר געפאָרן פאַרברענגען איבער פאַרשידענע געגנטן אין פראַנקרייך.

פון צייט־צו־צייט האָבן זיי אויך זיך אַריינגעכאַפּט קיין מאָנטע־קאַרלאָ, אין דער קאַסינאָ. דאָס מזל ביים רולעטקע־טיש האָט איר נישט צוגעשפּילט און פאַר די פאַרלוסטן, פאַרשטייט זיך, האָט ווידער געמוזט באַצאָלן דער ליבהאָבער. עס זענען פאַרביי עטלעכע מאָנאַטן און זיינע אָפּגעשפּאָרטע צען טויזנט פראַנק זענען זיך צעשוואומען. לע גראַנדזש האָט אָנגעהויבן צו מאַכן אָנלייעס אין די בענק צו באַפרידיקן דעם געברויך פון סעלעסט.

ביז איינמאָל, ווען לע גראַנדזש איז שוין געווען איינגעזונקען אין שווערע חובות, האָט די שיינע סעלעסט אויפגעזוכט איר באַפעלער, טריביטש לינקאָלן, און אים דערציילט, אַז איר געליבטער איז שוין „פּסיכאָלאָגיש" גרייט דורכצומאַכן די געהעריקע „אָפּעראַציע"...

לינקאָלן האָט שוין געוווּסט וואָס מען דאַרף טאָן אין אַזאַ פאַל. ער האָט באַפוילן סעלעסטן, אַז זי זאָל גלייך פאַרפּאַקן אירע וואַליזעס, נישט דערציילן קיין זאַך איר געליבטן און אוועקפאָרן אויף עטלעכע וואָכן קיין רוים. אַ האָטעל אין איטאַליעס הויפּט־שטאָט איז שוין געווען פאַר איר באַשטעלט און אַלע אויסגאַבן — געדעקט. לינקאָלן האָט אויך גערופן צו זיך זיינעם אַן אַגענט, „דר. היינריך", און אים געגעבן צו פאַרשטיין ווי אַזוי ער זאָל אויסקויפן

די טשעקן, וואָס לע גראַנדזש האָט אונטערגעשריבן אין דער צייט ווען ער האָט נישט געהאַט קיין געלט־דעקונג אין באַנק...

בלויז צו אַ שניידער, וועלכער האָט אויפגענייט קליידער פאַר דער שיינער סעלעסט, איז לע גראַנדזש שולדיק געבליבן 25.000 פראַנק. ער האָט דעם שניידער געגעבן אַ טשעק, וואָס איז נישט אויסגעצאָלט געוואָרן אין באַנק. דער פאַר־צווייפלטער לע גראַנדזש האָט זיך געבעטן ביים שניידער ער זאָל אים נישט אָנקלאָגן אין געריכט, נאָר וואַרטן עטלעכע טעג. לע גראַנדזש האָט אויך געגעבן ווערטלאָזע טשעקן צו דער האָטעל־אייגנטימעריך, ביי וועמען סעלעסט האָט געוווינט.

לע גראַנדזש איז אויך שולדיק געבליבן אַ פעטע סומע צו איינעם אַ „באַנקיר" אין מאָנטע־קאַרלאָ, וועלכער פלעגט באָרגן געלט צו געבראָכענע אייראָפּעישע נגידים, וואָס פלעגן פאַרשפּילן פאַרמעגנס ביים רולעטקע־טיש.

ד"ר היינריך אַליין האָט אָפּגעקויפט די ווערטלאָזע טשעקן פון לע גראַנדזש אויף דער סומע פון 37 טויזנט דאָלאַר.

אָט־דער פּיפּיקער אַגענט האָט אַפילו נישט געדאַרפט וואַרטן אויף לינקאָלנס אינסטרוקציעס וואָס צו טאָן מיט דעם קרבן לע גראַנדזש. קיינמאָל האָט מען אים נישט געזען אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד. דאָס איז געווען אַ באַזונדערער טיפּ „קאַלטער גזלן", דער דאָזיקער ד"ר היינ־ריך. ער האָט געשטעלט לאַנגזאַמע, געלאַסענע טריט, יעדער צוג זיינער איז געווען געמאָסטן און געוויגן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געאיילט.

אין דערווירקלעכקייט האָט אָט דער מאַן, וואָס האָט זיך גערופן „ד"ר היינריך" — כאָטש ער האָט אפשר קיין עלעמענטאַרע שול נישט געענדיקט — געקאָנט ווערן אַ דיפּלאָמאַט, אָבער צוליב אומשטענדן, נישט אָפּהענגיק פון אים, איז ער געוואָרן אַן אונטערוועלט־מענטש. לינקאָלן האָט אים טאַקע אַנטדעקט צווישן די פאַרברעכער פון פּאַריז און אַזוי ווי ער האָט געקענט זיין שוואַכקייט — זיין הונ־

גער נאָך געלט — האָט לינקאָלן אים גלייך געמאַכט פאַר זיין אַגענט.

ד״ר היינריך איז געווען שווערלייביק, אומגעלומפּערט. ער האָט געהאַט לאַנגע הענט און ברייטע אַקסלען. און פון זיינע טונקעלע בלויע אויגן האָט געשפּריצט מיט אַ שרעק־לעכן גרימצאָרן.

דער דאָזיקער אונטערוועלט־פּאַרשוין וואָלט אויך גע־קענט ווערן אַן אַקטיאָר. ער האָט געציילט די ווערטער, ווי ער וואָלט זיי אויסדעקלאַמירט. אפשר אויך צוליב דעם האָט לינקאָלן איינגעזען, אַז ער וועט אים ברענגען הילף. לינקאָלן האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו נישט־דערבאַקענע אַקטיאָרן.

— דו ביסט געבוירן געוואָרן ווי פאַר דער טעאַטער־בינע! — האָט לינקאָלן איינמאָל אים געזאָגט.

— און וואָס פאַראַ ראָלן וואָלט מען מיר געגעבן צו שפּילן — האָט ד״ר היינריך געלאַכט — אַ קצב אָדער אַ מערדער?

— דו וואָלסט אויסגעצייכנט געשפּילט ביידע ראָלן! — האָט לינקאָלן אים געענטפערט.

ווען ד״ר היינריך האָט אין אַ שיינעם פאַריזער פרי־מאָרגן זיך דערנענטערט צום אַריינגאַנג פון פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום, איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ וועכטער און שפּעטער, ביי לע גראַנדזשס טיר — דורך אַ באַאַמטן.

— כ׳וויל זעען דעם הער לע גראַנדזש.

— האָט איר באַשטימט מיט אים זיך צו טרעפן איצט?

— ניין, אָבער כ׳בין זיכער, אַז ער וועט מיך וועלן זעען...

— כ׳באַדויער — האָט דער באַאַמטער אים אָפּגעזאָגט

— אָן אַ באַשטימונג קען מען אייך נישט אַריינלאָזן צום הער לע גראַנדזש.

— כ׳בין אָבער איבערצייגט, אַז הער לע גראַנדזש וויל

מיך זעען, טראָץ אייער באַדויערונג — האָט ד״ר היינריך זיך פאַרעקשנט, — ס׳איז אַ דרינגנדע זאַך...

— ווער זייט איר? וואָס פאַראַ נאָמען זאָל איך אים איבערגעבן?

— כ׳בין אַ הענדלער פון קונסט־בילדער — האָט ד״ר היינריך גענומען ציילן געלאַסן די ווערטער. — אָבער מיין פראָפעסיע איז דאָ נישט וויכטיק... זייט אַזוי פריינטלעך און זאָגט אים, אַז כ׳האָב געבראַכט דריי טשעקן... ער וועט שוין וויסן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך...

דער באַאַמטער האָט געצויגן מיט די פלייצעס און געבליבן אַ ווײַלע שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט. וואָס קען ער דאָ מאַכן מיט דעם אומגעבעטענעם גאַסט? אָבער די גע־לאַסנקייט פון ד״ר היינריךביים רעדן האָט פאָרט געלאָזט דעם איינדרוק, אַז דאָס האָט מען צו טאָן מיט אַן ערנסטן מענטש, און דער באַאַמטער איז אַריין מעלדן לע גראַנדזשן וועגן דעם נייעם באַזוכער.

ד״ר היינריך האָט דערווייל טיפער אָפּגעאָטעמט און זיך אַריינגעלאָזט אין אַ ווייכן פאָטעל, צו וואַרטן ביז מען וועט אים רופן.

אַ פּאָר סעקונדן שפּעטער איז ד״ר היינריך אַריינגעבעטן געוואָרן אין ביוראָ פון לע גראַנדזש.

לע גראַנדזש אַליין איז איילנדיק אַנטקעגנגעגאַנגען דעם גאַסט און אים געבעטן זיצן אויף דעם איינציקן שטול, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין ביוראָ. ביים טיש, איבערן קאָפּ פון דעם פראַנצויזישן באַאַמטן, איז געהאָנגען אַן אַלט בילד פון דער צייט פון הענרי דעם דריטן.

— דוכט זיך מיר, הער, אַז מיר באַגעגענען זיך צום ערשטן מאָל — האָט לע גראַנדזש זיך אָנגערופן צו ד״ר היינריך.

— דאָס שטימט, הער לע גראַנדזש! און ווען נישט דאָס — האָט ער אָנגעוויזן אויף די דריי טשעקן אין זיין האַנט — ווער ווייסט צי כ׳וואָלט אַמאָל געהאַט די ערע אַריינצוקומען צווישן די ווענט פון דער גרויסאַרטיקער גע־ביידע און רעדן מיט אַזאַ וויכטיקן פּאָליטיקער ווי איר...

דערהערנדיק די ווערטער איז דאָס געזיכט פון לע גראַנדזש באַגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט און ער איז געוואָרן עטוואָס האַפּנונגספולער... נאָך אַלעם איז נאָך נישט אַזוי שלעכט, ווי ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט פריער. ער וועט נאָך אפשר קומען צו אַן אויסגלייך מיט דעם בעל־חוב...

— ווי קומען צו אייך מיינע טשעקן?

— גאַנץ איינפאַך. די טשעקן זענען דערגאַנגען צו מיר דורך מיינע געשעפטן... איך האַנדל מיט קונסט־בילדער. אָבער ווען איך בין געקומען אין באַנק, איז נישט געווען קיין געלט־דעקונג פאַר זיי... פאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין געווען איבעראַשט, אָבער כ׳האָב קיין זאַך נישט געזאָגט אין דער באַנק און אויך נישט צו קיין אַנדערן מענטש. איך האָב געוואָלט שוינען אייער גוטן נאָמען און דעם נאָמען פון פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום... אָבער איצט נויטיק איך זיך דרינגנד אין געלט און דאָס אָן אָפּלייג...

ד״ר היינריך האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן ווען ער האָט גערעדט, ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ זייטיקן ענין. ער האָט גערעדט מיט אַ נידעריקער, איינגעהאַלטענער שטים.

— איך שאַץ דאָס שטאַרק אָפּ, הער! — האָט לע גראַנדזש געזאָגט מיט אַ געבראָכן קול. ערשט איצט האָט ער דערזען אין וואָס פאַר אַ זומפּ ער איז געזונקען. ערשט איצט האָט ער געפילט ווי די שיינע סעלעסט האָט אים רואינירט.

— אַלזאָ, הער לע גראַנדזש! — האָט ד״ר היינריך נאָך אַ ווײַלע אים דערמאָנט. —איצט מוזן מיר דערליידיקן דעם חוב...

— גלויבט מיר, אַז איך בין איצט נישט אימשטאַנד אויסצוקויפן די טשעקן — האָט לע גראַנדזש שטיל גערעדט. — גיט מיר מינדעסטנס צייט ביז צום ערשטן פון קומענדיקן מאָנאַט...

— דאָס איז אויסגעשלאָסן, הער לע גראַנדזש... ביז צום ערשטן מוז איך וואַרטן נאָך פינף טעג און איך נויטיק זיך אין געלט שוין היינט! כ׳בין נישט קיין פאַרמעגלעכער

מענטש, כ׳לעב פון מיינע קליינע פאַרדינסטן און איר ווייסט דאָך וואָס פאַראַ גליקן עס מאַכט היינטיקע צייטן אַ קונסט־הענדלער וואָס האָט נישט קיין געשעפט ביים לוווּר־מוזעאום.

פון אויפרעגונג האָט לע גראַנדזש גענומען פויקן מיט זיינע פינגער אין טיש אַריין. ער איז איצט געווען צוגע־דריקט צו דער וואַנט, נישטאָ קיין אויסוועג. וואָס טוט מען?

אָבער ד״ר היינריך האָט זיין קרבן נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אים געפּייניקט מיט געלאַסענער גרויזאַמקייט. זיינע קאַלטע ווערטער, זיין געשעפטמעסיקער צוגאַנג האָט דעם פראַנצויזישן באַאַמטן שיער נישט געטריבן צו משוגעת. דאָס געוויסן האָט געפּלאָגט. פאַר די אויגן האָבן זיך פאַר־בייגעטראָגן צוערשט זיין פרוי מיט די צוויי זין, דערנאָך די שיינע סעלעסט. ווי שאָטנס האָבן די געשטאַלטן זיך געיאָגט נאָך אים.

— ווען די טשעקן וואָלטן געווען קליין, וואָלט איך אפשר געקענט וואַרטן עטלעכע טעג — האָט ד״ר היינריך זיך אָנגערופן. — אָבער ווייסט איר כאָטש ווי גרויס די סומען זענען?

ער האָט ווידער אַרויסגענומען פון קעשענע די דריי טשעקן און מיט זיי געפאָכעט אין דער לופט, ווי ער וואָלט געוויגן זייער ווערט...

— אָט האָט איר די סומען: 25 טויזנט פראַנק... און אָט האָט איר נאָך פיר טויזנט... און נאָך אַכט טויזנט... דאָס מיינט צוזאַמען 37 טויזנט פראַנק!

פאַר לע גראַנדזשן האָבן די ציפערן איצט אַרויסגערופן פאַרשידענע בילדער. אָט האָט ער געזען די שיינע סעלעסט ווי זי מעסט־אָן אירע קליידער ביים פּאַריזער שניידער! 25,000 פראַנק פאַר קליידער! וואָס פאַראַ קאָלאָסאַלע סומע! אָבער דער שניידער לאַבואַזיע איז פאָרט דער גרעסטער מאָדע־שניידער אין פּאַריז... און די אַכט טויזנט פראַנק! פונוואַנען נעמט זיך דאָס? אָה, דאָס האָט געמוזט זיין אַ קאָסטבאַרע הוליאַנקע אין יענער נאַכט!

ד״ר היינריך האָט צו־לאַנג נישט געלאָזט טראַכטן דעם שטומען לע גראַנדזש.

— אַלזאָ, הער לע גראַנדזש! איר מוזט אייערע טשעקן אויסקויפן היינט ביז 4 אַזייגער נאָכמיטאָג... אָדער כ'וועל אפשר וואַרטן ביז מאָרגן, אָבער צום שפּעטסטנס ביז 10 אינדערפרי!... איך וועל דאָ זיין נאָכאַמאָל...

אָפּזאָגנדיק די פּאָר ווערטער, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שטול, אויסגעגלייכט זיינע קליידער און זיך געלאָזט צו דער טיר, אָבער לע גראַנדזש האָט אים פאַרהאַלטן.

— וואַרט־צו איין מאָמענט! עס וועט מיר אומעגלעך זיין צו באַצאָלן מאָרגן. טוט מיר די געפעליקייט און וואַרט ביז צו ענדע מאָנאַט...

ד"ר הייגריך האָט זיך צוריק אַריינגעזעצט אין שטול מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט געקליבן פריער אַוועקצוגיין. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— ניין, כ'מוז האָבן דאָס געלט מאָרגן אינדערפרי... אָבער כ'האָב פאַר אייך אַ פאָרשלאָג...

ביי לע גראַנדזשן האָבן די אויגן אויפגעלויכטן: וואָס פאַר אַ פאָרשלאָג קען דאָס זיין?

— כ'בין איינשטימיק אייך צוריקצוגעבן די דריי טשעקן — האָט ד"ר הייגריך געזאָגט, אָן פאַרענדערונג אין זיין שטים — און איך וועל אייך נאָך אפילו צוגעבן אַ היפּשע סומע געלט, אויב איר וועט באַווייליקן מיר צו ענטפערן אויף עטלעכע אומוויכטיקע פראַגן...

לע גראַנדזש איז דערשטויגט געוואָרן פון דעם מאָדנעם פאָרשלאָג. פון איבעראַשונג האָט ער פשוט נישט געקענט עפענען דאָס מויל. וואָס וויל אָט דער פרעמדער מענטש אַזוינס וויסן, פאַר וואָס ער וויל נאָך צוצאָלן און אים שענקען דעם חוב? אפשר האָט דאָס צו טאָן מיט זיין סעלעסט? אפשר האָט ער זיך דערוווּסט וועגן זייער געהיימער ליבע? אָבער דאָס האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל. קען דען זיין, אַז אָט דער שווערלייביקער פאַרשוין ליבט זיך אויך מיט איר?

ווען ער איז שוין געווען עטוואָס באַרואיקט, האָט ער געפרעגט:

— וואָס זענען די פראַגן?

ד״ר היינריך האָט ווידער אָנגעהויבן געלאָסן:

— די ערשטע פראַגע: וואָס זענען די פאָרשלאָגן וואָס קעניג עדוואַרד דער זיבעטער האָט פאָרגעבראַכט פאַר קעניג אַלפאָנסאָ דעם 13־טן אויף דער קאָנפערענץ אין קאַרטאַ־גענאַ? און די צווייטע פראַגע: וואָס זענען די מיליטערישע פּלענער אויף דער יבשה און אויף די ימען ביי ענגלאַנד און פראַנקרייך? כ׳מיין די פּלענער וואָס זענען געצילט קעגן דייטשלאַנד?

לע גראַנדזש איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ געביסענער פון אַ שלאַנג. ער האָט זיך אַ צי־געטאָן ווי אַ פאַרווונדעטע חיה אין אַ שטייג. דאָס בלוט איז אים אַריין אין די שלייפן און מיט דער פויסט האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש:

— דאָס איז דאָך אַ שווינדל! דאָס איז דאָך באַנדיטיזם!

ד״ר היינריך האָט זיך נישט אויפגערעגט פון זיין גע־שריי. ער האָט געלאָסן געענטפערט:

— רופט דאָס ווי איר ווילט! אָבער ס׳איז דאָך אַלץ אָנשטענדיקער ווי צו גנבענען! באַצאָלן מיט ווערטלאָזע טשעקן הייסט גנבה און גזילה!

פאַר לע גראַנדזשן איז איצט אַלץ געווען קלאָר. הייסט עס, אַז אַט דער פּאַרשוין איז אַ דייטשער אַגענט! און ווער האָט אים געשיקט צו אים? עפּעס האָט זיך אים געבאָמבלט אין קאָפּ, אַז דאָס איז אפשר די אַרבעט פון יענעם ענג־לענדער, דער סעקרעטאַר פון הער ראָונטרי... ער האָט שוין פאַרגעסן זיין נאָמען... ער האָט שטענדיק אויף אים געטראָגן אַ פאַרדאַכט... יענער איז אַ מאָדנער טיפּ... אָבער ווי איז דאָס מעגלעך? יענער מאַן איז דאָך אַ שטענדיקער איינגייער אין דער ענגלישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז... און אויב ער איז ווירקלעך אַ שפּיאָן, איז ער געוויס אַן ענגלי־שער שפּיאָן און נישט קיין דייטשער...

אָבער וואָס עס האָט צומערסטן אויפגערעגט לע גראַנ־דזשן איצט, איז געווען די גזלנישע געלאַסנקייט פון אָט־דעם סאַדיסטישן בעל־חוב, וואָס זיצט קעגנאיבער אים... ווען אָט־דער פּאַרשוין וואָלט זיך כאָטש אויפגערעגט, גע־קלאַפּט אין טיש אַריין, געמאַכט סקאַנדאַלן, וואָלט דאָס גע־

וויס אויף אַרויסגערופן זיין אייגענעם צאָרן, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אים אין פאַרלויף פון די לעצטע עטלעכע וואָכן. אָבער דער קרעדיטאָר זיינער איז צו אים געקומען ווי אַ קאַלטער גרויזאַמער רויבער... ער האָט זיך אַריינגע־נאַרט אין זיין ביוראָ ווי אַ קונסט־הענדלער און אָט וואָס עס זענען די רעזולטאַטן!

לע גראַנדזש איז געווען מיט איין זאַך צופרידן, וואָס די באַאַמטע אינדרויסן האָבן נישט געוווסט וואָס עס קומט פאָר צווישן זיינע ווענט... עס איז אים געבליבן צו האַנדלען שנעל און שכלדיק, און אפשר איז טאַקע דאָס בעסטע מיטל אָנצוסטראַשען דעם דייטשן אַגענט.

— דאָס איז באַנדיטיזם! — האָט לע גראַנדזש איצט געשריען צו אים — און דאָס איז אויך פאַראַט! איר ווילט זיין אַ געדונגענער שפּיאָן פאַר פראַנקרייכס שונאים? איך טעלעפאָניר שוין צו דער פּאָליציי!

און לע גראַנדזש האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום טעלעפאָן־טרייבל, אָבער ד״ר הייגריך איז געווען פלינקער און געשיקטער פון אים. זיינע פעטע פינגער האָבן אָנגע־כאַפּט דעם אָרעם פון דעם פראַנצויזישן באַאַמטן.

— איילט אייך נישט — האָט ער גערעדט מיט אַ שמייכל. — איידער איר קלינגט צו דער פּאָליציי, רופט־אַרויס אייער געליבטע... ס׳קען זיין, אַז דאָרט וואַרט אויף אייך אַן איבעראַשונג.

לע גראַנדזש האָט זיך אַ רוק געטאָן הינטערווייַלעכץ. אַלזאָ, איצט איז עס קלאָר, אַז דער אונטערוועלט־מענטש האָט אויך פאַרבינדונגען מיט דער שיינער סעלעסט... אָבער וואָס האָט דאָ צו טאָן סעלעסט מיט אַ דייטשן אַגענט?

מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער ווידער אָנגענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

פון יענער זייט טעלעפאָן־דראָט, אין צימער פון דער שיינער סעלעסט, איז נישט געקומען קיין ענטפער. ער האָט געקלונגען אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל, אָבער קיינער האָט נאָך אַלץ נישט געענטפערט.

— אפשר ווילט איר רעדן צו דער האָטעל אייגנטימער־

רין? — האָט ד"ר הײנריך אים געגעבן אַן עצה. — עס קען זײן, אַז זי װײסט עפּעס...
לע גראַנדזש האָט אַ רעזיגנירטער געפּאָלגט די עצה און טעלעפאָנירט צו דער האָטעל־אײגנטימערין.
— ראַשעל? — האָט ער גערעדט מיט אַן אומעטיקער, קוים־הערבאַרער שטים — װוּ איז סעלעסט?
װען ער האָט אױפגעכאַפּט דעם ענטפער, האָט ער אַ פאַרװוּנדערטער אױסגערופן:
— קײן רוים איז זי געפאָרן? אױף דרײ װאָכן? װאָס עפּעס פּלוצים?
ער האָט אַן אַנטױשטער אַראָפּגעלאָזט דאָס טעלעפאָן־טרײבל.
— זעט איר שױן, הער לע גראַנדזש? — האָט ד"ר הײנריך מיט אים זיך געררייצט. — זי איז נישטאָ, סעלעסט... און איר געדענקט דאָך, אַז איר האָט איר שױן דערצײלט פיל מער װי מיר...
— דאָס איז אַ ליגן! — האָט ער אױסגעשריגן.
אָבער באַלד האָט ער זיך געװאָלט דערמאָנען צי ער האָט װירקלעך זיך נישט אַרױסגעכאַפּט פאַר זײן געליבטער מיט געהײמע אינפאָרמאַציע. װער װײסט װאָס דאָ קומט פאָר? איז ער אַרײנגעכאַפּט געװאָרן אין אַ פּאַסטקע? איז סעלעסט געשיקט געװאָרן צו אים דורך אַ הײפל שפּיאָנען? געװיס האָט זי אים געמאַכט רעדן אין זײנע שװאַכע מאָ־מענטן! אָה, פאַרװאָס האָט ער דאָס נישט פאַרשטאַנען, אַז די יונגע רײצנדע פרוי אַרבעט פאַר דעם דײטשן שפּיאָ־נאַזש? װי שװאַך און נישטיק ער פילט זיך איצט אין דער אָנװעזנהײט פון דעם אונטערגעשיקטן אַגענט. ער איז הילפ־לאָז, צעבראָכן און אַ געפאַנגענער בײ אָט־דעם אױסװורף.
פון דערשעפּטקײט האָט דער קאָפּ בײ הער לע גראַנדזש זיך אַראָפּגעלאָזט צװישן די אַקסלען. זײנע ליפּן האָבן עפּעס געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע װערטער, אָבער ד"ר הײנ־ריך האָט זײ פאַרשטאַנען. טראָצדעם װאָס די רײד זענען נישט דערגאַנגען צו זײנע אױערן.
פּלוצים האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען. לע גראַנדזש

האָט זיך דערשראָקן, אָבער זיין האַנט האָט זיך נישט געהויבן צו נעמען דאָס טרייבל. ער האָט אַ קוק־געטאָן אויפן וואַנט־זייגער און באַמערקט אַז דער גאַסט זיינער פּייניקט אים שוין העכער אַ שעה. ער איז אַ קרבן פון אַ שרעקלעכער פאַרשווערונג. ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ שפּינוועבס און ס׳איז נישטאָ קיין אויסוועג... נישט לע גראַנדזש, דער וויכטיקער באַאַמטער פון דעם פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום, האָט זיך געפונען איצט אין דעם צימער, נאָר אַ צעבראָכענער טויגעניכטס, דער שאָטן פון אַ מענטש.

— קומט צו מיר צוריק ענדע חודש! — האָט ער זיך געבעטן ביי ד״ר היינריך. — קומט דאַן און איך וועל אייך אַלץ באַצאָלן.

— כ׳האָב דאָס שוין געהערט און כ׳נעם עס נישט אָן! אויב כ׳וועל נישט קריגן די אינפאָרמאַציע ביז מאָרגן 5 אַזייגער נאָכמיטאָג, דאָס מיינט מיט דער צווייטער פּאָסט... וועל איך זען מען זאָל אייך שיקן אין טורמע אַריין... מיינע מענטשן וועלן אייך נאָכשפּיאָנירן און זאָל אייך נישט איינפאַלן, הער לע גראַנדזש, צו אַנטלויפן קיין שפּאַניע אָדער קיין איטאַליע! אויך דאָרט וועלן מיר אייך געפינען...

צום ערשטן מאָל איז די שטים פון ד״ר היינריך געווען אַ שטרענגע. ער האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט און פאַרקנעפּלט זיין מאַנטל מיט דער מינע פון איינעם, וואָס האָט נאָר־וואָס פאַרענדיקט אַ גוטן מאָלצייט. ער האָט זיך געלאָזט צו דער טיר.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט:

— יאָ, כ׳האָב כמעט פאַרגעסן. דער אַדרעס, וווהין איר דאַרפט שיקן די ענטפערס אויף מיינע צוויי פראַגן, איז האָטעל „פאַלע״ אין בריסעל, פאַר דעם „הינקענדיקן״. אויף ווידערזען!

צומאָרגנס מיט דער צווייטער פּאָסט איז אָנגעקומען קיין בריסעל די אינפאָרמאַציע פון הער לע גראַנדזש, אַזוי ווי מען האָט דאָס פון אים פאַרלאַנגט. עס איז געווען וויכ־

טיקע אינפאָרמאַציעס וועגן די געשפּרעכן צווישן דעם ענגלישן און שפּאַנישן קעניג אין קאַרטעגאַנאַ. עס האָבן אויך נישט געפעלט די אויספירלעכע פונקטן פונעם מיליטערישן אָפּמאַך צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך אין באַציאונג צו דייטשלאַנד.

ווען טריביטש לינקאָלן האָט געבראַכט די אינפאָרמאַציע צו זיין באָס אין לאָנדאָן, גענעראַל דיטמאַר, איז ער באַטראַכט געוואָרן אַלס דער העלד פון טאָג. דיטמאַר איז געווען באַגייסטערט פון אים. אַזאַ שנעלע דערגרייכונג האָט נאָך זיין געהיים־דינסט נישט געהאַט ביז דאַן...

— ווייסט איר, הער לינקאָלן — האָט ער געזאָגט — אַז איך האָב אייך שטאַרק געלויבט אין דעם באַריכט, וואָס כ׳האָב געשיקט צום הויפּט־קאָמאַנדיר אין בערלין?... כ׳בין זיכער, אַז ווען עס וואָלט געווען איינגעפירט צו געבן מעדאַלן צו אונזערע אַגענטן, וואָלט איין אויסצייכענונג שוין זיכער געהאָנגען אויף אייער ברוסט... אָבער מיר זענען דאָך די „אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן״... מיר קריגן די באַפרידיקונג און די אויסצייכענונג אין דעם פאַקט, וואָס מיר דינען דאָס פאַטערלאַנד...

דיטמאַר האָט נישט געוווּסט, אַז לינקאָלן איז געבוירן געוואָרן אַן אונגאַרישער ייד און אַז זיין פאָטערלאַנד איז נישט דייטשלאַנד... טריביטש האָט גערעדט דייטש ווי אַ געבוירענער אין בערלין.

— עס וועט פאַר אייך זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, הער לינקאָלן — האָט דיטמאַר ווייטער געזאָגט — אַז איך האָב אייך רעקאָמענדירט מען זאָל אייך באַשטימען אַלס הויפּט פון אונזער געהיים־דינסט אין די באַלקאַנישע לענדער. פאַרשטייט זיך, אויב איר האָט גאָרנישט דאַקעגן...

— ניין, כ׳בין נאָך נישט גרייט פאַר אַזאַ אַמט! — האָט לינקאָלן געזאָגט. — איך האַלט איצט ביים דערוויילט ווערן אין ענגלישן פּאַרלאַמענט... איין זאַך וויל איך אָבער בעטן ביי אייך: גיט מיר אַ גרעסערן בודזשעט פאַר מיין אַרבעט, וועל איך קענען פאַרגרעסערן די צאָל אַגענטן, וואָס בעמען מיינע דירעקטיוון.

— געוויס! וועגן דעם דאַרף מען נישט דעבאַטירן... — האָט דיטמאָר איינגעשטימט מיט אַ שמייכל.

קאַפּיטל צוועלף

דאָס איז געווען שוין אין יאָר 1910. אין אַ וואַרעמען זומער־אָוונט, ווען טריביטש לינקאָלן איז צוריקגעקומען פון פּאַרלאַמענט אין לאָנדאָן, נאָך אַ שטורמישער סעסיע, האָט ער געטראָפן ביי זיך אין הויז זיין „באָס", דעם גענעראַל דיטמאָר. דאָס איז פאַר אים געווען אַן איבעראַשונג, ווייל ביז דאַן האָט דיטמאָר קיינמאָל אים נישט באַזוכט אין הויז.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט ער געפרעגט.

— מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איר זייט קראַנק, און איך בין געקומען אייך באַזוכן... — האָט דיטמאָר אַרויסגעשטאַמלט אַ תירוץ.

אין דער אָנוועזנהייט פון זיין פרוי, מאַרגאַרעטאַ, האָט דיטמאר נישט געוואָלט אַרויסרופן קיין פאַרדאַכט. לינקאָלן האָט פאַרשטאַנען די אַנדייטונג און נישט געוואָלט אַרויס־שטעלן דיטמארן אַלס ליגנער.

— אַלזאָ, ווי איר זעט, פיל איך זיך שוין איצט פיין און געזונט... מיין דאָקטאָר זאָגט, אַז איך עס אַביסל צופיל און דאָס קען מיר ברענגען שאָדן...

דיטמאר האָט אַ צופרידענער געשמייכלט, וואָס לינקאָלן פאַרלירט זיך נישט און האַלט־אָן אַ פּאַסיקן טאָן. הייסט עס, אַז ער האָט פאַרשטאַנען דעם ווונק...

— קומט אַביסל אַראָפּ אין סיינט דזשיימס פּאַרק — האָט לינקאָלן געזאָגט צו זיין גאַסט — וועלן מיר זיך דורכ־שמועסן.

און ער האָט זיך געווענדעט צו זיין פרוי, מאַרגאַרעטאַ:

— כ'וועל זיין צוריק אין אַ פערטל שעה...

זיי זענען אַראָפּ מיט די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום הויף פון דער געביידע, קעגנאיבער דעם פּאַרק. ס'איז געווען אַ פינצטערער אָוונט. זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף

אַ זייטיקער באַנק, ווו מען האָט נישט געזען קיין פּאַר־בייגייער.

— ווייסט איר, לינקאָלן — האָט דיטמאַר זיך אָנגערופן — אַז איך היט זיך שטענדיק נישט געזען צו ווערן מיט אייך צוזאַמען... ס'איז בעסער, אַז „סקאָטלאַנד יאַרד" זאָל נישט וויסן, אַז איך, דער קאָרעספּאָנדענט פון דער „דייטשע אַלגעמיינע צייטונג", קען זיך פּערזענלעך מיט אייך... אָבער כ'בין געצוווּנגען געווען היינט צו קומען צו אייך...

— כ'האָב זיך ווירקלעך געוווּנדערט אויף אייער באַזוך ביי מיר.

— אַלזאָ, הערט, לינקאָלן. כ'האָב געקראָגן אַ דרינגנדע מעלדונג, און בלויז איר קענט מיך ראַטעווען...

לינקאָלן האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיינע ברייט־געעפנטע אויגן און געוואַרט אויף אַ ווייטערדיקער אויפקלערונג.

— דער הויפּט פון בערלינער געהיים־דינסט האָט מיר געלאָזט וויסן — האָט דיטמאַר פאָרגעזעצט — אַז די אינפאָרמאַציע, וואָס כ'האָב אים געשיקט וועגן דעם ענגלישן פּלאַט, זענען נישט צופרידנשטעלנד... די דייטשע רעגירונג הויבט איצט אָן צו בויען אַ ריזיקן ים־פלאָט, אָבער איידער זי ווערט פאַרטיק מיט אירע פּלענער, מוז זי וויסן ווי גרויס און ווי שטאַרק עס איז די ענגלישע ים־מאַכט...

— מיט וואָס קען איך דאָ העלפן?

— איר קענט דאָך גאָר גוט דעם ענגלישן פלאָט־מיניסטער מעקקענזע? ער האָט דאָך אַמאָל פאַר אייך געהאַלטן אַ רעדע ביי די וואַלן אין דאַרלינגטאָן?

— דאָס איז ריכטיק. אָבער איך קען נישט קומען צו אים ער זאָל מיר אַרויסגעבן פאַרטרוילעכע אינפאָרמאַציע... אַזוינע זאַכן מוזן מיר זוכן דורך אַנדערע קאַנאַלן... כ'וועל זיך אַרומקוקן און זען וואָס מען קען דאָ טאָן...

און ווי לינקאָלן האָט געהאַלטן אין מיטן רעדן מיט דיטמאַרן, האָט ער אין זיין מוח שוין געוועבט פאַרשידענע פּלענער. געדאַנקען זענען אים איינגעפאַלן אָן אַ שיעור. ער איז אָבער אויף דער ערשטער מינוט נישט געקומען

צו קיין באַשטימטן אויספיר. איין זאַך האָט ער יאָ קלאָר געוווסט: אַז ער וועט זיין אינפאָרמאַציע נישט קענען אַרויסקריגן דירעקט פון דעם ענגלישן פלאָט־מיניסטער. ער וועט זיך מוזן באַנוצן מיט אַנדערע הענט.

פונדעסטוועגן, נאָך צוויי טעג, האָט לינקאָלן שוין געהאַט אַ פּאַרטיקן פּראָגראַם. זיין איצטיקער אַגענט איז געווען פאַר דעם צוועק אַן אונגאַרישער ייד, אַ מאַשינען־אינזשעניער פון פאַך.

לינקאָלנס פּלאַן איז געווען אַן איינפאַכער. ער האָט געדאַרפט אַרויפשיקן זיין אַגענט אויף די שיפן אין די וויכ־טיקסטע האַפנס פון ענגלאַנד, אָבער דערצו האָט ער געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער ענגלישער אַד־מיראַליטעט. אַזאַ אָפיציעלן בריוו האָט ער נישט געקענט אַרויסקריגן אויפן גלייכן וועג און דעריבער האָט ער גע־מוזט זוכן הינטערוועגן. דאָס האָט געמיינט, אַז ער האָט געדאַרפט פעלשן עטלעכע אָפיציעלע בריוו...

צו טאָן אַזאַ זאַך האָט ער געמוזט האָבן די אָפיציעלע רעגירונגס־בויגנס מיט דער איבערשריפט פון דער אַדמי־ראַליטעט און מיט דער ענגלישער קרוין. און כדי צו באַזיצן אַזעלכע בויגנס האָט מען געמוזט טאָן איינס פון די צוויי זאַכן: אָדער זיי לאָזן דרוקן אין אַ דייטשער דרוקעריי, אָדער זיי אַרויסגנבענען פון די רעגירונגס־ביוראָס. און אַזוי ווי מען קען קיינמאָל נישט זיין זיכער מיט געפעלשטע דאָקומענטן, און לינקאָלן האָט סיי־ווי געהאַט אַ פּרייען צוטריט צום פלאָט־דעפּאַרטאַמענט און צו דער ביוראָ פון זיין פריינט מעק׳קענזע, וועט ער, פאַרשטייט זיך, באַשליסן זיך צו לאָזן אויפן צווייטן וועג...

אָבער ס׳איז דאָך לעכערלעך זיך איינצורעדן, אַז הער לינקאָלן אַליין זאָל גנבענען רעגירונגס־בויגנס! וועט ער דעריבער מוזן מיטנעמען אַהינצו נאָך אַן אַגענט, אַ „קליי־נעם גנב"...

אָבער כדי מיטצוברענגען מיט זיך אַ צווייטן מענטש אין פלאָט־דעפּאַרטאַמענט מוז מען דאָך האָבן עפּעס אַ תירוץ. מ׳קען דאָך נישט גלאַט אַזוי אַריינפירן זייטיקע מענטשן

אין אַ רעגירונגס־ביוראָ... איז לינקאָלןווידער געפאַלן אויף אַ המצאה. עס וועט הייסן, אַז דער פרעמדער וואָס איז אייגנטלעך אַן אייגענער באַקאַנטער פון לינקאָלן, איז געקומען פאָרשלאָגן דער ענגלישער רעגירונג אַ נייע דערפינדונג...

— ברענג מיר עפּעס נייע פּלענער וועגן אַן אונטערוואַסער־שיפל פון דעם מאָדערנסטן סאָרט... — האָט ער איינמאָל זיך אָנגערופן צו זיין מענטש, דעם מאַשינען אינזשיניער.

— וואָס מיינט איר, אַז כ'זאָל ברענגען נייע פּלענער?

— האָט יענער נישט פאַרשטאַנען.

לינקאָלן איז אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער און גענומען אויפקלערן דעם אַגענט:

— מאָרגן גייען מיר אין קאַנצעלאַריע פון דער אַדמיראַליטעט... עס וועט הייסן, אַז דו ברענגסט מיט זיך אַ צאָל פּלענער. דאָס זענען פּלענער פון אַ נייער דערפינדונג. איך וועל פאַרלאַנגען פאַר זיי פינף מיליאָן פונט, און אַזוי ווי איך ווייס אין פאָראויס, אַז זיי וועלן נישט איינשטימען צו צאָלן אַזאַ פּרייז, וועסטו אפילו נישט דאַרפן ווייזן דיינע צייכענונגען... אָבער דערווייל וועסטו בלייבן וואַרטן אין אויפנאַם־צימער פון מיניסטער. אין יענעם צימער זענען פאַראַן צוויי טישן. אין שופלאָד פון דעם קליינעם טישל געפינען זיך בריוו־בויגנס פון דער אַדמיראַליטעט מיט דער אָפּגעדרוקטער ענגלישער קרוין... אין דער צייט ווען איך וועל פאַרהאַנדלען מיט דעם מיניסטער וועגן דעם פּרייז, וועסטו דערווייל אַרויסנעמען אַ פּעקל בריוו־בויגנס... נעם נישט אַלע! שפּעטער וועלן מיר ביידע פאַרלאָזן די געביידע...

צומאָרגנס, 9 אַזייגער אינדערפרי, זענען ביידע, לינקאָלן מיט זיין אַגענט, אַוועק אין רעגירונגס־ביוראָ. ווען זיי זענען שוין געווען אינעווייניק אין אויפנאַם־צימער פון מעק'קענזיע, דעם פלאָט־מיניסטער, איז דער מאַשינען אינזשעניער דאָרט געבליבן וואַרטן, אָבער לינקאָלן איז גלייך אַריין צו דעם מיניסטער.

— כ'האָב אַ גלענצנדיקן פֿאָרשלאָג פֿאַר אייך, הער מיניסטער! — האָט לינקאָלן אָנגעהויבן.

מעקקענזע איז אים אַנטקעגן געגאַנגען, און נאָכן באַגריסן זיך, אים געבעטן זיצן.

— ביטע, איך בין גרייט צו הערן.

— ווען כ'האָב לעצטנס געמאַכט אַ רייזע אין בודאַפּעשט, האָב איך באַגעגנט אַ געניאַלן מאַשינען־אינזשעניער... ער האָט אַ ווונדערלעכע דערפֿינדונג פֿון אַ ניי אונטערוואַסער־שיפֿל. די נייע דערפֿינדונג האָט דריי פֿאָרצוגן: זי איז גאָר קליין, מען קען זי אויפֿבויען אין פֿאַרלויף פֿון אַ טאָג מיט אַ האַלב און זי איז אַ גלענצנדע שיסערין. אירע טאָר־פּעדאָס טרעפֿן שטענדיק אין ציל...

— אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט! — האָט מעק־קענזע געשאָקלט מיטן קאָפּ. — און וואָס איז דער פּרייז?

— איידער מיר וועלן רעדן וועגן פּרייז וויל איך, אַז דער אינזשיניער, וואָס איז געקומען מיט מיר און וואַרט אין צווייטן צימער, זאָל צוערשט געבן אַ פּאָר אויפֿקלע־רונגען...

— אָה, ניין! אויב עס וועט זיך האַנדלען וועגן געבן אויפֿקלערונגען, בין איך נישט דער עקספּערט. אונזערע טעכניקער וועלן די פּלענער דורכקוקן... אָבער איידער איך גיי רופֿן די טעכניקער, מוז איך וויסן דעם פּרייז.

— פֿינף מיליאָן פֿונט...

— דאָס איז אַ פֿאַנטאַסטישע סומע! — האָט דער מי־ניסטער זיך צעלאַכט. — מיר צאָלן קיינמאָל נישט אַזויפֿיל געלט... איר וואָלט דאָס שוין באַדאַרפֿט וויסן...

— איך האָב דאָס גלייך געזאָגט דעם דערפֿינדער — האָט לינקאָלן געשמייכלט. — אָבער ער איז איינגעשפּאַרט... ער האַלט, אַז דורך זיין דערפֿינדונג וועט די ענגלישע רעגי־רונג זיך איינשפּאָרן הונדערטער מיליאָנען...

— דאָס איז שוין אונזער אויסרעכענונג, מיסטער לינ־קאָלן! און נאָך אַ זאַך קען איך אייך זאָגן: אז צוויי וואָכן נאָך יעדער נייער דערפֿינדונג קריגן מיר סיי־ווי אַלע דע־טאַלן וועגן דעם...

— אַזוי? דאָס האָב איך נישט געוווּסט...

— און נאָך עפּעס מעגט איר וויסן, מיסטער לינקאָלן! נישט בלויז קריגן מיר די דעטאַלן וועגן דער נייער דער־פינדונג, נאָר מיר קריגן באַלד אַ מיטל, וואָס קען פאַרניכטן די נייע דערפינדונג...

אין יענעם מאָמענט האָט די טיר זיך געעפנט און אין מיניסטערס צימער איז אַריינגעקומען אַ באַאַמטער. ער האָט זיך דערנענטערט צום מיניסטער און אים עפּעס איינגע־רוימט אויפן אויער. לינקאָלן האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט אָנשטויסן וואָס דאָס איז...

נאָכדעם ווי דער באַאַמטער האָט געענדיקט אַריינפּליס־טערן אין דעם מיניסטערס אויער, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו לינקאָלן און געזאָגט אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט:

— זייט אַזוי גוט, מיסטער לינקאָלן, און זאָגט דעם מאַן, וואָס איז געקומען מיט אייך, ער זאָל צוריק אַרויסלייגן אַלע בריוו־בויגנס וואָס ער האָט אַריינגעשטעקט אין זיין קעשענע.

— וואָס?! — האָט לינקאָלן אויסגעשריגן מיט גע־מאַכטן כעס. — אַנטשולדיקט מיר, הער מיניסטער, וואָס כ'האָב אייך פאַרשאַפט אומאָנגענעמלעכקייטן...

ער איז שנעל אַריין אין צווייטן צימער אין דער באַ־גלייטונג פון דעם באַאַמטן און אויסגערופן אַ באַליידיקטער:

— ווי אַזוי האָסטו געוואַגט מיך צו פאַרשעמען? איך האָב דיר געוואָלט העלפן און דו האָסט מיך אַזוי דערני־דעריקט... נעם שוין אַרויס פון קעשענע אַלע בויגן־בריוו און אַנטשולדיק זיך.

לינקאָלן האָט אויסגעצייכנט געשפּילט... דער באַאַמטער איז געווען איבערצייגט, אַז בלויז לינקאָלנס באַגלייטער איז דער שולדיקער...

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז מען טאָר נישט... קיינער איז אין צימער נישט געווען... און אַזוי ווי איך האָב געזען די בריוו־בויגנס, האָב איך געטראַכט, איך וועל נעמען אַ

פּאָר... די קרוין מיט דער איבערשריפט געפעלן מיר פשוט אַזוי, אַז איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן...

דער מאַשינען־אינזשיניער איז געוואָרן בלייך און אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן אַלע פּאַפּירן פון זיין קעשענע אין מאַנטל. ער האָט זיי צוריק אַריינגעלייגט אין שופלאָד און עס איז געווען קלאָר, אַז ווען ער וואָלט זיך נישט געפונען אין דער געזעלשאַפט פון טריביטש לינקאָלן, וואָלט מען אים גלייך אַרעסטירט.

— וואָס איז מיט דיר געשען? — האָט לינקאָלן זיך געבייזערט אויף זיין אומגעשיקטן אַגענט, ווען זיי זענען שוין געווען אין גאַס.

— איך ווייס אַליין נישט... די ענגלענדער זענען דאָך עפּעס צויבער־מענטשן... איך האָב נישט געזען קיין איינציקן מענטש אין צימער, ווען איך האָב פאַרשטעקט די פּאַפּירן, אָבער ווי נאָך איך בין געווען פאַרטיק, איז דער באַאַמטער אריינגעלאָפן... זיי מוזן האָבן לעכער אין די ווענט...

איצט איז לינקאָלן זיכער געווען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות מיט אָט דעם שלימזלניק. ער האָט געדאַרפט מיטנעמען איינעם פון יענע אַגענטן, וואָס איז געניט אין גנבענען אפילו ווען מ׳קוקט אַריין דורך געלעכערטע ווענט...

— וואָס טוען מיר איצט? — האָט ער אַ באַזאָרגטער געפרעגט.

דער באַגלייטער האָט זיך צעלאַכט און גלייך אַרויסגעשלעפּט פון זיין הויזן־קעשענע עטלעכע בריוו־בויגנס.

— איר האָט דאָך מיר געהייסן אַרויסלייגן צוריק די פּאַפּירן פון דער קעשענע אין מאַנטעל, אָבער נישט פון די הויזן...

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן לינקאָלנס דריי שליחים דורכגעפירט אַן אינספּעקציע אין אַ רייע האַפנס. זיי זענען אַרויף אויף די וויכטיקסטע קריגס־שיפן און פאַרצייכנט אַלע איינצלהייטן וועגן דעם קורס אויף די ים׳ען. זיי האָבן אויך געקראָגן די נויטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן דער מאַשינעריע און וואָפן... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זענען נישט געווען

קיין פאַרשטייער פון דער ענגלישער אַדמיראַליטעט נאָר דייטשע שפּיאָנען.

לינקאָלן האָט דורכגעפירט נאָך אַ געלונגען שטיקל שפּיאָנאַזש־אַרבעט.

קאַפּיטל 13

אין יאָר 1913 האָט דער דייטשער קייזער ווילהעלם דער צווייטער אָפּט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס וועט טאָן רוסלאַנד אין פאַל פון אַ מלחמה אין אייראָפּע? וועט זי זוכן זיך אויסצושפּרייטן ביז אינדיע דורך אַפגאַניסטאַן? און וואָס וועט זיין מיט פּערסיע? שוין יאָרן־לאַנג ווי דער צאַר האַלט אַן אויג אויף די דאָרטיקע רייכע נאַפט־קוואַלן. ער זוכט כסדר זיך איינצוקויפן די פּריינטשאַפט פון יענעם לאַנד...

קייזער ווילהעלם דער צווייטער האָט געוווּסט, אַז דער צאַר האָט געבאָרגט דעם פּערסישן שאַך אַ ריזיקע סומע געלט, אַז יענער זאָל אָפּצאָלן די חובות צו ענגלאַנד און אַזוי אַרום בלייבן בלויז אַ בעל־חוב צו רוסלאַנד...

דער קייזער האָט אויך חשק געהאַט זיך צו דערוויסן אַלץ וועגן די דאַרדאַנעלן. צי האָט מאָסקווע אַ פּלאַן אַרומצורינגלען טערקיי „דעם קראַנקן מאַן פון אייראָפּע" — ווי מען האָט דאָס לאַנד גערופן.

כדי צונויפצוזאַמלען די געהעריקע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם, האָט טריביטש לינקאָלן געמאַכט עטלעכע רייזעס קיין קאָפּענהאַגן. אין יענעם יאָר, 1913 איז דענעמאַרק געווען אַ וויכטיקער אַנטי־דייטשער צענטער. קעניג קריסטיאַן דער 9־טער האָט פיינט געהאַט די דייטשן און ער האָט אויך געהאַט גענוגנדיקע סיבות דערצו: ער האָט געהאַט צוויי טעכטער — איינע איז געווען די מוטער פון צאַר ניקאָלאַי און די צווייטע איז געווען די קעניגין פון ענגלאַנד...

אָבער שוין אין יאָר 1908 איז לינקאָלן געווען אַ גאַנצער שטוב־מענטש אין קעניגליכן הויף אין קאָפּענהאַגען. די טירן

פון פאַלאַץ זענען פאַר אים געווען אָפן. אין קאָפּענהאַגען איז מען נישט געווען באַקאַנט געגוי מיט לינקאָלנס פונקציעס, אַז ער איז איינער פון די פאַרטרויאונגס־מענטשן אין ענגלישן געהייט־דינסט.

אין קאָפּענהאַגען האָט לינקאָלן זיך אויך באַקאַנט מיט דעם הויפּט פון רוסישן שפּיאָנאַזש — קאַרנאָוו. לינקאָלן האָט געוווסט, אַז דאָס איז אַן אויסגעטראַכטער נאָמען, אָבער אַזוי האָבן געטאָן אַ סך מענטשן וואָס האָבן געדינט אין שפּיאָנאַזש. זיי האָבן געטראָגן פאַרשטעלטע נעמען. לינקאָלן האָט מיט אים געהאַט אָפטע באַגעגענישן.

קאַרנאָוו האָט געהאַט אַ סך צוטרוי צו לינקאָלנען. ער האָט געוווסט, אַז ער איז אַ גאַנצער שישקע ביי די ענגלענדער. פונדעסטוועגן האָט אָט דער רוס געקענט האַלטן אַ סוד. וויפל לינקאָלן האָט זיך נישט באַמיט אַרויסצוקריגן פון אים וויכטיקע אינפאָרמאַציעס איז עס אים נישט געלונגען. ער האָט פאַר לינקאָלנען בלויז דערציילט, אַז ער יאָגט זיך נאָך ניהיליסטן, באָלשעוויקעס און אַנאַרכיסטן, וואָס ווילן מאַכן אַן אַטענטאַט אויפן צאַר...

דער צאַר ניקאָלאַי איז ביי אים געווען אַן אָפּגאָט און ער איז גרייט געווען אַוועקצוגעבן זיין לעבן פאַר אים.

אָבער וועגן די געהיימנישן אין דער רוסישער פּאָליטיק האָט ער נישט אַרויסגעגעבן קיין וואָרט. זיינע ליפּן זענען געבליבן פאַרשלאָסן.

אין פאַרלויף פון דער צייט האָט לינקאָלן באַמערקט איין מערקווירדיקע זאַך ביי קאַרנאָוון: ער פלעגט שטענדיק טראָגן מיט זיך אַ קליינעם פּאָרטפּעל, גרויס ווי אַן אַלבום פון בילדער. איבער דעם דאָזיקן פּאָרטפּעל האָט ער שטאַרק געציטערט. דער רוס האָט דאָס קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט און אויך נישט פון אויג. אפילו אויף דער דינערשאַפט אין דעם קעניגס פּאַלאַץ אין קאָפּענהאַגען האָט ער זיך נישט פאַרלאָזט.

לינקאָלן האָט פאַרשטאַנען, אַז יענער פּאָרטפּעל מוז זיין פון אומגעהויערן ווערט און ער האָט געמאַכט פּלענער ווי אַזוי אַרויסצוגנבענען דעם אוצר פון דעם רוס.

איינמאָל אין אַן אָוונט איז אין קאָפּענהאַגען פאָרגעקומען אַ קאָנצערט, געווידמעט דער מוזיק פון טשאַיקאָווסקי. אַ ספּעציעלער אָרקעסטער פון פּעטערבורג איז געקומען זיך באַטייליקן. צוויי טויזנט מענטשן, פון די אָנגעזעענסטע בירגער, האָבן אָנגעפילט דעם זאַל. עס האָבן אויך נישט געפעלט דער קעניג מיט זיין סוויטע.

אין די פאָדערשטע לאָזשעס זענען געזעסן די מענטשן פון קעניגלעכן הויף: פירשטן, מיניסטאָרן, דיפּלאָמאַטן. אין די ערשטע רייען הינטער דעם אָרקעסטער זענען געזעסן נאָך פּראָמינענטע געסט, הויכע רעגירונגס־באַאַמטע. אויך קאַרנאָוו און לינקאָלן האָבן זיך דאָרט געפונען און עס איז זיי אפילו אויסגעקומען צו זיצן צוזאַמען.

און כדי דער קאָנצערט זאָל זיין נאָך פייערלעכער, האָבן צווישן די צושויער זיך אַרומגעדרייט רעפּאָרטערס מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן. זיי האָבן פאָטאָגראַפירט אויף רעכטס און לינקס, אַלע מיניסטאָרן, הויכע באַאַמטע, ביז זיי זענען צוגעקומען צו קאַרנאָוון מיט לינקאָלנען. קאַרנאָוו האָט פון אָנהויב זיך קעגנגעשטעלט. ער האָט געוווסט, אַז פאַר אַ מאַן אויף אַזאַ פּאָזיציע ווי ער, איז גלייכער ער זאָל זיך וואָס ווייניקער לאָזן פאָטאָגראַפירן...

די פאָטאָגראַפיסטן זענען אָבער אַזוי צוגעשטאַנען צו אים, דערצו האָט לינקאָלן אים אויך צוגערעדט, אַז קאַרנאָוו איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן אין דער ענגשאַפט און ער האָט געמוזט פּאָזירן פאַר די קאַמעראַס. אויך לינקאָלנס בילד האָבן זיי באַזונדער אַראָפּגעכאַפּט.

ווי נאָר די פאָטאָגראַפיסטן האָבן זיך אָפּגעטראָגן פון טעאַטער־זאַל האָט קאַרנאָוו אויפגעהויבן אַ געוואַלד. פון שרעק האָט זיין פּנים זיך פאַרקרימט. ער האָט בענומען נישטערן אויף זיין זיץ־אָרט, הינטערן שטול — אָבער אומזיסט. זיין קליינער פּאָרטפעל איז געווען פאַרשוווּנדן.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט לינקאָלן תמעוואַטע אים געפרעגט.

— מיין פּאָרטפעל איז פאַרשוווּנדן.

— איר וועט אים געוויס געפינען נאָכן ערשטן אַקט...

אָבער קאַרנאָוו האָט זיך נישט באַרואיקט. ער איז געשפּרונגען פון איין אָרט צום אַנדערן און ווען ער איז שוין געוואָרן אײנגאַנצן האָפענונגלאָז, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ פּאָליציי־לויטענאַנט אין טעאַטער און אים געלאָזט וויסן וועגן דער גנבה. ער איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט אפילו געפאָדערט די פּאָליציי זאָל איבעררייסן דעם קאָנצערט, פאַרמאַכן די טירן און אונטערזוכן יעדן איינעם פון די אָנוועזנדע. דאָס האָט מען אים אָבער נישט געקענט צוליב טאָן און מען האָט אים צוגעזאָגט צו זוכן ביים סוף פון קאָנצערט.

דער פּאָרטפעל איז קיינמאָל נישט געפונען געוואָרן. דער רוס האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז די „פאָטאָגראַפיסטן", וואָס האָבן אַראָפּגעכאַפּט זיין בילד, זענען געווען לינקאָלנס אַגענטן און נישט קיין צייטונגס־רעפּאָרטערס...

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען גאָר וויכטיקע דאָקומענטן אַריבערגעפירט געוואָרן קיין בערלין, אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון דייטשן שפּיאָנאַזש.

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן אין 1914, צוליב דעם מאָרד פון דעם עסטרייכישן קרוינפּרינץ פערדינאַנד, האָט הער דיטמאַר, דער אָנפירער פון דייטשן געהיים־דינסט אין לאָנדאָן זיך צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד. ער האָט געהאַט אויסגערעכנט, אַז עס וועט נישט לאַנג נעמען און אויך ענגלאַנד וועט דערקלערן קריג די דייטשן.

לינקאָלן, וואָס האָט פריער גוט געקענט דעם דערמאָרדעטן קרוינפּרינץ פערדינאַנד, האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דווקא זיין טויט האָט געמוזט ווערן אַ תּירוץ פאַר דער גרויסער וועלט־שריפה. פונדעסטוועגן האָט ער געצווייפעלט צי ענגלאַנד וועט זיך גלייך אַנשליסן אין קריג... די ענגלענדער זענען נישט אַזוי היציק און אוודאי נישט לייכטזיניק...

דיטמאַר האָט לינקאָלנען געמאַכט פאַר זיין פּאַרטרעטער, וואָס דאָס האָט געמיינט אַלס דעם הויפּט פון דייטשן שפּיאָנאַזש אין ענגלאַנד און ער האָט פון דאָן אָן געדאַרפט צושטעלן אַלע באַריכטן צום דייטשן קאָנסול אין ראָטערדאַם. נאָכן אויסברויך פון קריג איז די שטאָט ראָטערדאַם געוואָרן

דער הויפּט־צענטער פון אינטערנאַציאָנאַלן שפּיאָנאַזש און קאָנטר־שפּיאָנאַזש.

לינקאָלן האָט זיך געפונען אין בריסעל אין יענעם טאָג, ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט באַלד זיך אומגעקערט מיט זיין פרוי מאַרגאַרעטאַ און קינדער קיין לאָנדאָן. זיין אויפגאַבע איז געווען גלייך צו רעאָרגאַניזירן דעם דייטשן געהיים־דינסט לויט די נייע, געענדערטע אומשטענדן.

דעם 3־טן סעפּטעמבער 1914 האָט די ענגלישע רעגירונג אָפיציעל דערקלערט קריג די דייטשן.

טראָץ זיין גרויסער פּאָרזיכטיקייט איז לינקאָלן שיער נישט געשטרויכלט געוואָרן. ער האָט באַזוכט עטלעכע מאָל ראָטערדאַם און ענגלישע געהיים־אַגענטן האָבן אים באַמערקט אריינגיין אַ פּאָר מאָל אין דער געביידע פון דייטשן קאָנסולאַט...

די נייעס איז אָנגעקומען אין לאָנדאָן, און „סקאָטלאַנד יאַרד" האָט באַפוילן אירע אַגענטן נאָכצושפּירן לינקאָלנען אויף טריט און שריט. צום ערשטן מאָל האָט די רעגירונג אָנגעהויבן צו פאַרדעכטיקן אים, אַז ער איז אפשר אַ שפּיאָן, כאָטש אַזאַ זאַך האָט אויסגעזען אויסטערליש... ער איז דאָך דאַן געווען אַ מיטגליד אין ענגלישן פּאַרלאַמענט...

איינמאָל האָט מען אים איינגעלאַדן אין קריגס־מיניס־טעריום און פאָרגעשלאָגן אַ נייעם אַמט, אַזוי ווי ער קען גלענצנד אונגאַריש און דייטש, וועט ער ווערן דער צענזאָר איבער די בריוו.

לינקאָלן האָט גערן אָנגענומען דעם נייעם אַמט.

— איר וועט אַרבעטן אין ביוראָ פולע 8 שטונדן און מיר וועלן אייך צאָלן, — האָט דער הויפּט־באַאַמטער איבער דער צענזור־אָפּטיילונג אים געזאָגט.

— אַלס אויסדרוק פון לאָיאַליטעט צו ענגלאַנד, וויל איך טאָן די אַרבעט אומזיסט! — האָט לינקאָלן פּאַטעטיש אויסגערופן.

דער הויכער באַאַמטער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר שאַרפע אויגן.

— יאָ, ביי דער געלעגנהייט, מיסטער לינקאָלן — האָט ער געזאָגט — מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז לעצטנס האָט איר אָפּגעשטאַט עטלעכע וויזיטן אין דייטשן קאָנסולאַט אין ראָטערדאַם. וועמען האָט איר דאָרט באַזוכט?

— דעם קאָנסול גנאַיסט...

— מעג איך פרעגן וואָס איז געווען דער צוועק פון אייער באַזוך?

לינקאָלן איז נישט צעטומעלט געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ פראַגע וועט קומען און ער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט דעם ענטפער פון פאָראויס.

— ווען די קריג איז אויסגעבראָכן, בין איך געווען מיט מיין פאַמיליע אין בריסעל. מיר — איך, מיין פרוי און קינדער — האָבן זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן, אָבער מיין שוויגער, וואָס איז אַ דייטשקע, איז געבליבן אין האַמבורג... די לעצטע טעג האָבן מיר נישט געהערט פון איר... דעריבער האָט מיין פרוי פאַרלאַנגט, איך זאָל זיך פאַרבינדן מיט דעם נאָענטסטן דייטשן קאָנסולאַט און אויסגעפינען, ווו זי איז אַהינגעקומען.

— וואָס האָט איר געדאַרפט אַזוי שטאַרק זאָרגן וועגן אייער שוויגער אַ פּאָר טעג נאָך דער צעשיידונג?

— איך האָב ווירקלעך זיך נישט געזאָרגט... אָבער מיין פרוי ווערט גלייך היסטעריש... זי איז פאַרליבט אין איר מוטער... איך האָב געמוזט שווערן, אַז איך וועל דאָס טאָן פאַר איר...

— המ... — איז דער הויכער בעאַמטער נישט געווען צופרידן מיט דעם ענטפער — גוט, הער לינקאָלן. איר וועט אָנהויבן אייער אַרבעט אַלס צענזאָר מאָרגן.

אַ באַזונדער צימער האָט מען אים אָפּגעגעבן פאַר זיין אַרבעט אין קריגס־מיניסטעריום. ער האָט באַלד געזען, ווי פון אַלע זייטן שפּירן אים נאָך געהיים־אַגענטן. באַלד האָבן די קלאַנגען, אַז מען פאַרדעכטיקט לינקאָלנען אין שפּיאָנאַזש זיך פאַרשפּרייט אויך אין אַנדערע קרייזן. דאָס האָט אַרויס־גערופן שטורמישע דעבאַטן. דער סוף איז געווען, אַז מען

האָט אים מער נישט דערלויבט אַרייַנצוקומען אין דעם ליבעראַלן־קלוב אין לאָנדאָן.

— איך בין שוין פּאַקטיש אַ געפאַנגענער ווי אין טורמע... — האָט לינקאָלן ביי זיך געטראַכט — די ענגלענדער האָבן דאָסמאָל מיך איבערכיטרעוועט...

ער האָט געזוכט וועגן ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען פון דער פּאַסטקע און זיך ריינוואַשן פון די פאַרדאַכטן, צוליב דעם האָט ער אָנגעבאָטן זיין דינסט צום ענגלישן אויסערן־מיניסטער סער עדוואַרד גרעי; צום פלאָט־מיניסטערס געהילף, ווינסטאָן טשערטשיל,ביידע האָבן דאָך אים געקענט גאָר אינטים און עס וואָלט זיי נישט איינגעפאַלן אים חושד צו זיין, אַז ער איז אַ דייטשער שפּיאָן...

אָבער די מיניסטאָרן און זיינע געהילפן האָבן אפילו נישט קיין צייט געהאַט אויפצונעמען לינקאָלנען פאַר אַן אינטערוויו.

לינקאָלן האָט געוווסט, אַז עס איז געקומען די צייט צו אַנטלויפן פון ענגלאַנד, מאַכן אַ ויברח פון לאַנד וואָס שנעלער. ערשטנס, וועט ער נישט קענען אָנפירן מיטן שפּיאָנאַזש פאַר דייטשלאַנד אונטער אַזעלכע באַדינגונגען; און צווייטנס, איז נישטאָ קיין גאַראַנטיע, אַז די ענגלענדער וועלן אים ענדלעך נישט אַרעסטירן... אָבער פאַרן אַנטלויפן האָט ער אָפּגעמאַכט זיך נוקם צו זיין אָן ענגלאַנד, זיין גאַנצן כעס האָט ער איצט געוואָלט אויסגיסן אויף די ענגלענדער דורך אָפּטאָן אַזאַ געוואַגטע שפּיאָנאַזש אַרבעט, אַז די ענגלענדער זאָלן אים געדענקען אויף אייביק.

אַזאַ דעמאָנישער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן און ער האָט באַשלאָסן גלייך צוצוטרעטן אָן שרעק און פאַרווירקלעכן דעם טייוולאָנישן פּלאַן.

קאַפּיטל 14

דריי געהיים־אַגענטן פון „סקאָטלאַנד יאַרד״ האָבן פון דעמאָלט אָן נאָכגעשפּירט טריביטש לינקאָלן טאָג און נאַכט ווי בייזע שאָטענס. ווו ער האָט נאָר געשטעלט אַ טריט, זענען זיי געווען נאָך אים. אין פּרימאָרגן האָבן זיי אים באַגלייט צום קריגס־דעפּאַרטאַמענט, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס צענזאָר איבער די בריוו פון די באַלקאַנישע לענדער און פון צענטראַל־אייראָפּע.

מיטאָג־צייט, ווען ער איז אריין אין רעסטאָראַן, האָבן די אַגענטן אַרומגערינגלט זיין טישל און ווען ער איז געקומען צו זיך אהיים, האָבן זיי ווידער געקלעפּט אַרום אים ווי בינען אַרום דעם האָניק־שטאָק. ס׳קען זיין, אַז זיי האָבן געמיינט אַז ער ווייסט נישט, אַז זיי שפּירן אים נאָך. ער האָט אָבער געהאַט אַ שאַרפע נאָז. ער האָט געפילט זייער אָנוועזנהייט בייטאָג און ביינאַכט. ער האָט אויך געוווסט זייער סטראַטעגיע: איידער זיי וועלן אים אַרעסטירן ווילן זיי אַרויסקריגן אַלץ וועגן זיינע פאַרבינדונגען, אַגענטן און מענטשן, מיט וועלכע ער קומט אין קאָנטאַקט יעדע שעה פון מעת־לעת...

לינקאָלן האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו זען אפילו די מאַדאַם הערמינאַ גלענוויל, וועלכע איז געווען נאָך אַלץ זיין געליבטע אין געהיים. כאָטש זיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען צו פאַרברענגען מיט זיין זון דזשאַהן, וואָס זי האָט אים געבוירן, האָט ער דאָך געמוזט אויסמיידן די וויזיטן אין איר הויז. דער זון דזשאַהן האָט פאָרמעל געהייסן: דער פלימעניק פון דער מאַדאַם גלענוויל...

לינקאָלן האָט גערעכנט, אַז די ענגלענדער קענען אים אַרעסטירן צו יעדער מינוט. ער טאָר זיי דעריבער נישט געבן די געלעגנהייט זיי זאָלן אים באַזיגן. ער דאַרף טאָן אַלץ כדי צו פאַרמיידן די אומאַנגענעמע איבעראַשונג.

ווען אַלע באַמיונגען אויפצוגעמען צו ווערן ביי

טשערטשילן און גרעין האָבן זיך נישט איינגעגעבן, איז ער אַוועק צום קוירנעל בעלאַמי, וועלכער איז געווען דער הויפּט פון דעם צענזור־דעפּאַרטאַמענט אין קריגס־צייט. ער האָט אים אָפן געזאָגט, אַז די אַרבעט ביים דורכקוקן די בריוו באַפרידיקט אים נישט. ער איז גרייט צו טאָן מער נוצלעכע אַרבעט, דעריבער פּאַרלאַנגט ער מען זאָל אים אָנשליסן אין דעם ענגלישן קאָנטר־שפּיאָנאַזש...

דער קוירנעל בעלאַמי האָט געוווסט וועגן לינקאָלנס אַלע פּאַיקייטן און געזוכט אַ פּלאַץ, ווו אים אריינצופּאַסן פאַר נוצלעכער אַרבעט לטובת ענגלאַנד און אין דער זעלבער צייט זאָל מען אויך קענען האַלטן אַן אויג אויף אים, אַז ער זאָל נישט אָפּטאָן קיין סאַבאָטאַזש... דער קוירנעל אַליין האָט אָבער נישט געקענט פּאַסן אַ באַשלוס און ער האָט דעריבער אָפּגעשיקט לינקאָלנען צום לויטענאַנט קעני פון „בריטישן אינטעלידזשענס". מיט אים האָט לינקאָלן געדאַרפט פאַרהאַנדלען וועגן אַ נייער שטעלע.

דעם 10־טן דעצעמבער, 1914, איז לינקאָלן איינגעלאַדן געוואָרן צום לויטענאַנט קעני. אַרויסגייענדיק פון זיין הויז, אויפן וועג צו קעניס ביוראָ האָט לינקאָלן געקויפט אין גאַס אַ „טאַימס" און געכאַפּט אַ בליק אויף דער פראָנט־זייט, ווו ס'האָבן אַראָפּגעשריגן די לעצטע נייעסן פון די שלאַכט־פעלדער. פּלוצים האָבן זיינע אויגן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קליינער מעלדונג. דאָרט איז געווען באַריכטעט, אַז „אַלבערט לע גראַנדזש, דער הויפּט־באַאַמטער אין פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטעריום, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. די סיבה — אומבאַקאַנט..."

„הייסט עס, אַז דאָס איז דער סוף פון לע גראַנדזש!" — האָט לינקאָלן ביי זיך געטראַכט און קאַלטבלוטיק אַריינגעלייגט די צייטונג אין קעשענע.

שוין אַ לענגערע צייט ווי ער האָט געוואָלט וויסן וואָס עס איז געשען מיט אַט־דעם פראַנצויז, וואָס איז צוליב דער שיינער סעלעסט געוואָרן אַ פאַרעטער... אויך פון סעלעסטן האָט ער איצט ווייניק געהערט. זייט זי איז צוריקגעקומען פון איר רייזע קיין רוים האָט ער זי נאָך נישט געזען.

די נייעס וועגן דעם טויט פון אַלבערט לע גראַנדזש האָט ביי לינקאָלנען נישט אַרויסגערופן קיין באַדויערונג. דער אמת איז דאָך געווען, אַז ער האָט אים מיט די אייגענע הענט געשיקט צום טויט, אָבער זיין געוויסן האָט אים איצט נישט געפּלאָגט. ער איז געווען אַ מלחמה־קרבן — האָט לינקאָלן ביי זיך אָפּגעמאַכט — ער איז אומגעקומען צופעליק, פּונקט ווי יעדער אַנדערער סאָלדאַט, וואָס ווערט דערהרגעט אויפן שלאַכטפעלד...

ער האָט אויף קיין איין רגע נישט פאַרגעסן, אַז ער אַליין איז איצט אין גרויס געפאַר, ער גייט אויף אַ דינעם, אָנגעצויגענעם שטריק און ס'איז נאָך נישט באַוווּסט וואָס זיין סוף וועט זיין... אַזוי איז דער שיקזאַל פון לעבן: איינער ראַטעוועט זיך, אַ צווייטער זינקט אין אָפּגרונט... ווי האָט געזאָגט אַ פילאָזאָף אין דער צייט פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע: „אַז מען האַלט ביים אָפּהאַקן דיין קאָפּ, זאָרג זיך נישט וועגן די אָפּגעשניטענע קעפּ וואָס דו זעסט אַרום זיך...‟

לינקאָלן האָט די צייטונג אַריינגעוואָרפן אין אַ מיסט־קאָרב אין עק־גאַס. אין זיין קאָפּ האָבן די געדאַנקען זיך געוויקלט ווי אויף אַ ראָד. שפּעטער האָט ער געהאַט אַ שלאָפלאָזע נאַכט. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ שרעקלעכן פּלאַן, אָבער קיין אַנדער אויסוועג ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען האָט ער נישט געפונען. ער האָט באַשלאָסן צו זיין אַ דאָפּלטער שפּיאָן: אַרבעטן פאַר די ענגלענדער און פאַר די דייטשן אין דער זעלבער צייט.

אין דייטשן געהיים־דינסט האָט ער שוין געהאַט געאַר־בעט זיבן יאָר צייט, און זיין דינסט איז געווען אַ מוסטער פון געטריישאַפט. אָבער וואָס איז געווען די באַלוינונג? האָט ער זיך אָפּגעשפּאָרט אַ פאַרמעגן? ניין! די שווערע געלטער, וואָס די דייטשן האָבן אים באַצאָלט, האָט ער שטענדיק פאַרנוצט אויף אויסצוברייטערן די שפּיאָנאַזש־נעסטן אין אייראָפּע, אויף צו דינגען נייע אַגענטן... ער האָט זיך איינפאַך מקריב געווען פאַר דעם קייזער ווילהעלם, און וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען?

ס׳איז גאָרנישט אַרויסגעקומען! נישט קיין פּאַרמעגן און נישט קיין כּבוד. עס איז איינגעפּירט, אַז פון דעם אַגענט פאַרלאַנגט מען ער זאָל איינשטעלן זיין לעבן, אָבער קיין מעדאַלן טיילט מען קיינמאָל נישט אויס פאַר די געוואַגט־סטע האַנדלונגען. אפילו קיין הילף קריגט נישט דער שפּיאָן, ווען ער געפינט זיך אין אַ קלעם. האָבן דען די דייטשן פּרובירט אים ראַטעווען, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן און די ענגלענדער האָבן דאָך אים געקענט אויפדעקן און אַרעסטירן? ווי מייז פון אַ זינקענדיקער שיף, אַזוי זענען זיין באַלעבאָס הער דיטמאַר, מיט זיינע געהילפן, אַנטלאָפן פון ענגלאַנד און אים האָט מען איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט...

לינקאָלן האָט גערעכנט און קאַלקולירט און צום סוף געקומען צו דער אַנטשיידונג, אַז עס וועט אים נישט שווער זיין צו פאַראַטן ביידע... ער וועט זיכער קענען אָנהאַלטן די דאָפּלטע שטעלעס און דינען סיי די ענגלענדער, סיי די דייטשן.

אָבער ווי אַזוי קען מען דורכפירן אַזאַ פּלאַן און נישט געכאַפּט ווערן?

ער האָט אַזוי לאַנג פּלאַנירט, ביז ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט אָפן דערציילן די ענגלענדער, אַז ער איז געווען אַ דייטשער שפּיאָן — סיי־ווי פאַרדעכטיקן זיי דאָך אים! — אָבער געוואָרן איז ער דאָס, ווייל ער האָט געוואָלט אָפּנאַרן די דייטשן. אין דערווירקלעכקייט וויל ער דינען די ענגלענדער. ער וויל דינען דעם לאַנד, וואָס האָט אים געגעבן אַ היים און אים אפילו אויסגעוויילט אין פאַרלאַ־מענט... און כּדי די ענגלענדער זאָלן אים וועלן גלויבן, וועט ער זיי אַרויסגעבן עטלעכע סודות וועגן דעם דייטשן געהיים־דינסט. וואָס אַרט עס אים, אַז עטלעכע דייטשן וועלן פאַלן אַלס קרבנות... זאָלן זיי באַשטראָפט ווערן פאַר איבערלאָזן אים אַליין אין דער פרעמד...

און ווי אַזוי וועט ער, פון דער צווייטער זייט, דינען די דייטשן? אויך דערויף האָט ער אַן עצה! ער וועט דורכ־פירן דעם פּלאַן, וועגן וועלכן ער האָט שוין פריער דער־

ציילט דעם הער גנאַיסט, דעם דייטשן קאָנסול אין ראָטער־דאַם: ער וועט פאַרפירן דעם ענגלישן פלאָט דורך פאַלשער אינפאָרמאַציע. די ענגלישע שיפן וועלן וואַרטן אין אַ באַשטימטן פלאַץ אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן און דאָרט וועט אַנטקעגנקומען דער דייטשער פלאָט מיט אַלע אונטערוואַ־סער־שיפן און דערטרינקען דעם ענגלישן קעניגלעכן פלאָט, וואָס הערשט אויף די זיבן ימען...

ווען טריביטש לינקאָלן איז דערנאָך אַריינגעקומען אין ביוראָ פון לויטענאַנט קעני, איז ער אויפגענומען געוואָרן גאָר קאַלט, אָבער העפלעך. ביידע זענען געווען גרייט אויף דער „פאָרשטעלונג”. לויטענאַנט קעני האָט דאָך געוווסט, אַז לינקאָלן איז אַ דייטשער שפּיאָן און לינקאָלן האָט פאַרשטאַנען, אַז יענער האָט זיין תּיק... אָבער לינקאָלן האָט אויך געוווסט, אַז ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט ווען די ענגלענדער ווילן אים אַרעסטירן. זיי ווילן מיט אים פירן דערווייל אַ נערוון־מלחמה...

לינקאָלן האָט אַראָפּגענומען דעם מאַנטל און די הענטש־קעס, דערנאָך געריבן איין האַנט אין דער צווייטער און מיט געמאַכטער פריינטלעכקייט אַ זאָג־געטאָן:

— ס׳איז קאַלט אינדרויסן!

— יאָ, ס׳איז קאַלט — האָט לויטענאַנט קעני געענט־פערט און מיט אַ שטעקן גענומען פונאַנדערשאַרן די קוילן אין קאַמין.

— לויטענאַנט קעני! — האָט לינקאָלן אָנגעהויבן — איר האָט דאָך געוויס געהערט וועגן מיין פאָרשלאַג צו דינען אין ענגלישן קאָנטר־שפּיאָנאַזש?

— אין ענגלישן קאָנטר־שפּיאָנאַזש? — האָט לויטענאַנט קעני גערעדט אין אַ שפּאָטישן טאָן. — פאַרוואָס עפּעס דווקא ביי ענגלאַנד? יאָ... דער קאָלאָנעל בעלאַמי האָט מיר עפּעס דערציילט וועגן דעם... אָבער פאַרוואָס ווילט איר עפּעס אַרבעטן אין קאָנטער־שפּיאָנאַזש?

— לאָמיר זיך נישט שפּילן אין באַהעלטעניש, לויטע־נאַנט קעני!... איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ דייטשער שפּיאָן! מיין געשיכטע איז איצט אָפן!

קעני איז געווען איבעראַשט פון זיין אָפּנהאַרציקייט. ער האָט נישט געגלויבט, אַז לינקאָלן וועט גלייך אַזוי ציניש אַרויסלייגן זיינע קאָרטן אויפן טיש.

— אַ דייטשער שפּיאָן? וואָס? — האָט קעני מיט געמאַכטער פאַרוווּנדערונג אים אָנגעקוקט.

— איך בין שוין אין דייטשן שפּיאָנאַזש פון אָנהויב קריג... אָבער כדי אייך צו באַרואיקן, וויל איך אייך זאָגן, אַז בלויז אויסערלעך בין איך געווען אַ דייטשער שפּיאָן... איך האָב די דייטשן די גאַנצע צייט אָפּגענאַרט. אין דער ווירקלעכקייט האָב איך געאַרבעט פאַר ענגלאַנד.

קעני איז נישט געווען איבערצייגט אין לינקאָלנס פּאַט־ריאָטיזם פאַר ענגלאַנד... ער האָט זיך באַקוועמער אַריינ־געדרוקט אין זיין טיפן פאָטעל און געזאָגט:

— מיר איז דאָס שווער צו פאַרשטיין. אפשר קענט איר אַביסל דייטלעכער זיך אַרויסרעדן?

— ס׳איז גוט וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר אַן אויפ־קלערונג, לויטענאַנט! איר פאַרשטייט? ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, האָב איך געוווּסט, אַז אין ענגלאַנד אַרבעטן דייטשע שפּיאָנען. אָבער ווי אַזוי קען מען זיי אויפדעקן? איר האָט זיי אַרומגעזוכט אין ענגלאַנד, אָבער איך בין געגאַנגען אַ סך ווייטער. כ׳בין אַוועק קיין ראָטערדאַם און כ׳האָב געבעטן, אַז דער דאָרטיקער דייטשער קאָנסול זאָל מיר שענקען זיין צוטרוי... ער האָט מיך טאַקע באַשטימט אַלס זיין אַגענט אין ענגלאַנד און מיר געגעבן וויכטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן דייטשן געהיים־דינסט אין ענגלאַנד.

לויטענאַנט קעני האָט שיעור נישט אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער פון דער קינדערשער מעשה, וואָס ער האָט איצט געהערט.

— הייסט עס, אַז דאָס איז אייער פאַרענטפערונג פאַר די פיל וויזיטן, וואָס איר האָט געמאַכט אין דייטשן קאָנ־סולאַט אין ראָטערדאַם?

— ריכטיק! — איז לינקאָלן שוין זיכער געווען, אַז ער האָט געוווּנען די „ערשטע רונדע״. — כ׳בין געווען געצוווּנגען צו זאָגן ליגן דעם אויספאָרשער אין קריגס־

מיניסטעריום, אַז איך האָב דאַרט כלומרשט זיך נאָכגעפרעגט וועגן מיין שוויגער, וואָס איז געבליבן אין דייטשלאַנד... כ׳האָב אַזוי געמוזט זאָגן, כדי איר זאָלט מיר נישט לייגן קיין שטיינער אויפן וועג... כ׳האָב טאַקע געשטעלט מיין לעבן אין געפאַר. אָבער ס׳האָט געלוינט... ווייל כ׳האָב שוין איצט מיט זיך וויכטיקע קריגס סודות, וואָס קענען העלפן ענגלאַנד געווינען די מלחמה...

קעני האָט אים נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט ווייטער געדולדיק זיך איינגעהערט און לינקאָלן האָט געפרעגט:

— וויפל געלט, אַ שטייגער, איז ענגלאַנד גרייט צו באַצאָלן פאַר עטלעכע וויכטיקע דאָקומענטן?

— וועלכע דאָקומענטן?

— כ׳וועל זיי אויסרעכענען: די געהיימע שיפער־שריפט מיט וועלכער די דייטשע אַגענטן שיקן פון דאַנען אַוועק זייערע אינפאָרמאַציעס קיין בערלין וועגן די ענגלישע שיפן־באַוועגונג... די שיפער־שריפט, וואָס די דייטשן באַנוצן אין זייערע טעלעגראַמעס קיין האָלאַנד... די „פאַרבאָרגענע פּאָסט", וואָס ווערט יעדן טאָג אַרויסגעפירט פון לאָנדאָן... און וויפל ווערט קען האָבן אַ ליסטע מיט נעמען און אַדרעסן פון דייטשע שפּיאָנען אין ענגלאַנד? און נאָך עפּעס האָב איך צו פאַרקויפן, לויטענאַנט קעני! ווייסט איר וואָס דאָס איז? אַ דאָקומענט וואָס וועט אייך אויפ־קלערן וויפל עס ווייסן די דייטשן וועגן דער ענגלישער מאָביליזאַציע.

איצט איז דער ענגלישער לויטענאַנט קעני געווען אַביסל דערשטוינט. פון דער דערשטוינונג איז ער אריינגעפאַלן אין אַ צעטומלעניש. וואָס טוט מען דאָ? וויפל ווערטער לינקאָלנס זענען אמת און וויפל פאַלש? ווען ענדיקט זיך ביי אים דער גרויסער ליגן און ווען הויבט זיך אָן דער האַלבער אמת?

— אַלזאָ, קענט איר מיר ענטפערן, צי איר ווייסט וועגן די אַלע אויסגערעכנטע זאַכן?

ער האָט נישט לאַנג געוואַרט און גלייך געענטפערט אויף דער פראַגע.

— איך ווייס, אַז דאָס אַלץ איז נישט באַקאַנט דעם ענג־

לישן געהיים־דינסט... אַזאַ אינפֿאָרמאַציע געפֿינט מען נישט אין די גאַסן...

— מיסטער לינקאָלן, אויב ענגלאַנד האָט נישט אַזאַ אינ־פֿאָרמאַציע, מיינט עס, אַז אַזוינס קען מען נישט קריגן...

— און אויב מען קען אַזאַ אינפֿאָרמאַציע יאָ קריגן, וויפֿל איז דאָס ווערט פֿאַר ענגלאַנד?

— מיסטער לינקאָלן, לאָמיר נישט רעדן קיין אַבסטראַק־טע זאַכן... אויב עס זענען ווירקלעך דאָ אין אייער באַזיץ אַזעלכע דאָקומענטן, דאַן האָט דאָס געלט דאָ קיין באַדײַ־טונג נישט...

— ריכטיק ווי איך האָב געטראַכט, לויטענאַנט! — האָט לינקאָלן אויסגערופֿן. — אַלזאָ, איך האָב די ערע, לויטענאַנט, אייך צו דערלאַנגען די גאַנצע אינפֿאָרמאַציע אָן געלט...

לויטענאַנט קעני האָט פֿון צעטומלטקייט ווידער פֿונאַנ־דערגעשאַרט די גליענדיקע קוילן אין קאַמין און געזאָגט:

— מיר איז שווער צו באַגרייפֿן וואָס איר מיינט...

— איך רעד גאַנץ קלאָר! די גאַנצע אינפֿאָרמאַציע, וואָס כ'האָב איצט אויסגערעכנט, געפֿינט זיך איצט אין דעם צימער.

און נאָך איידער ער האָט געענדיקט זײַנע רייד, האָט ער אַרויסגענומען פֿון זײַן טאַש אַ גרויסן, פֿאַרחתמעטן קאָנווערט און זיך פֿאַרנויגט:

— לויטענאַנט קעני, כ'האָב דעם כבוד אייך איבערצו־געבן אַלע געהיימע דאָקומענטן, אָן שום באַדינגונגען און אָן וועלכער עס איז באַלוינונג...

לויטענאַנט קעני האָט פֿאָרזיכטיק אַרויפֿגעלייגט דעם קאָנ־ווערט אויפֿן טיש און אויסגערופֿן אין אַ האַלב־פֿייערלעכן טאָן:

— אַ דאַנק, מיסטער לינקאָלן, פֿאַר אייער דינסט!... נאָך אין צוויי שעה אַרום וועל איך אַריבערשיקן אָן אויספֿירלעכן באַריכט צו לאָרד קריטשמער, אין קריגס־מיניסטעריום און צו דער אַדמיראַליטעט.

קעני איז איצט געווען אומגעדולדיק. ער האָט שוין גע־וואָלט עפֿענען דעם קאָנווערט און זען וואָס אינעווייניק

געפינט זיך. ער האָט דעריבער זיך אויפגעשטעלט — אַלס צייכן פאַר לינקאָלן, אַז דער שמועס איז פאַרענדיקט.

אָבער טריביטש לינקאָלן איז נאָך נישט געווען גרייט צו פאַרלאָזן דאָס צימער.

— לויטענאַנט — האָט ער געזאָגט — איצט קום איך צום עיקר!

— וואָס?

— כ׳וויל אָט וואָס אויפקלערן פאַר אייך: די ענגלישע רעגירונג קען איצט דורכפירן אַזאַ פּלאַן, וואָס זאָל באַלד פאַרניכטן דעם דייטשן ים־פלאָט און פאַרקירצן דעם קריג... איך קען לאָזן וויסן די דייטשן — דורך דער פאַרמיטלונג פון זייער קאָנסול אין ראָטערדאַם — אַז אין אַ באַשטימטן טאָג, אויף אַ באַשטימטן אָרט אין אַטלאַנטישן ים, וועלן אָנקומען צוויי ענגלישע קריגס־שיפן... די דייטשן וועלן, פאַרשטייט זיך, אַרויסשיקן זייערע אַכט אָדער צען שיפן כדי צו פאַרניכטן די צוויי ענגלישע קריגס־שיפן... אזוי ווי די דייטשן ווייסן נישט, אַז איך דין אויך אין ענגלישן קאָנטער־שפּיאָנאַזש, וועלן זיי מיין אינפאָרמאַציע אָננעמען פאַר אמת...

— און וואָס ווייטער?

— ווייטער? די ענגלענדער וועלן נישט אָנקומען מיט צוויי קריגס־שיפן, נאָר מיט 18 אָדער 20 קריגס־שיפן און אויך מיט אַ גאַנצן פלאָט אונטערוואַסער־שיפן, און דער זיג אין דער ים־שלאַכט וועט ווידער זיין אויף ענגלאַנדס זייט...

לויטענאַנט קעני האָט פאַרשטאַנען לינקאָלנס כיטרען פּלאַן און געזאָגט:

— דער געדאַנק געפעלט מיר אויסגעצייכנט, מיסטער לינקאָלן! אָבער איר מוזט דאָך פאַרשטיין, אַז איך אליין קען נישט אַנטשיידן וועגן דעם... כ׳וועל דאָס איבערגעבן צו די העכערע רעגירונגס־מענטשן.

— פאַרשטענדלעך!

לינקאָלן איז זיכער געווען, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט לויטע־נאַנט קעני, האָט ער אים שוין באַזיגט, ער האָט פון אים באַזייטיקט אַלע פאַרדאַכטן און ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז דורך

דעם נאַיוון קעני' וועלן אויך אַלע אין קריגס־מיניסטעריום און אין דער אַדמיראַליטעט ווערן איבערצייגט, אַז לינקאָלן וועט ראַטעווען ענגלאַנד.

— כ׳דאַנק אייך פאַר אייער קומען אַהער! — האָט לויטענאַנט קעני געדריקט לינקאָלנס האַנט. — כ׳וועל אייך לאָזן וויסן וועגן אונזער באַשלוס אין אַ פּאָר טעג אַרום.

אַרויסגייענדיק פון דער געבײדע, ווו עס האָט זיך געפֿור־נען דאָס ענגלישע קריגס־מיניסטעריום, האָט לינקאָלן באַ־מערקט ווי דריי אַגענטן פון „סקאָטלאַנד יאַרד" גייען אים נאָך. דאָס זענען געווען זיינע „לייב־וועכטער", וואָס האָבן אים געהיט אָן זיין וויסן און קעגן זיין ווילן. ער האָט שיעור נישט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. ווי אויסטערליש דאָס איז! אָט איז ער געוואָרן אַ „דאָפּלטער שפּיאָן", וואָס פאַר־ראָט די ענגלענדער און פאַרפירט די דייטשן, און די דריי וועכטער הינטער אים גייען אים נאָך ווי שאָטנס און זאָרגן זיך, אַז קיין שלעכטס זאָל אים נישט געשען...

בלויז עטלעכע סעקונדעס שפּעטער, נאָכדעם ווי לינקאָלן איז אַרויס פון לויטענאַנט קעניס צימער, האָט זיך געגומען טומלען אין דעם קריגס־מיניסטעריום. דער קאָנווערט איז גע־עפנט געוואָרן און די עקספּערטן האָבן אָנגעהויבן אַנאַליזירן די דאָקומענטן. עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די דייטשן האָבן געוווּסט וועגן יעדן צוג פון די בריטישע ארמייען. זיי האָבן געהאַט אינפאָרמאַציעס וועגן אַלע סטראַ־טעגישע פּלענער אין פראַנקרייך... די ענגלישע אַגענטן זענען געווען איבעראַשט ווי אַזוי עס איז די דייטשן געלונגען אַריינ־צודרינגען אין אַלע מיליטערישע אָפּטיילונגען פון די אַלי־אירטע אַרמייען אין אייראָפּע. דער שאָדן וואָס אָט־די איינ־פאָרמאַציע, אין די הענט פון די דייטשן, האָט אָנגעטאָן איז געווען אומגעהויער! ענגלאַנד האָט פאַר דעם באַצאָלט מיט טויזנטער לעבנס.

אָבער די קרבנות אויף די שלאַכטפעלדער האָט מען מער נישט געקענט לעבעדיק מאַכן. מען האָט אָבער איצט גע־קענט עפּעס טאָן וועגן אויסמיידן נייע קאַטאַסטראָפעס. עס זענען גלייך אַרויסגעשיקט געוואָרן נייע באַפעלן, וואָס זאָלן

אַנולירן די אַלטע סטראַטעגישע פּלענער און אָננעמען די נייע.

אין דעם פֿאַרחתמעטן קאָנווערט, וואָס לינקאָלן האָט אײַבערגעלאָזט, האָט מען אויך געפֿונען די נעמען פֿון פֿיר ווichtיקע דייטשע שפּיאָנען אין ענגלאַנד, און פּאָליציי האָט זיי אַרעסטירט אין פֿאַרלויף פֿון 24 שעה. איינער איז געווען אַ שערער אין סאַמע צענטער פֿון לאָנדאָן, אַ צווייטער איז געווען אַ שאָפֿער ביי אַ הויכן אָנגעשטעלטן אין ענגלישן פֿלאָט־מיניסטעריום און די אַנדערע צוויי זענען געווען פֿרויען, וועלכע האָבן געאַרבעט אַלס קראַנקן־שוועסטער אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל.

די אויפֿדעקונג פֿון די ערשטע פֿיר שפּיאָנען האָט געפֿירט צום אַרעסט פֿון אַנדערע פֿינף אַגענטן. צוויי זענען געווען אַרבעטער אין האַפֿן פֿון ליווערפּול. ווען עס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַ רעוויזיע אין זייערע היימען, האָט מען דאָרט געפֿונען גרויסע טראַנספּאָרטן אויפֿרייס־מאַטעריאַל, און ערשט איצט האָט מען זיך דערוווסט פֿונוואַנען עס האָבן זיך גענומען די אָפֿטע עקספּלאָזיעס אויף ענגלישע שיפֿן אינמיטן ים. נאָך די ערשטע אויספֿאָרשונגען האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די צוויי דייטשע אַגענטן האָבן געהאַט די אויפֿגאַבע אַרויפֿצושמוגלען אויף די האַנדלס־שיפֿן זייגער־באָמבעס. די אויפֿרייסן זענען געווען אַזעלכע מוראדיקע, אַז די שיפֿן פֿלעגן גלייך אַראָפּזינקען צום אָפּגרונט, און מען האָט געגלויבט, אַז זיי זענען געווען קרבנות פֿון דייטשע אונטערוואַסער־שיפֿן.

די געהיימע שיפֿער־שריפֿט, וואָס לינקאָלן האָט פֿאַרטרויט די ענגלענדער, האָט נישט געפֿירט צו קיין שום ממשותדיקע רעזולטאַטן. די אַגענטן פֿון „סקאָטלאַנד יאַרד״ האָבן געהאַלטן בסוד דעם אַרעסט פֿון די דייטשע שפּיאָנען, ווייל מ׳האָט נישט געוואָלט, אַז דער דייטשער קאָנסולאַט אין ראָטערדאַם, וואָס איז געווען אַ דייטשער צענטראַלער שפּיאָנאַזש־נעסט, זאָל זיך דערוויסן וועגן דעם. עס האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז ווען דער שערער אין לאָנדאָן איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט זיין פֿרוי גלייך געלאָזט וויסן

וועגן דעם צו אַ צווייטן אַגענט, און דעם נאָמען פון יענעם אַגענט האָט לינקאָלן נישט אַרויסגעגעבן צו די ענגלענדער. דער דאָזיקער אַגענט האָט די נייעס גלייך טעלעגראַפירט צום דייטשן קאָנסול אין ראָטערדאַם דורך דער געהיימער שיפער־שריפט.

דער דייטשער קאָנסול האָט דעמלט פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון דער לאַגע און באַלד אָפּגעשאַפט אַלע געהיימע שיפּרירטע שריפטן, מיט וועלכע די אַגענטן האָבן זיך פאַרשטענדיקט, אויסער דעם איינציקן שיפער, וואָס עס האָט געניצט טריביטש לינקאָלן.

די ענגלענדער האָבן געמאַכט אַ שוויג און נישט דערציילט לינקאָלנען, אַז זיינע געהיימע שיפּרירטע שריפטן האָבן קיין שום נוצן נישט געבראַכט, אָבער אַ פאַרדאַכט האָבן זיי געהאַט, אַז לינקאָלן פאַרפירט דעם ענגלישן געהיימדינסט און אַז אפשר האָבן אַלע זיינע „אויפדעקונגען" בלויז געהאַט דעם איינציקן ציל אַרויסצורופן צו זיך צוטרוי מצד די ענגלענדער...

און דערווייל האָט לינקאָלן ווייטער געשפּונען זיין גרויסן פּלאַן, ווי אַזוי אומצוברענגען כאָטש אַ טייל פון דעם ענגלישן פלאָט. צוערשט האָט ער געמוזט זיך פאַרשטענדיקן מיט דעם דייטשן קאָנסול אין ראָטערדאַם, הער גנאַיזט, אַז דער פּלאַן מוז אָפּגעלייגט ווערן ביז דעם 30־טן יאַנואַר, 1915. ער האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז די דייטשע שיפן טאָרן פריער זיך נישט אַרויסלאָזן אויף די ימען צו באַגעגענען די ענגלענדער, ביז וואַנען ער וועט נישט געבן דעם לעצטן סיגנאַל...

לינקאָלן האָט אַרויסגעשיקט זיינע אינפאָרמאַציעס מיט אַ ספּעציעלער שיפּרירטער שריפט. ער האָט אָבער געהאַט שוועריקייטן ביים אַרויסשיקן די אינפאָרמאַציעס, ווייל די דריי אַגענטן האָבן אים געהיטן טאָג און נאַכט. ער האָט אַפילו מורא געהאַט איבערצוגעבן זיינע טעלעגראַמעס צו זיין פרוי, אַז זי זאָל זיי באַזאָרגן דורך דער פּאָסט, ווייל ער איז נישט זיכער געווען צי זי וועט אויך נישט נאָכגעשפּיאָנירט.

נאָך אַ שטיקל צייט האָט לינקאָלן געפֿונען אַ וועג ווי אַזוי אָנצוהאַלטן די פֿאַרבינדונג מיט זיין דייטשן באַלעבאָס אין ראָטערדאַם... ער פֿלעגט אַריינוואַרפֿן זיינע בריוו אין דעם אָפֿיציעלן פּאָסט־קאַסטן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער געביידע פֿון קריגס־מיניסטעריום. עס איז דאָן קיינעם נישט איינגעפֿאַלן, אַז אַ כיטרער דייטשער שפּיאָן באַנוצט זיך מיטן אָפֿיציעלן פּאָסט־קאַסטן פֿון דעם ענגלישן קריגס־מיניסטעריום פֿאַר זיין שפּיאָנאַזש־אַרבעט.

די ענגלענדער, פֿון זייער זייט, האָבן זיך נישט געאיילט — אויף לינקאָלנס עצה — אַרויסצושיקן זייערע שיפֿן צו פֿאַרפֿירן אַ שלאַכט מיט די דייטשן. לינקאָלן איז איצט געהיטן געוואָרן מיט טויזנט פּאָר אויגן. „סקאָטלאַנד יאַרד״ האָט זייער אָפּט געוואָרנט וועגן לינקאָלנען, אַז יעדער אַי־בערגעאיילטער שריט פֿון ענגלישן פֿלאָט וואָלט געקענט פֿירן צו אַ קאַטאַסטראָפֿע.

אָבער לינקאָלן אַליין איז געווען אומגעדולדיק. ער איז יעדן טאָג געקומען אין ביוראָ פֿון לויטענאַנט קעני פֿרעגן וואָס מען הערט וועגן זיין פּלאַן, וועגן דער שלאַכט אויפֿן ים. ער האָט אָבער שטענדיק געקראָגן דעם זעלבן ענטפֿער:

— אייער פּלאַן ווערט שטודירט דורך אונזערע עקס־פּערטן...

לינקאָלן האָט אומזיסט געבעטן, אַז טשוירטשיל, וועל־כער איז דעמאָלט געווען געהילף פֿון פֿלאָט־מיניסטער, זאָל אים אויפֿנעמען, ווייל ער וויל אים איבערצייגן ווי דרינגנד עס איז זיין פֿאָרשלאַג. טשוירטשיל האָט אים נישט געוואָלט זען.

נאָך אַ צייט האָט לויטענאַנט קעני ענדלעך געלאָזט וויסן לינקאָלנען, אַז זיין פּלאַן וועט נישט אויסגעפֿירט ווערן, ווייל דער בריטישער פֿלאָט איז נישט פֿאַראינטערע־סירט אַרויסצוגעבן סודות פֿון סטראַטעגיע צו אומקאָמפּע־טענטע מענטשן, ווען אפֿילו עס שטייט זיי פֿאַר אַ גרויסער זיג...

לינקאָלנס חלום צו זיין אַ „דאָפּלטער שפּיאָן״ איז, אַלזאָ,

געקומען צו אַ סוף. ער האָט געשפּירט, אַז דער באָדן אין ענגלאַנד ווערט פאַר אים צו־הייס... ער איז געוואָרן אָפּגע־שטויסן פון אַלע זיינע פריינט, אפילו זיין געוועזענער באַ־לעבאָס און לאַנגיאָריקער פאַרערער, מיסטער ראָונטרי, האָט אים מער נישט געוואָלט זען. בלויז די דריי אַגענטן פון „סקאָטלאַנד יאַרד" האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן מיט אים... לינקאָלן האָט זיך אַנטשלאָסן צו פאַרלאָזן ענגלאַנד, און וואָס שנעלער, אַלץ געזונטער וועט עס זיין פאַר אים.

אָבער דעם 29־טן יאַנואַר איז ער אויפגעפאָדערט גע־וואָרן צו קומען אין דער ענגלישער אַדמיראַליטעט און זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דעם אָנפירער פון דער געהיים־דינסט אָפּטיילונג. מען האָט אים אויך געהייסן מיטברענגען זיין פּאַספּאָרט.

לינקאָלן איז שוין געווען גרייט מען זאָל אים אַרעס־טירן... אָבער לויטענאַנט האָל האָט געהאַט אַן אַנדער מיי־נונג. די ענגלענדער האָבן נישט געוואָלט שטעלן אים פאַר אַ געריכט און אים משפּטן אַלס שפּיאָן. זיי האָבן געוווסט, אַז אויב מען זאָל אים אויפהענגען פאַר פאַרראַט, וועט דאָס אַרויסרופן אַ שטורעם אין דער גאַנצער וועלט... וואָס וועט מען זאָגן אין די אַנדערע לענדער, ווען ס'וועט באַקאַנט ווערן, אַז אַ געוועזענער פּאַרלאַמענט־מיטגליד אין ענגלאַנד איז יאָרנלאַנג געווען אַ דייטשער שפּיאָן און אין דער זעל־בער צייט זיך געחברט מיט אַלע מיניסטאָרן?

די ענגלענדער האָבן באַשלאָסן צו דעפּאָרטירן אים פון לאַנד.

— אייער פּאַספּאָרט וועט אין דריי טעג אַרום מער נישט זיין גילטיק! — האָט צו אים געזאָגט לייטענאַנט האָל און דאָס האָט געמיינט, אַז ער פאַרלירט די ענגלישע בירגער־שאַפט.

— איר ווילט מיר זאָגן, אַז איך וועל מוזן זיך אומקערן קיין אייראָפּע? — האָט ער געפרעגט. — אויב אַזוי, וועל איך טאַקע אָפּפאָרן קיין האָלאַנד...

אין זיין מוח האָט זיך שוין געשפּונען אַ נייע אינטריגע. ער האָט בעסער געוואָלט אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, אָבער

געטראַכט האָט ער: טאָמער וועלן די ענגלענדער זיין קעגן אַזאַ רייזע? האָט ער כלומרשט געגעבן אָנצוהערן, אַז עס גלוסט זיך אים צו זיין אין אייראָפּע...

אַרויסגייענדיק אין גאַס, האָט ער גלייך זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע. ער האָט שוין געהאַט באַשטימט אַ געוויסע סומע געלט פאַר זיין פרוי און געקויפט אַ בילעט אויף דער שיף „פילאַדעלפיאַ", וואָס האָט געזאָלט אָפּשווימען צומאָרגנס, דעם 30־טן יאַנואַר, קיין ניו יאָרק.

ער האָט אָבער געהאַט נאָך איין גרויסע שטערונג. די דריי אַגענטן פון „סקאָטלאַנד יאַרד" האָבן געקראָגן אַ באַפעל אים צו באַגלייטן שטילערהייט ביז צום האַפן, פון וואַנען ער האָט געזאָלט אָפּפאָרן קיין האָלאַנד. ווי אַזוי באַהאַלט מען זיך אויס פון זיי?

נאָך לאַנגע טראַכטענישן איז לינקאָלן געפאַלן אויף אַן אויסטערלישן געדאַנק. ער האָט אָפּגעשוירן דאָס קליינע ציגן־בערדעלע, וואָס ער האָט די לעצטע יאָרן געטראָגן, און ער האָט אפילו אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ, אַז ער זאָל אויסזען ווי אַ גלח. פון זיין קליידער־שאַפע האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַן אַלטן גלחישן כאַלאַט, וואָס ער פלעגט נאָך נוצן אַמאָל אין דער שטאָט עפּעלדאָר. ער האָט זיך איינגעוויקלט אין דער לאַנגער שוואַרצער, לויזער טאָגע, אָנגעטאָן אַ גרויסן שווערן צלם אויף דער ברוסט. דעם האלדז האָט ער איינ־געקלאַמערט אין אַ הויכן ווייסן, האַרטן קראַגן, און פאַר־טאָג האָט ער זיך שטילערהייט אַרויסגעגנבעט צום האַפן.

זיין גאַנץ געפּעק איז באַשטאַנען פון אַ קליין זעקל, וואָס מען האָט געקענט אריינשטופּן אין קעשענע. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ ביבל, אין קעשענע — אַ סומע געלט און אויך זיין רייזע־פּאַספּאָרט.

אינדרויסן האָבן שוין געוואַרט אויף אים זיינע דריי שטענדיקע וועכטער פון „סקאָטלאַנד יאַרד". ער איז אָבער זיי פאַרבייגעגאַנגען דרייסט, מיט געלאַסענע טריט פון אַ „הייליקן מאַן" און ס'איז אים געלונגען זיי אָפּצונאַרן...

דער „גלח" איז צוגעקומען צו אַ באַלעבטער גאַס. עס איז נאָך געווען שטאָק־פינצטער אַרום. די ערשטע פאַסן

ליכט האָבן זיך נאָך נישט דורכגעריסן אינעם באַגינען. ער האָט זיך, אויס זיכערקייט, נאָך איינמאָל גוט אַרומגעקוקט. דערנאָך האָט ער אַ רוף־געטאָן די ערשטע קאָטש און זיך געהייסן צופירן צו דער באַן, וואָס האָט אים געדאַרפט ברענגען ביז ליווערפּול. פון דאָרט האָט די שיף אים גע־קענט פירן קיין ניו יאָרק.

די שיף „פילאַדעלפיאַ" איז אָפּגעשווומען פון ליווערפּול קיין ניו יאָרק אינדערפרי. אומזיסט האָבן די דריי וועכטער פון „סקאָטלאַנד יאַרד" אַ גאַנצן טאָג געוואַרט ביי זיין טיר אין לאָנדאָן. פאַרנאַכט האָבן זיי ערשט איינגעזען, אַז מיסטער לינקאָלן איז יענעם טאָג נישט אַרויס פון הויז...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אין לאָנדאָן גע־ווּסט, אַז דער „פויגל" איז אַוועק...

דעם 8־טן פעברואַר, 1915, האָט טריביטש לינקאָלן, ביים אָנקומען אין ניו יאָרקער האַפן, דערזען די „פרייהייטס־סטאַטוע". איצט איז ער שוין געווען זיכער, אַז די ענגלענ־דער וועלן אים מער נישט קענען כאַפּן. ער גייט דאָך איצט אַראָפּ פון דער שיף און ער וועט באַטרעטן די ערד פון אַ פריי און נייטראַל לאַנד!

קאַפּיטל פופצן

ווען לינקאָלן איז שוין געווען אַרויס פונעם ניו יאָרקער האַפן, האָט ער ערשט נישט געוווּסט וווהין צו גיין. אַ נייע וועלט האָט איצט פאַר אים זיך אַנטפּלעקט. אמת, ער האָט שוין געהאַט באַזוכט אַמעריקע מיט יאָרן צוריק, אָבער דעמאָלט איז ער געקומען ווי אַ גאַסט אויף אַ קורצער צייט. איצט דאַרף ער אָבער דאָ זיך באַזעצן מינדעסטנס אויף אַזוי לאַנג, ווי לאַנג די וועלט־מלחמה וועט דויערן.

לאַנגע שעהן האָט ער אַרומשפּאַצירט אין דער געגנט פון טיימס־סקווער. די בלענדנדיקע ליכט פון דער פרייער גרויס־שטאָט האָבן אים באַצויבערט. דאָס פינצטערניש פון דער מלחמה אויף יענער זייט ים האָט נאָך אַהער נישט

דערגרייכט, און ווי עס האָט אויסגעזען דאַן, האָט אַמעריקע אפילו אין זינען נישט געהאַט זיך אָנצושליסן אין דעם גרויסן, בלוטיקן קאַמף.

ער האָט גענומען אַ צימער אין האָטעל „ניקערבאָקער", וואָס האָט זיך געפונען אין צענטער פון ניו יאָרק. ער איז זיכער געווען, אַז דאָ וועט זיין דער צענטער פון זיין אַרבעט, כאָטש ער האָט נאָך אַליין נישט געוווּסט צו וואָס ער וועט זיך דאָ נעמען די ערשטע צייט...

אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען ער איז אַריינגעקומען אין זיין האָטעל־צימער, האָט ער דערקענט, אַז עמעצער האָט גענישטערט אין זיינע פּאַפּירן. ער האָט נישט געקענט אויס־רעכענען וועמענס די דאָזיקע „געהיימע האַנט" איז געווען: צי זענען דאָס געווען ענגלישע אַגענטן, אָדער די אַמעריקאַ־נער פּאָליציי איז געווען בייגעריק אַריינצוקוקן אין זיינע באַהאַלטענע דאָקומענטן? ער האָט זיך דערפילט אומרואיק און באַזאָרגט. דאָס געלט האָט זיך שוין באַלד אויסגעלאָזט און ער האָט געמוזט אָנהויבן צו פאַרדינען.

זיין ערשטן וויזיט האָט ער געמאַכט אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן; ווייל, ערשטנס — האָט ער אויסגערעכנט — קען ער דאָרט טרעפן אַלטע באַקאַנטע פון אייראָפּע, און, צווייטנס, איז ער דאָך פאַרפליכטעט אָפּצו־געבן אַ באַריכט דעם דייטשן געהיים־דינסט אין אַמעריקע, וועגן דער סיבה פון זיין אַנטלויפן פון ענגלאַנד...

ווען לינקאָלן האָט דערמאָנט זיין נאָמען אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע, האָט מען אים געלאָזט וואַרטן אַ לענגערע צייט אין דעם אויפנאַם־צימער. שפּעטער האָט מען אים אַריינגעפירט צו פראַנץ פאָן פּאַפּען, וועלכער איז דאַן גע־ווען דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן.

פראַנץ פאָן פּאַפּען האָט נאָך געהאַט געהערט פון טרי־ביטש לינקאָלן, ווען ער האָט זיך געפונען אין דייטשלאַנד. אָבער די לעצטע באַריכטן און צירקולאַרן פון בערלין זענען געווען אַזעלכע פאַרנעפּלטע, אַז מען האָט נישט געוווּסט ווו מען האַלט מיט אים אין דער וועלט. און דאָס וואָס דער ענגלישער קאָנטר־שפּיאָנאַזש האָט געהאַלטן אויף אים אַן

אויג, האָט אויך נישט קלאָרער געמאַכט די לאַגע. לינקאָלנס אויפפירונג האָט אויך אַרויסגערופן פאַרדאַכט אין דייטש־לאַנד...

לינקאָלן איז אויפגענומען געוואָרן פון פאָן פאַפּען מיט פאָרמעלער, אָבער קאַלטער העפלעכקייט.

— זיצען זי, הער לינקאָלן! — האָט פאָן פאַפּען אים אָנגעוויזן אויף אַ שטול.

— דאַנקען שען! — האָט לינקאָלן געענטפערט אויך מיט קאַלטער העפלעכקייט.

ביז וואַנען דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר האָט באַוויזן צו מאַכן אַביסל אָרדנונג אויף זיין שרייבטיש, איז דעם גאַסט געלונגען דערווייל זיך אַרומצוקוקן איבער דעם גרויסן צימער. וואָס עס האָט צום שטאַרקסטן געצויגן זיין אויפמערק־זאַמקייט, איז געווען דאָס גרויסע ברייטע פענצטער, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט. פון יענעם פענצטער האָט מען געקענט אַרויסקוקן אויף איינער פון די הויפּט־גאַסן אין וואַשינגטאָן. לינקאָלן האָט דערזען פונדערווייטנס דאָס „ווייסע הויז" און אויך די אַנדערע געביידעס פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

אַן אויסטערלישער געדאַנק האָט איצט אויפגעבליצט אין לינקאָלנס מוח: אויב דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר האָט אַמאָל אַ פּלאַן פטור צו ווערן פון אַן אומגעוווּנטשענעם אַגענט, קען ער דאָס דורכפירן גאָר לייכט... מען ברענגט דעם אַגענט אַרויף דאָ, אויף דעם העכסטן שטאָק פון דער געביידע, מען פירט אים צו צום אָפענעם פענצטער, פון וואַנען מען קען זען די פּראַכטפולע הייזער אַרום, און מיט איין פינגער גיט מען אים אַ שטופּ אַרויס דורכן פענצטער, און אָט פאַלט שוין דער „אומגעוווּנטשענער אַגענט" אַראָפּ טיפער, טיפער, ווי אין אַן אָפּגרונט אַריין...

און צומאָרגנס לאָזט מען וויסן אין דער עפנטלעכקייט, אַז דער אַגענט איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד...

קאַלטע אַנגסטן האָבן אים פּלוצים באַגאַסן, און כדי צו באַרואיקן זיך, האָט ער אינסטינקטיוו איבערגערוקט די

שטול, ווי ער זאָל וועלן זיך דערוווּסטערן פון דעם פענצטער, וואָס קען פאַר אים ווערן די טיר צום גיהנום...

— הער לינקאָלן — האָט פאָן פאַפּען איבערגעריסן זײַנע געדאַנקען — וואָס ברענגט אײַך אַהער צו אונז?

— כ׳האָב געמיינט, אַז איר ווייסט די אורזאַך פון מײַן באַזוך — האָט לינקאָלן געזאָגט. — איך בין אַנטלאָפן פון ענגלאַנד. אָבער איידער איך האָב זיך אַרויפגעזעצט אויף דער שיף, האָב איך נאָך באַוויזן צו לאָזן וויסן צו הער גנאַיזט, דעם דײַטשן קאָנסול אין ראָטערדאַם, אַז איך פאַרלאָז ענגלאַנד, און אַז דער פּלאַן צו פאַרפירן דעם ענגלישן פלאָט האָט זיך נישט אײַנגעגעבן...

— און פאַרוואָס זײַט איר אַנטלאָפן פון ענגלאַנד? — האָט פאָן פאַפּען ווידער געפרעגט.

לינקאָלן האָט ביטער געשמייכלט: וואָס מאַכט ער זיך תמעוואַטע? מיינט ער דען, אַז כ׳בין אַוועק פון דאָרט אויף וואַקאַציע אָדער אויף אַ טוריסטן־שפּאַציר קיין אַמע־ריקע?

— מען האָט מיך פאַרדעכטיקט אין שפּיאָנאַזש פאַר דײַטשלאַנד — האָט ער געזאָגט. — מען האָט מיך אויך געהאַלטן בײַ אַרעסטירן...

— פאַרוואָס עפּעס האָבן די ענגלענדער אײַך פאַר־דעכטיקט?

דער גאַנצער מאָדנער געשפּרעך מיט פאָן פאַפּען איז אים נישט געווען צום האַרצן. וואָס פאָרשט ער אים עפּעס אויף אַזאַ ציניש אופן? צי קען ער דען געפינען אין גאַנץ דײַטשלאַנד נאָך איינעם אַזאַ געשיקטן און געטרײַען געהיים־אַגענט, וואָס דינט דעם קייזער?

פון פאַרדרוס האָט ער נישט געענטפערט גלײַך אויף פאָן פאַפּענס פראַגן. אַנשטאָט דעם האָט ער ווידעראַמאָל גענומען באַטראַכטן די ווענט פון צימער. ערשט איצט האָבן זײַנע אויגן זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי ריזיקע אייל־בילדער, וואָס האָבן באַצירט די וואַנט קעגנאיבער דעם אַרײַנגאַנג. איין בילד איז געווען פון דעם קאַנצלער ביסמאַרק, דעם „מאַן פון אײַזן און בלוט", ווי מען האָט אים אַמאָל גערופן.

זיין געזיכט איז געווען האַרט, שטײף און גרױזאַם. דאָס צווייטע בילד איז געווען פון דעם קייזער ווילהעלם דעם צווייטן.

לינקאָלן האָט לענגער זיך איינגעקוקט אין דעם געמעל פון דעם קייזער און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז איצט ווייסט ער פאַרוואָס ווילהעלם דער צווייטער באַמיט זיך תמיד צו באַהאַלטן זיין לינקע האַנט, וואָס איז געווען פאַראַליזירט. צוליב אָט־דער פאַראַליזירטער האַנט האָט דער דייטשער קייזער אַלע יאָרן זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס. זיין גאַנצע יאָגעניש נאָך מאַכט, נאָך דעראָבערונגען, נאָך נצחונות איז געווען נישט מער ווי אַ קאָמפּענסאַציע פאַר זיין פיזישן פעלער... אפילו זיין שנאה צו ענגלאַנד איז געקומען צוליב זיין פאַראַליזירטער האַנט. אַן ענגלישער דאָקטאָר האָט אים אַרויסגענומען פון זיין מאַמעס טראַכט און אומפאָרזיכטיק צעקוועטשט מיט זיין אינסטרומענט ווילהעלמס לינקע האַנט... נאָך אַלס ייִנגל האָט ווילהעלם געשווירן, אַז ער וועט אַמאָל נקמה נעמען אין ענגלאַנד...

פאָן פאַפּען האָט ווידער איבערגעשלאָגן לינקאָלנס טראַכטעניש.

— פאַרוואָס האָבן די ענגלענדער אייך פאַרדעכטיקט ?

— האָט ער ווידער געפרעגט.

— פאַרוואָס מען האָט מיך פאַרדעכטיקט ? ס׳קען זיין, כ׳האָב געמאַכט אַ פעלער, וואָס כ׳האָב אָפּגעשטאַט אַ וויזיט ביים דייטשן קאָנסול אין ראָטערדאַם, ווען די קריג איז אויסגעבראָכן... איך האָב אָבער נישט געקענט אַנדערש האַנדלען, אויב איך האָב געוואָלט ווייטער דינען אין שפּיאָנאַזש, אָן דיטמאַרן... איך האָב דאָך געמוזט קריגן נייע אינסטרוקציעס און אַ נייע שיפרירטע שריפט פון הער גנאַיזט...

— אַלזאָ, הייסט עס, אַז איר זייט מודה, אַז איר זייט באַגאַנגען אַ פעלער ? אַז איר זייט נישט געווען פאָרזיכטיק, הער לינקאָלן ? — האָט פאָן פאַפּען געפרעגט קאַלט און ציניש...

דער טאָן פון באַשולדיקונג פון פאָן פאַפּען איז ליני־קאָלנען נישט געפעלן געוואָרן. ווער איז ער, אַז ער זאָל רעדן וועגן דער אומפּאַרזיכטיקייט פון אַנדערע? — האָט לינקאָלן אין זיך געלאַכט פון פאָן פאַפּען. — די גאַנצע וועלט געדענקט דאָך נאָך וואָס עס האָט פּאַסירט מיט פאָן פאַפּען מיט אַ פּאָר חדשים צוריק...

לינקאָלן האָט גוט געקענט די געשיכטע פון פראַנץ פאָן פאַפּען. ערשט אין אָנפאַנג פון קריג האָט דער דאָזיקער דייטש געדינט ווי אַ מיליטערישער אַטאַשע אין מעקסיקע. ער האָט זיך אָבער דאָרט פאַרנומען מיט שפּיאָנאַזש אינטרי־געס און מיט דייטשער פּראָפּאַגאַנדע. ווען ער האָט אָבער אַרויסגעוויזן צופיל חוצפה דאָרט, האָט די מעקסיקאַנישע רעגירונג אים אַרויסגעטריבן פון לאַנד. פאָן פאַפּען איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, אָבער אָנשטאָט איבערצולאָזן אַלע זיינע געהיימע דאָקומענטן אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע, האָט ער זיי אַרומגעשלעפּט אין זיין פּריוואַטן פּאָרטפעל. מאַכט זיך, אַז אויף אַ באַן־סטאַציע האָט ער פאַרגעסן די דאָקומענטן... ווען דער פּאָרטפעל איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דער פּאָליציי, האָט מען דאָרט זיך דערוווּסט אַלע דייטשע מיליטערישע סודות...

אָבער אַזוי ווי אַמעריקע איז נאָך דאַן געווען נייטראַל, האָט מען די געפונענע געהיימע דאָקומענטן איבערגעגעבן צו דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן.

לינקאָלן האָט איצט נאָכגעטראַכט, צי זאָל ער דערמאָנען אים זיין דורכפאַל, וואָס קען באַטראַכט ווערן נישט גלאַט ווי אומפּאַרזיכטיקייט, נאָר ווי אַ מלוכה־פאַרברעכן... ער האָט אָבער באַשלאָסן צו שווייגן. איצט מוז ער דאָך אָנקו־מען נאָך זיין הילף!

— יעדער מענטש קען באַגיין אַ טעות! — האָט לינקאָלן צום סוף געזאָגט. — איך וואָלט וועלן איצט זיך אָנשליסן אין דייטשן געהיים־דינסט דאָ... איך האָב פאַרבינדונגען, וואָס קענען אַ סך העלפן דייטשלאַנד...

פאָן פאַפּען האָט גלייך נישט געענטפערט. לינקאָלן האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קווענקלט זיך און כדי אים צו איבער־

צייגן אין זיין נוצלעכקייט, האָט ער באַשלאָסן איצט אַרויס־צוציען אַ קאָרט, וואָס ער האָט שוין יאָרנלאַנג געהאַט פאַרשטעקט אין זיין אַרבל...

— איך האָב מיט זיך אַ וויכטיקן דאָקומענט! — האָט לינקאָלן אָנגעהויבן. — דער דאָקומענט איז צו מיר דער־גאַנגען אין דעם לעצטן טאָג, איידער איך האָב פאַרלאָזט ענגלאַנד, און דאָס האָט באַשטעטיקט אַ קלאַנג, וואָס כ׳האָב נאָך געהערט מיט פיר יאָר צוריק...

— וועגן וואָס רעדט זיך דאָ? — האָט פאָן פאַפּען נאָך אַלץ געפרעגט אין אַ גלייכגילטיקן טאָן.

— עס רעדט זיך דאָ וועגן רעדעל... וועגן דעם קאָלאָנעל האַנס רעדעל...

— איר מיינט דעם עסטרייכישן מיליטערמאַן? — האָט פאָן פאַפּען איצט אַרויסגעוויזן נייגעריקייט.

— כ׳מיין דעם הויפּט פון עסטרייכישן קאָנטר־שפּיאָ־נאַזש! — האָט לינקאָלן געזאָגט אַנטשלאָסן און דערמיט געוואָלט ווייזן, אַז פאַר אים זענען נישטאָ קיין באַהאַלטענע זאַכן.

— אַלזאָ, וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם קאָלאָנעל רעדעל?

לינקאָלן האָט זיך נישט געאיילט איצט מיט זיין ענט־פער, כאָטש פאָן פאַפּען האָט אַרויסגעוויזן אומגעדולד.

— כ׳וויל איר זאָלט וויסן, מיין הער — האָט לינקאָלן ענדלעך אַנטדעקט — אַז הער רעדעל איז אַ שפּיאָן פאַר די רוסן...

— דאָס איז פאַנטאַסטיש! — האָט פאָן פאַפּען אַ זעץ־געטאָן אין טיש. — זייט איר משוגע געוואָרן? איך קען דעם הער רעדעל פערזענלעך... ער איז אַ העכסט־אָנשטענ־דיקער געטרייער דייטש...

— זייט נישט אַזוי זיכער, מיין הער! איך האָב באַווייזן, וואָס וועלן מאַכן אַ סוף צו אייער זיכערקייט.

— רעדעל אין רוסישן שפּיאָנאַזש? ווען האָט אַזאַ זאַך פּאַסירט?

— וועגן זיין דינסט אין רוסישן געהיים־דינסט האָב איך שוין געהערט מיט עטלעכע יאָרן צוריק. איך האָב אָבער דאַן

נישט געהאַט קיין באַווייזן... און כ׳האָב אויך אַזוי ווי איר, הער פאָן פאַפּען, נישט געוואָלט דערציילן וועגן דעם, כדי אים נישט צו ברענגען שאָדן...

פאָן פאַפּען איז געזעסן אַ צעטומלטער. איצט האָט ער נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהויבן.

— כ׳האָב אַ דאָקומענט וואָס באַשטעטיקט, אַז נישט בלויז האָט ער איבערגעגעבן אַלע מיליטערישע סודות וועגן די פאָרטיפיקאַציעס פון פּשעמישל און קראָקע צו די רוסן, נאָר ער האָט אויך זיי איבערגעגעבן די נעמען פון אַלע דייטשע אַגענטן, וואָס ער אַליין האָט געשיקט קיין רוסלאַנד דאָרט צו שפּיאָנירן...

— ווייזט מיר, ביטע, דעם דאָקומענט...

— ביטע זייער...

לינקאָלן האָט אים דערלאַנגט אַ צעקנייטשטן בויגן פּאַפּיר. שוין עטלעכע יאָר ווי ער האַלט דעם דאָקומענט ביי זיך אין קעשענע. דאָס איז צו אים אַריינגעפאַלן צוזאַמען מיט די אַנדערע דאָקומענטן אין דעם פּאָרטפעל פון דעם רוס קאַרנאָוו ביים מוזיקאַלישן קאָנצערט אין קאָפּענהאַגען. אַלע אַנדערע דאָקומענטן האָט לינקאָלן דאַן אַריבערגעשיקט קיין בערלין, אויסער דעם בויגן. ער האָט געוווּסט, אָדער פאָרגעזען, אַז עס וועט אַמאָל קומען אַ טאָג, ווען דער דאָזיקער צעקנייטשטער בויגן וועט אים אַרויסראַטעווען פון אַ צרה און אים אויך פאַרזיכערן אפשר מיט אַ נייער שטעלע...

— איך וואָלט מיר קיינמאָל אַזאַ זאַך נישט פאָרגעשטעלט! — האָט פאָן פאַפּען אַרויסגעזיפצט, נאָכדעם ווי ער האָט אַריינגעקוקט אין דעם דאָקומענט.

ער האָט נאָך אַ ווײַלע צוגעגעבן:

— איך דאַנק אייך, הער לינקאָלן, פאַר אייער דינסט... און וואָס אַנבאַלאַנגט וועגן אייער פאָרשלאָג אַריינצוטרעטן ווידער אין היגן געהיים־דינסט, קען איך אייך אין איצטיקן מאָמענט קיין ענטפער נישט געבן... עס מוז דויערן עטלעכע טעג...

— אויב איך קריג נישט גלייך קיין ענטפער — איז לינקאָלן געוווען אומצופרידן מיט פאָן פאַפּענס אָפּזאָג —

אפשר קען איך דערוויל קריגן אַ קליינע אַנלייע?... איר ווייסט דאָך, כ׳בין אַנטלאָפן פון ענגלאַנד אָן געלט... יעדע סומע, וואָס איר וועט באַשטימען פאַר מיר איצט, וועט זיין אויפן חשבון פון מיין שפּעטערדיקן געהאַלט... איך האָב געדינט דייטשלאַנד ווי אַ געטרייער סאָלדאַט...

— כ׳באַדויער וואָס כ׳מוז אייך אָפּזאָגן... מיר צאָלן נישט אין פאָרויס... און דערצו איז נאָך ביי מיר נישטאָ די זיכער־קייט, אַז מיר וועלן אייך אָנשטעלן אין דער צוקונפט...

שטילערהייט האָט לינקאָלן געקריצט מיט די ציין... ער וועט זיי שוין ווייזן, די דייטשן, וואָס ער קען! — האָט ער שנעל באַשלאָסן. — אוי, וועט ער זיי ווייזן! אַזעלכע אויס־ווורפן! פאַר דער אויפדעקונג פון קאָלאָנעל רעדעלס פאַראַט אַליין קומט אים אַ גרויסע סומע געלט!...

אָן אויפגערעגטער האָט ער זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, אַ ברום־געטאָן: „אַ גוטן טאָג״, און פאַרלאָזט דאָס צימער פון פאָן פּאַפּען.

צומאָרגנס נאָך דער באַגעגעניש מיט פאָן פּאַפּען איז לינקאָלן צוריקגעפאָרן קיין ניו יאָרק. אין קעשענע האָט ער געהאַט גאָר ווייניק געלט און עס האָט זיך אים עפּעס נישט געגלויבט, אַז די דייטשן וועלן אים אָנשטעלן אין זייער געהיים־דינסט. דאָס האָט ער אַרויסגעדרונגען פון דעם אַמ־באַסאַדאָרס רייד, און אַזוי ווי אויף צו לעבן דערוויל מוז מען האָבן אַ קוואַל פון איינקונפט, האָט ער באַשלאָסן דער־וויל זיך צו נעמען צו אַן אַנדערער פּרנסה.

צוערשט האָט ער זיך געדונגען אַ צימער ביי אַ יידיש־אונגאַרישער פאַמיליע אין מאַנהעטען. ער האָט נישט גע־קענט די מענטשן פון פריער. ער האָט בלויז געעפנט דאָס טעלעפאָן־בוך, כדי צו געפינען אַן אונגאַרישן רעסטאָראַן. אַזאַ רעסטאָראַן האָט ער אויפגעזוכט אויף דער איסט־סאַיד. ער איז דאָרט צוגעפאָרן אָפּעסן אַ מיטאָג. אין פאַרלויף פון 15 מינוט איז ער שוין געווען באַקאַנט מיט אַלע געסט אין יענעם רעסטאָראַן. איינער פון די געסט מיטן נאָמען קאַבאַטש האָט אים פאָרגעשלאָגן, ער זאָל דינגען ביי אים אַ צימער.

נאָכן אריינציִען זיך אין דער נייער וווינונג, האָט ער גענומען נאָכקוקן די אַנאָנסן אין די צייטונגען וועגן קריגן באַשעפטיקונג. ער האָט נאָך אָפּגעוואַרט עטלעכע טעג און ווען פון פאָן פּאַפּען איז נישט געקומען קיין ענטפער, איז ער אַוועק אין דער רעדאַקציע פון דער ענגלישער צייטונג „ניו יאָרק וואָרלד" און פאַרלאַנגט צו זען דעם רעדאַקטאָר.

מען האָט אים דאָרט געלאָזט וואַרטן און ווען דער פאַר־נומענער רעדאַקטאָר איז ענדלעך אַרויסגעקומען, האָט ער אים גלייך געזאָגט, אַז מער ווי פינף מינוט קען ער מיט אים זיך נישט אָפּגעבן...

— כ׳וויל פאָרשלאָגן עטלעכע אַרטיקלען וועגן ענגלאַנד — האָט לינקאָלן גלייך געמאַכט אַן אָנבאָט.

— ווער זייט איר? — האָט דער רעדאַקטאָר געפרעגט.

— אַ צייטונגסמאַן?

— מיין נאָמען איז טריביטש לינקאָלן... אַמאָל בין איך געווען אַ פאַרלאַמענט־מיטגליד אין לאָנדאָן...

— ס׳טוט מיר לייד... כ׳האָב אייער נאָמען קיינמאָל נישט געהערט... זאָגט מיר, באַשעפטיקט איר זיך מיט שרייבן?

— מיט זשורנאַליסטיק און מיט נאָך עפּעס...

— מיט וואָס אַ שטייגער?

— מיט שפּיאָנאַזש...

דער רעדאַקטאָר האָט פון גרויס פאַרוווּנדערונג געעפנט ברייטער די אויגן:

— מיט שפּיאָנאַזש? פאַר וועלכן לאַנד?

— פאַר דייטשלאַנד... אָבער איצט בין איך נישט אין דינסט... כ׳וויל אָנשרייבן אַ סעריע אַרטיקלען און אויפווייזן, אַז ענגלאַנד איז שולדיק אין דעם איצטיקן קריג...

— דאָס איז געוויס אינטערעסאַנט — האָט דער רעדאַק־טאָר געשמייכלט. — ווי איר ווייסט, איז דאָך אַמעריקע נייטראַל... זי וויל זיך נישט אָנשליסן צו קיין קעמפנדיקן צד, און אוודאי וואָלט מען אין אַמעריקע וועלן וויסן ווער ס׳איז שולדיק אין קריג... איך פּערזענלעך אָבער בין פאַר־אינטערעסירט אין שפּיאָנאַזש־געשיכטעס, אפילו ווען זיי

זענען אַביסל איבערטריבן... קענט איר אונז צושטעלן אַזאַ מאַטעריאַל?

און איידער לינקאָלן האָט נאָך צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן, האָט דער רעדאַקטאָר אים אַנגעוויזן אויף אַ שטיקל נייעס אין דער פרימאָרגן־צייטונג. לינקאָלן האָט איבערגע־לייענט דאָס קעפּל איבער דער נייעס און אַזש אויפגעצי־טערט. דאָרט איז געשטאַנען:

„רעדעל, דער הויפּט פון עסטרייכישן קאָנטער־שפּיאָנאַזש, איז טויט!"

באַלד אונטערן קעפּל איז געווען געדרוקט:

„ווין, 22־טער פעברואר. — נעכטן איז געפונען געוואָרן דער טויטער קערפּער פון קאָלאָנעל האַנס רעדעל אין אַ צימער פון האָטעל ,מעטראָפּאָל', אויפן פערטן שטאָק. נעבן אים איז געלעגן אַ רעוואָלווער און ס'איז קענטיק, אַז ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד... די האָטעל־באַדינער גיבן איי־בער, אַז נאָכמיטאָג זענען אריין צו אים פיר עסטרייכישע אָפיצירן. אין פאַרלויף פון עטלעכע מינוט האָבן זיך געהערט הילכיקע שטימען פון יענער זייט וואַנט. דערנאָך זענען די אָפיצירן אַרויס און געוואַרט אין קאָרידאָר. פונעם צימער האָט זיך דערהערט אַ שאָס. די פיר אָפיצירן זענען ווידער אַריין אין צימער, פאַרבליבן דאָרט עטלעכע סעקונדן און שפּעטער זענען זיי אַרויסגעקומען און פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך..."

ווייטער איז אין דער טעלעגראַפישער נייעס, וואָס איז אָנגעקומען פון ווין, געשטאַנען, אַז אויסגעפונען ווען האַנס רעדעלס טויט האָבן ערשט די האָטעל־אייגנטימער אין אָוונט, ווען דער קאָלאָנעל איז נישט אַראָפּגעקומען צום אָונטבּרויט אין עס־זאַל. מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, אָבער קיין ענטפער איז נישט געקומען. נאָכן אַריינרייסן זיך אין צימער, האָבן די באַדינער געפונען זיין טויטן קערפּער...

— איר זעט? — האָט דער רעדאַקטאָר געוויזן דעם באַריכט לינקאָלנען. — אָט אַזעלכע געשיכטעס מיט אַ סך פאַקטן און דעטאַלן ווען מיר גערן דרוקן אין אונזער

צייטונג... וואָס לייענט איר אַזוי לאַנג די ידיעה? איז אייך עפּעס באַקאַנט וועגן דער זאַך?

— ניין, ניין, נישט צופיל... אָבער איך האָב אַנדערע, נאָך מער אינטערעסאַנטע געשיכטעס, וואָס וועלן אייך נאָך מער געפעלן און זיי וועלן אויך געפעלן אייערע לייענער...

— וויפל וועט איר פאַרלאַנגען פאַר אייערע געשיכטעס?

— וויפל זייט איר גרייט צו באַצאָלן?

— עס ווענדט זיך אָן זייער ווערט... איבעריקנס, זאָגט מיר, וויפל איר פאַרלאַנגט. איר דאַרפט זאָגן אייער פּרייז און מיר וועלן באַשטימען צי מיר קענען אייך באַפרידיקן...

— איך האָב די שווידערלעכסטע געשיכטעס פון אונזער צייט... די שטויגענדיקסטע אַוואַנטורעס פון אונזער יאָרהונ־דערט און כ׳וויל צוויי הונדערט דאָלאַר פאַר יעדן אַרטיקל!

— דאָס איז נישט קיין קליינער פּרייז... און וויפל גע־שיכטעס קענט איר אונז צושטעלן?

— זיבן און מעגלעך אַז צען... ווי איר וועט פאָדערן...

— כ׳וועל איינשטעלן... ווען קענט איר מיר ברענגען די ערשטע געשיכטע?

—מאָרגן אינדערפרי...

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט די „ניו יאָרק וואָרלד" אָנגעהויבן צו דרוקן די סענסאַציאָנעלע געשיכטעס פון טרי־ביטש לינקאָלן, און מיליאָנען מענטשן אין אַמעריקע האָבן געשלונגען די מערקווירדיקע אַרטיקלען פון איינעם אַן אַוואַנטוריסט טריביטש לינקאָלן... זיין נאָמען איז געוואָרן שנעל פּאָפּולער איבער די פאַרייניקטע שטאַטן. די נעמען פון די שפּיאָנאַזש־געשיכטעס זענען געווען שרייענדיק־סענסאַ־ציאָנעלע: „ווי אַזוי איך האָב אָפּגענאַרט די ענגלישע סקאָט־לאַנד יאַרד!..." „כ׳בין פינף יאָר צייט געווען אַ דייטשער שפּיאָן!" „די לעצטע זיצונג פון ענגלישן קאַבינעט, וואָס האָט אַרויסגערופן די וועלט־מלחמה!..."

גאַנץ אַמעריקע האָט געשלונגען די שפּיאָנאַזש־געשיכ־טעס ווי אַ שפּאַנענדיקן ראָמאַן אין פאָרזעצונגען. לינקאָלן איז געוואָרן פּאָפּולער און קיין געלט האָט אים אויך נישט געפעלט. איצט, האָט ער געטראַכט, וועט זיך אָנהויבן זיין

גרויסע קאַריערע, וועגן וועלכער ער האָט געחלומט אַ גאַנץ לעבן. דאָ וועט מען אָפּשאַצן זיינע פעיקייטן. דאָ, אין דעם לאַנד פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן, וועט מען אויך צאָלן פאַר זיין אַרבעט...

וועגן איין זאַך האָט אָבער טריביטש לינקאָלן נישט געטראַכט: אַז זיינע שפּיאָנאַזש־געשיכטעס ווערן טאָג־טעג־לעך טעלעגראַפיש אַריבערגעפירט קיין ענגלאַנד, און אַז דער אָרעם פון „סקאָטלאַנד יאַרד" איז אַ גאָר לאַנגער...

•

קאַפּיטל זעכצן

וועגן לינקאָלנס אַנטלויפן קיין אַמעריקע האָט „סקאָט־לאַנד יאַרד" זיך דערוווּסט אַ וואָך נאָכדעם ווי ער איז אָנגעקומען אין ניו יאָרקער האַפן. ווען ער וואָלט פאַרשווּונדן אין דעם גרויסן אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ און וואָלט נישט געלאָזט פון זיך הערן, וואָלטן אפשר די ענגלענדער אָן אים אויך פאַרגעסן... אָבער אַזוי ווי ער האָט גלייך זיך פאַר־נומען מיט אַן אַנטי־ענגלישער פּראָפּאַגאַנדע אין אַמעריקע, אין אַ צייט ווען ענגלאַנד האָט געזוכט אַמעריקאַנער פריינט־שאַפט — האָט די רעגירונג אין לאָנדאָן באַשלאָסן צו פאָ־דערן, אַז אַמעריקע זאָל אים אַרעסטירן און צוריק אַריבער־שיקן אים קיין ענגלאַנד.

די פאָדערונג צו דעפּאָרטירן טריביטש לינקאָלן קיין ענגלאַנד איז נאָך אָנגעקומען קיין וואַשינגטאָן אין אַפּריל 1915. אָבער דאָרט האָט מען זיך נישט געאיילט צו באַטראַכטן די פאָדערונג. אַמעריקע איז נאָך אַלץ געווען נייטראַל און דעריבער האָט זי אין אַזוינע פאַלן געהאַנדלט זייער פאָר־זיכטיק, באַזונדערס ווען לינקאָלן איז געווען אַ געבוירענער אין אונגאַרן...

אָבער דעם 4־טן אויגוסט, 1915, האָבן די ענגלענדער באַזיגט טריביטש לינקאָלן... ס'איז געווען אַ וואַרעמע, שטי־קנדיקע זומער־נאַכט אין ניו יאָרק. לינקאָלן האָט זיך געפונען אַליין אין זיין צימער. די יידיש־אונגאַרישע פאַמיליע, ביי

ווּעמען ער האָט געוווּנטשט, איז אַוועקגעפאָרן אין די בערג אויף אָפּרוּ.

לינקאָלן איז געזעסן און געשריבן זיינע שפּיאָנאַזש־געשיכטעס און פּלאַנירט זיינע אינטריגעס קעגן ענגלאַנד, וואָס האָט אים געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון לאָנדאָן, אים צעשיידט פון זיין פאַמיליע און אויך צעשטערט אַלע זיינע פּלענער... אָבער אין יענער וואַרעמער נאַכט איז ער געווען באַהערשט פון אַ מאָדנעם אומרו. דאָס שרייבן איז אים אָנגעקומען שווער. ער האָט געשפּרייזט איבערן צימער און זיין האַרץ האָט אים נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. ער האָט פאָרגעפילט, אַז עס וועט מיט אים עפּעס פּאַסירן, אָבער געווּי וואָס האָט ער נישט געוווּסט... פון צייט־צו־צייט האָט ער פּרובירט זיך אַליין באַרואיקן, אַז בלויז די היץ דער־קוטשעט זיינע נערוון...

זיין פאָרגעפיל האָט אים נישט גענאַרט. פּונקט 9 אַזייגער, ווען דער גרויסער וואַנט־זייגער אין הויז האָט אויס־געשלאָגן ניין קלעפּ, האָבן זיך אויך דערהערט שטאַרקע קלעפּ אין דער טיר...

— ווער איז דאָרט? — האָט לינקאָלן הויך געפרעגט און אין האַרצן האָט ער געהאָפט, אַז בלויז גנבים רייסן זיך אַריין אין זיין צימער... בלויז גנבים...

— פון דער פּאָליציי! — האָט זיך געהערט אַ דיקע בויך־שטים פון יענער זייט טיר.

אָבער לינקאָלן האָט סיי־ווי דורך דעם קליינעם שייבל אין דער טיר־לאָך געקענט זען די שאָטנס פון זעקס געוויק־סיקע מענער מיט רעוואָלווערן אין די הענט. זייער גאַנצע דערשיינונג האָט דערמאָנט אַ פילם־סצענע, וואָס ווייזט ווי מען גייט אַרעסטירן אַ געפערלעכן גענגסטער...

ער האָט געעפנט די טיר און זיי האָבן זיך אַריינגעריסן, אַלע זעקס פּאַרשוין מיט אַמאָל.

— מיין נאָמען איז דזשאָרדזש פּראַקטאָר! — האָט איי־נער פון זיי זיך פאָרגעשטעלט. — איך האָב אַ באַפעל אייך צו אַרעסטירן...

— און וואָס איז די באַשולדיקונג קעגן מיר? — האָט לינקאָלן געפרעגט קאַלט.

— די ענגלענדער פאַרלאַנגען מען זאָל אייך דעפּאָרטירן פון דאַנען... מאָרגן וועט איר האָבן אַ פאַרהער אין געריכט. איצט מוזט איר גיין מיט אונז...

די זעקס אומגעבעטענע געסט האָבן נישט דורכגעפירט קיין זוכונגען אין זיין צימער. זיי האָבן אים געגעבן פינף מינוט צייט אויף צוצוגרייטן זיך מיטצוגיין מיט זיי. לינקאָלן האָט איינגעפּאַקט זיינע פּערזענלעכע זאַכן, עטלעכע ביכער און ער האָט אויך מיטגענומען אַ סך פּאַפּיר צום שרייבן.

האַלב עלף אין אָוונט האָט זיך פאַרמאַכט די טיר הינטער אים אין דער טורמע אויף ריימאָנד סטריט, אין ברוקלין.

אַן אַנטוישטער האָט ער זיך אָוועקגעלייגט אויפן בעטל און גענומען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן ווי אַזוי ער זאָל זיך פאַרטיידיקן פאַר דעם ריכטער.

צומאָרגנס, 9 אינדערפרי, האָט מען אים געבראַכט אין געריכט. דער ריכטער איז געווען וואַן וועכטן ווידער.

— מיסטער טריביטש לינקאָלן! — האָט דער ריכטער צו אים זיך געווענדעט. — דאָ אין געריכט געפינט זיך אַ פאַרטרעטער פון דער ענגלישער רעגירונג, וואָס פאָדערט מיר זאָלן אייך איבערגעבן אין זיינע הענט...

לינקאָלן האָט אויסגעדרייט זיין פּנים צו דער זייט, ווו עס האָט זיך געפונען דער פּראָקוראָר און דערזען דאָרט שטיין צוויי הויכע, שלאַנקע מענער. ער האָט די דאָזיקע צוויי קיינמאָל פריער נישט געזען, אָבער לויט זייער אויסדרוק האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוזן זיין אַגענטן פון „סקאָטלאַנד יאַרד".

— דאָס אַמעריקאַנער געזעץ זאָגט — האָט דער ריכטער ווייטער גערעדט — אַז איך מוז אייך נישט איבערגעבן אין זייערע הענט, סיידן זיי האָבן באַוויזן, וואָס באַשטעטיקן געזעצלעך, אַז איר זייט שולדיק אין אַ פאַרברעכן...

לינקאָלן האָט גאָרנישט געזאָגט, זיינע אויערן זענען געווען גאָר וואַכזאַם און איינגעזאַפּט יעדעס וואָרט פונעם ריכטער.

— די ענגלישע רעגירונג באַשולדיקט אייך אין פעלשן צוויי טשעקן אויף דער סומע פון טויזנט מיט 450 פונט... זייט איר זיך מודה אין דעם?

— איך לייקן דאָס קאַטעגאָריש! — האָט לינקאָלן אַנט־שלאָסן אויסגערופן.

— אויב אַזוי — האָט דער ריכטער איצט זיך געווענדעט צום פּראָקוראָר — מוזט איר אונז געבן באַווייזן, וואָס זאָלן באַרעכטיקן די דעפּאָרטאַציע פון דעם מאַן קיין ענגלאַנד.

דער ריכטער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער פון דעם פּראָקוראָר. איינער פון די צוויי ענגלענדער האָט זיך צוגע־בויגן צום פּראָקוראָר און שטיל אים עפּעס איינגערוימט.

— הער ריכטער! — האָט דער פּראָקוראָר זיך אָנגערופן.

— דער ענגלישער פאַרטרעטער בעט, אַז דער פאַרהער זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ וואָך צייט, ווייל די נויטיקע באַ־ווייזן זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג... די שיף, וואָס האָט געפירט די דאָקומענטן, איז דערטרונקען געוואָרן דורך אַ דייטשער אונטערוואַסער־שיף.

דער ריכטער האָט באַוויליקט דעם פאַרלאַנג און פאַר־לענגערט די צייט פון פאַרהער אויף נאָך אַ וואָך, אָבער די ענגלענדער האָבן נישט צוגעשטעלט די באַווייזן, און ווען דער ריכטער האָט אָפּגעלייגט אויף נאָך איין וואָך דעם פאַרהער, האָט ער דאָסמאָל געוואָרנט, אַז אויב די דאָקו־מענטן וועלן נישט געבראַכט ווערן אין געריכט, וועט ער באַפרייען דעם באַשולדיקטן.

אָבער לינקאָלנס האָפענונגען באַפרייט צו ווערן זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. די באַווייזן זענען יאָ אָנגעג־קומען און יורידיש איז לינקאָלן געווען הילפלאָז צו קעמפן קעגן דער אָנקלאַגע. פונדעסטוועגן האָט ער פּרובירט מאַנען יושר ביים ריכטער:

— הער ריכטער! די ענגלענדער באַשולדיקן מיך, אַז כ'האָב געפעלשט צוויי טשעקן אין יולי 1914, אָבער איך בין דאָך געבליבן וווינען אין לאָנדאָן ביז 1915, ווי קומט עס וואָס זיי האָבן מיך נישט אָנגעקלאָגט די גאַנצע צייט?

דער ריכטער האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער דאָזי־קער טענה.

— די צייט אייך אָנצוקלאָגן פאַר פעלשונג איז נאָך אַלץ גילטיק לויטן געזעץ... איך וועל פאַראָרדענען מען זאָל אייך גלייך דעפּאָרטירן קיין ענגלאַנד, סיידן איר וועט אָנגעבן אַן אַפּעלאַציע.

— פאַרשטייט זיך, הער ריכטער, אַז איך וועל אויסנוצן מיין רעכט צו אַפּעלירן...

דאָס איז געווען דער איינציקער אויסוועג פאַר אים אָפּצושלעפּן די גזירה. לינקאָלן האָט געוווּסט, אַז אַן אַפּעלאַ־ציע אין געריכט ציט זיך אָפּט לאַנגע חדשים און אין דעם נויטיקסט ער זיך טאַקע, אין צייט, אין פיל צייט...

— און אויב עס וועט נויטיק זיין — האָט ער צוגעגעבן אַ דערמוטיקטער — וועל איך אפילו אָנגעבן אַן אַפּעלאַציע צום העכסטן געריכט! כ'וועל מיט אַלע געזעצלעכע מיטלען קעמפן קעגן אָט־דעם אומדערהערטן בילבול פון די ענג־לענדער!...

כדי צו אַפּעלירן, האָט לינקאָלן זיך גענויטיקט אין אַד־וואָקאַטן, און פאַר די אַדוואָקאַטן האָט ער געמוזט אָנגרייטן געלט, אָבער אַלע פאָנדן האָבן ווידער זיך אויסגעלאָזט ביי אים, און דאָ האָט ער נישט פאַרמאָגט קיין פריינט אין דעם נייעם לאַנד. ס'איז ווידער פאַר אים געבליבן איין ברירה: צו דערציילן פאַר דער וועלט וועגן זיינע אַוואַנטורעס, און דערציילן מוז ער דאָס גלייך פון דער טורמע אַרויס אויף די שפּאַלטן פון דער ניו יאָרקער פּרעסע.

און אַזוי איז זיין קאַמער נומער 304 אין דער טורמע אויף ריימאָנד סטריט, אין ברוקלין, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעדאַקציאָנעלן צימער. דער דירעקטאָר פון טורמע האָט געוווּסט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ געהויבענעם אַרעסטאַנט און זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס רעספּעקט. ער האָט אין לינקאָלנס קאַמער אריינגעשטעלט אַ קליינעם, אָפּגענוצטן שרייב־טיש. ער האָט אים באַזאָרגט מיט פּאַפּיר, טינט, פעדערס און אין פאַרלויף פון פיר וואָכן זענען אין יענער קאַמער אָנגעשריבן געוואָרן סענסאַציאָנעלע שפּיאָ־

נאַזש־געשיכטעס, וואָס זענען ווידער געוואָרן גלענצנדיקער לייען־מאַטעריאַל פאַר מיליאָנען אַמעריקאַנער.

און וואָס מער עס האָבן אָנגעריסן די געשיכטעס פון דעם „אינטערנאַציאָנאַלן שפּיאָן", אַלץ מער האָט די צייטונג פון אים געפאָדערט. לינקאָלן האָט דערציילט אַלץ וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט און נישט פּאַסירט אין אייראָפּע אין די יאָרן פאַרן ערשטן וועלט־קריג... ער האָט דערציילט וועגן ליבעס, פּאַראַט, אינטריגעס און כאַבאַר, מיט וואָס מען האָט אונטערגעקויפט די העכסטע רעגירונגס־באַאַמטע ביים רוסישן צאַר און ביי די קאָאַליציע־מלוכות. ער האָט אויך נישט געזשאַלעוועט פּיקאַנטע מעשיות וועגן די רייצנדיקע פרויען, די שפּיאָנקעס, וועלכע ער אַליין האָט געשיקט צו די גענעראַלן, זיי זאָלן טיילן מיט זיי די בעטן און אַרויס־קריגן די וויכטיקסטע סטראַטעגישע סודות...

פונדעסטוועגן, טראָץ זיין דערפאָלג און טראָץ די גרויסע סומעס געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט, איז לינקאָלן נישט זיכער געווען, אַז ער האָט זיך שוין געראַטעוועט פון דע־פּאָרטאַציע. ער האָט געוווסט, אַז אויף יענער זייט וואַנט פון דער טורמע, אויף די גאַסן פון ניו יאָרק, דרייען זיך אַרום אַגענטן פון „סקאָטלאַנד יאַרד" און לויערן אויף אים...

אינצווישן צייט האָט לינקאָלן זיך נענטער באַקענט מיט זיינע שכנים אין טורמע. ער איז געוואָרן היימישער מיט די אַלקאָהאָליקער, גנבים און מערדער. זיי האָבן פאַר אים דערציילט זייערע לעבנס־פּאַסירונגען און כדי צו געווינען זייער צוטרוי, האָט ער פאַר זיי אויך דערציילט וועגן זיך נישט־געשטויגענע און נישט־געפלויגענע מעשיות. עס האָט לאַנג נישט גענומען און ער איז געוואָרן אַ גאַנצער אויפזעער איבער די אַרעסטאַנטן. ער האָט אויך גענאָסן פון אַזעלכע פּריווילעגיעס, וואָס קיין אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן נישט געקענט האָבן.

לינקאָלן האָט אויך געהאַט געלט, האָט ער זיין שפּייז געקויפט אין דער קאַנטין, וואָס האָט זיך געפונען אין טור־מע־הויף.

לינקאָלן האָט געמאַכט פּלענער ווי צו אַנטלויפן פון

טורמע. עפעס האָט ער זיך כסדר געשראָקן, אַז די ענגלענ־דער וועלן אים סוף־כּל־סוף אַריינקריגן אין זייערע הענט. עטלעכע געניטע טורמע־זיצערס האָבן אים צוגעזאָגט באַ־הילפיק צו זיין ביים אַנטלויפן און פאַרלאַנגט פון אים געלט. לינקאָלן האָט אָבער מורא געהאַט זיך צו פאַרלאָזן אויף זיי.

נאָך אַ צייט איז אים איינגעפאַלן אַן אויסטערלישער געדאַנק. ער האָט געהערט פון זיינע שכנים, די אַרעסטאַנטן, אַז די גרינגסטע זאַך איז צו אַנטלויפן פון טורמע־שפּיטאָל. אָבער אַריינצוקומען אין שפּיטאָל מוז מען דאָך זיין קראַנק! האָט ער איינמאָל, ביים ראַזירן זיך, אַ טיפן שניט זיך געטאָן מיט דעם מעסערל אין רעכטן אויער. אַ פאַרבלו־טיקטן האָט מען אים אַריבערגעפירט אין טורמע־שפּיטאָל. אָבער, צו זיין מזל, האָבן די ענגלענדער שוין געזאָרגט, אַז אויך אין שפּיטאָל זאָל מען אָוועקשטעלן אַ שטרענגע וואַך. אַלע זיינע פּלענער צו אַנטלויפן זענען אויסגערינען. ווען זיין וווּנד איז געווען פאַרהיילט, האָט מען אים צוריק־געשיקט אין דער קאַמער נומער 304.

לינקאָלן איז נישט געוואָרן פאַרצווייפלט. יעדעס מאָל ווען ער איז געווען אין אַ צרה, האָט ער געגלויבט אין ניסים... ס'האָט דאָך שוין נישט איינמאָל געטראָפן אַ נס, ווען זיין לעבן איז געווען אין גרויס געפאַר. ער איז גע־בליבן אין דער טורמע און נאָכאַנאַנד געטראַכט. טראַכטן איז אַ היילונג פאַר דער נשמה — האָט ער צו זיך געזאָגט — און ווער קען אים שטערן צו זיין פאַרזונקען אין אַ וועלט פון מיסטישע געדאַנקען צווישן די פיר פּוסטע, קאַלטע ווענט?

און דער נס איז געקומען צו אים גראָד פון אַזאַ קוועלע, אויף וועלכער ער האָט צום ווינציקסטן זיך געריכט.

איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, איז לינקאָלן אַריינגערופן געוואָרן אין קאַנצעלאַריע פון דעם טורמע־דירעקטאָר. ביים עפענען די טיר האָט לינקאָלן געטראַכט, אַז די ענגלענדער האָבן שוין ווידער געמאַכט אַ וויזיט ביים טורמע־אויפזעער... אָבער ווען ער איז אַריבער די שוועל, האָט ער דאָרט גע־

טראָפּן זיצן אַן אַגענט פון דער אַמעריקאַנער עף־בי־אַי, פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־דינסט. נאָך איידער לינקאָלן האָט באַוויזן זיך אָוועקצוזעצן, האָט דער אַגענט פאַר אים זיך שוין פאַרגעשטעלט:

— איך בין קאַפּיטאַן טאָני... כ׳וויל אייך פרעגן עט־לעכע פראַגן...

— ביטע — האָט לינקאָלן העפלעך געזאָגט.

— כ׳האָב געלייענט אייערע באַשרייבונגען וועגן שפּיאָ־נאַזש אין אייראָפּע... ס׳איז גאָר אינטערעסאַנט און איך בין זיכער, אַז איר ווייסט אויך עפּעס וועגן דער טעטיקייט פון די דייטשע שפּיאָנען אין אַמעריקע...

ערשט איצט האָט לינקאָלן זיך אַרומגעזען צוליב וואָס מען האָט אים דאָ גערופן. הייסט עס, אַז אַמעריקע וועט נישט שטענדיק בלייבן נייטראַל... דער אַמעריקאַנער גע־היים־דינסט זאָרגט זיך שוין באַצייטנס וועגן דייטשע שפּיאָ־נען... דאָס מיינט נישט קיין אַנדערע זאַך ווי נאָר דאָס, אַז אַמעריקע גרייט זיך אַריינצוטרעטן אין דער מלחמה...

— ניין, קאַפּיטאַן טאָני! איך קען נאָך נישט קיין דייט־טשע אַגענטן אין אַמעריקע — האָט ער געלאָסן און תמע־וואָטע געענטפערט. — איבעריקנס, דאָס זיצן אין טורמע גיט מיר נישט קיין מעגלעכקייט צו קענען עמעצן אַנדערש, אויסער זיך אַליין...

לינקאָלן האָט אַקצענטירט די ווערטער „איך קען נאָך נישט קיין דייטשע אַגענטן". דערמיט האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז אויב מען וועט אים אַרויסלאָזן אויף דער פריי, וועט ער קענען ברענגען אַ סך נוצן אַמעריקע...

— כ׳באַדויער, הער לינקאָלן! — האָט דער קאַפּיטאַן פון עף־בי־אַי אים אָפּגעזאָגט זיין פאַרלאַנג. — דערווייל קענען מיר אייך נישט באַפרייען פון טורמע... אייער אַרעסט איז דערווייל געזעצלעך...

— אויב אַזוי, האָב איך אַ צווייטן פאָרשלאָג — האָט לינקאָלן זיך צוגעאײַלט מיט אַ נייעם אָנבאָט. — איך קען לייסטן אַ סך דינסט פאַר אַמעריקע אַפילו פון מיין טורמע־קאַמער...

— וואָס אַ שטייגער?

— איך נעם זיך אונטער צו דעשיפרירן די דייטשע געהיימע שריפט וואָס קומט דאָ אַהער... דאָס האָב איך נאָך פּראַקטיצירט אין ענגלאַנד, אָבער די ענגלענדער ווילן מיר אָפּדאַנקען אויף זייער אופן... כ׳בין זיכער, אַז דייטשע אַגענטן דאָ האָבן שוין זייער שפּיאָנאַזש־נעץ אין אַמעריקע...

דער פאָרשלאָג איז דווקא יאָ געפעלן געוואָרן דעם קאַפּיטאַן. ער האָט געזאָגט:

— וועגן דעם אָנבאָט וועל איך איבעררעדן מיט מײַנע מיטאַרבעטער און איך וועל אײַך געבן אַן ענטפער.

דריי טעג שפּעטער האָט מען לינקאָלנען גערופן צום דירעקטאָר פון דער עף־בי־אַי אין ניו יאָרק און מען האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער ווערט אָנגענומען אויף פּראָבע ביים דעשיפרירן די געהיימע דייטשע טעלעגראַמעס, וואָס קומען אָן קיין אַמעריקע.

— אויב אײַער אַרבעט וועט אונז באַפרידיקן — האָט אים דער עף־בי־אַי־דירעקטאָר צוגעזאָגט — וועלן די ענג־לענדער אפשר פאַרלירן דעם אינטערעס פאַר אײַך... מיר וועלן מעגלעך קומען מיט זיי צו אַ געוויסער פאַרשטענ־דיקונג...

די ערשטע פּראָבע האָט מען מיט אים געמאַכט, ווען לינקאָלן האָט געקראָגן דריי טעלעגראַמעס אין אַ געהיימער דייטשער שריפט. די טעלעגראַמעס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון ניו יאָרק צו אַ דייטשער פירמע אין סאַן כואַן, אין פּאָרטאָ ריקאָ. די אַרבעט איז נישט געווען קיין לייכטע. די שריפט איז געווען אַ פאַרפּלאָנטערטע, אָבער נאָך 24 שעה האָט לינקאָלן אַלץ דעשיפרירט און מען האָט אים געגעבן אַ ניי בינטל בריוו.

אין די ביוראָען פון דער עף־בי־אַי האָט מען זיך גערעכנט מיט לינקאָלנס אַרבעט און ער האָט אײַנגעזען, אַז איצט איז געקומען די צײַט ווען ער קען שוין שטעלן פאָדערונגען.

— איך וויל בעטן בײַ אײַך צוויי זאַכן — האָט לינקאָלן געזאָגט. — ערשטנס, איר זאָלט מיך אַרויסנעמען פון מײַן

טורמע־קאַמער, ווען איך טו די דאָזיקע נוצלעכע אַרבעט...
כ׳קען מיר נאָך קאַליע מאַכן מיינע אויגן ביי דעם טונקעלן
ליכט דאָרט... צוויטנס, וויל איך אַ מאָנאַטלעכן געהאַלט,
ווייל כ׳מוז אַוועקשיקן געלט צו מיין פרוי און קינדער,
וואָס זענען געבליבן אין ענגלאַנד...

דער עף־בי־אַי־דירעקטאָר האָט צוגעזאָגט אים צו געבן
אַן ענטפער אין עטלעכע טעג אַרום.

פון וואַשינגטאָן איז געקומען אַן ענטפער, אַז זיינע
פאָדערונגען וועלן נאָכגעגעבן ווערן. עס איז אַפילו גע־
מאַכט געוואָרן אַ פאָרשלאָג, אַז מען זאָל אים אַריבער־
ברענגען קיין וואַשינגטאָן, אָבער אַזוי לאַנג ווי די ענגלענ־
דער האָבן נישט בטל געמאַכט זייער אָנקלאַגע קעגן אים —
איז דאָס נישט געווען דורכפירבאַר.

לינקאָלן איז אין יענער צייט געווען האַלבער אַרעס־
טאַנט און האַלבער פרייער איינוווינער. יעדן פרימאָרגן האָט
אַן עף־בי־אַי־מאַן אים אַרויסגענומען פון זיין טורמע־קאַ־
מער און מיט אים צוגעפאָרן אין דער הויפט־קוואַרטיר
אויף „קאָלאָמבוס סוירקעל״. דאָרט איז לינקאָלן געזעסן
אַן אָפּגעשלאָסענער און געטאָן זיין אַרבעט. נאָך האַלבן
טאָג איז ער אַראָפּגעגאַנגען אין רעסטאָראַן עסן, אויך אין
דער באַגלייטונג פון דעם אַגענט, און אין אָוונט האָט
דער זעלבער אַגענט אים געפירט אַהיים, אין זיין קאַמער
אַריין, אין ברוקלין.

אין דער אמתן איז ער געווען בלויז אַרעסטירט ביי־
נאַכט. די עף־בי־אַי האָט אים אויך דערלויבט וויטער
אָפּצודרוקן זיינע שפּיאָנאַזש־געשיכטעס אין דער פרעסע.

דער אַגענט, וואָס פלעגט באַגלייטן אים דריי מאָל
אַ טאָג און וואָס איז געווען באַוואָפנט מיט אַ רעוואָלווער,
איז געווען אַ לוסטיקער בחור. זיין נאָמען איז געווען גערי
דזשאַנסאָן. דעם ערשטן טאָג האָבן זיי נישט דורכגערעדט
צווישן זיך קיין איינציק וואָרט. אויפן צווייטן טאָג האָבן
זיי שוין דערציילט איינער דעם אַנדערן זייערע לעבנס־
געשיכטעס, אויפן דריטן טאָג זענען זיי שוין אַריין אין אַ
לאָקאַל און גענומען צו גלעזלעך. דער ביטערער טראָפּן

האָט אַביסל אויפגעהייטערט דעם דערשלאָגענעם אַרעס־טאַנט און נאָך לעבעדיקער געמאַכט דעם לוסטיקן באַגלייטער...

צוליב דער נאָענטער באַקאַנטשאַפט צווישן זיי, פלעגט דער אַרעסטאַנט קומען אהיים אין זיין טורמע־קאַמער גאַר שפעט נאָך האַלבער נאַכט... זייער באַליבטער לאָקאַל, וווּהין זיי זענען טאָג־טעגלעך אַריינגעקומען נאָך אַ טרונק, האָט זיך געפונען אויף דער 46־סטער גאַס. דאָרט האָבן געאַרבעט צוויי שיינע מיידלעך, מעיפעל און עטל, און לינקאָלן האָט זיך מיט זיי שטאַרק באַפריינדעט.

דער אַגענט איז מיט דער צייט געוואָרן אַזאַ אָנהענגער פון לינקאָלנען, צוליב די העלדן־געשיכטעס זיינע, אַז ער האָט אים אפילו צוגעזאָגט איינמאָל — ביי אַ גלעזל וויסקי — אַז ווען עס וועט קומען דער טאָג און ער וועט באַשליסן צו אַנטלויפן פון דער טורמע, וועט ער, גערי דזשאַנסאָן, אים באַהילפיק זיין... ער האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט פאַראינטערעסירט איבערצוגעבן צו די ענגלענדער אַ מענטש, וואָס טוט נוצלעכע אַרבעט פאַר אַמעריקע...

די ענגלענדער האָבן נאָך אַלץ געפאָדערט לינקאָלנס דעפּאָרטאַציע. אָפיציעל איז זייער באַשולדיקונג נאָך אַלץ געווען די פעלשונג פון די צוויי טשעקן. אָבער אין דער שטיל האָבן זיי איבערגעגעבן, אַז לינקאָלן איז אַ געפערלעכער פאַרשוין. ער האָט אָנגעטאָן אַ סך צרות ענגלאַנד, ווען ער האָט געדינט אין דייטשן שפּיאָנאַזש...

איינמאָל איז ער גערופן געוואָרן אין הויפּט־קוואַרטיר פון דער עף־בי־איי און דאָרט האָט מען אים געגעבן אָנצוהערן, אַז די ענגלענדער זוכן אַ ניי מיטל ווי אַזוי אים אַריינצוקריגן אין אַ פאַסטקע. ער מוז דעריבער געפינען אַן אויסוועג...

לינקאָלן האָט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש. דאָס מיינט, אַז זיי ווילן ער זאָל אַנטלויפן פון געפענגעניש, און דאָס דאַרף געשען וואָס שנעלער. אין דער זעלבער צייט איז צו אים אויך געקומען די סעקרעטאַרין פון דעם רעדאַקטאָר,

ביי וועמען לינקאָלן האָט געדרוקט זיינע סענסאַציאָנעלע געשיכטעס.

איר וויזיט ביי אים איז געווען אַן אומגעריכטער, און אויך איר פאָרשלאָג איז געווען אַן אומגעוויינלעכער...

— איך ברענג צו אייך אַ וויכטיקן פאָרשלאָג פון דעם רעדאַקטאָר — האָט זי געזאָגט מיט אַ געהיימנישפולן טאָן.

— איר ווייסט דאָך, אַז אייער נייע סעריע באַשרייבונגען וועט זיך אָנהויבן אין דריי טעג אַרום...

— איר מיינט די געשיכטעס וועגן מיין שפּיאָנאַזש אין פראַנקרייך און אין בעלגיע?

— יאָ... און די צייטונג אונזערע וויל די געשיכטעס אנאָנסירן אויף אַ גאָר אָריגינעלן אופן, אַז עס זאָל אַרויס־רופן מער שפּאַנונג ביי די לייענער... ס'איז דעריבער נויטיק, הער לינקאָלן, אַז איר זאָלט אַנטלויפן פון טורמע...

דער איינפאַל האָט נישט איבעראַשט דעם אַרעסטאַנט לינקאָלן. ער אַליין האָט דאָך טאָג און נאַכט געטראַכט וועגן אַזאַ געוואַגטער אונטערנעמונג. ער דאַרף דען ערשט קריגן אַן עצה פון אַ צייטונגס־רעדאַקטאָר זיך אַרויסצוראַ־טעווען פון געפענגעניש און ווידער זיין אויף דער פריי?

— דאָס איז אַ גרויסע, געוואַגטע אונטערנעמונג! — האָט ער פונדעסטוועגן געזאָגט גלייכגילטיק. — וואָס וועל איך האָבן פון אַזאַ ריזיקע?

— איר וועט קריגן עקסטראַ טויזנט דאָלאַר פאַר דער סעריע! — האָט די סעקרעטאַרין געזאָגט אין אַ געשעפטס־מעסיקן טאָן און כדי נישט צו דערלאָזן אַז ער זאָל זיך אָנהויבן דינגען, האָט זי צוגעגעבן — דאָס איז דער העכ־סטער פּרייז, וואָס מען וועט אייך קענען צאָלן...

— כ'וועל פּרובירן צו אַנטלויפן... — האָט ער שטיל געזאָגט. — אויב איר ווילט צוואַרטן אַ ווײַלע, וועל איך אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער, וואָס איר וועט דאַרפן אָפּדרוקן אין דער צייטונג גלייך נאָך מיין אַנטלויפן.

און אַן באַזונדערע צוגרייטונגען האָט לינקאָלן גענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר און אין גרויס איילעניש אָנגעשריבן עטלעכע שורות. דערנאָך האָט ער דאָס בייגעלע אָריינגע־

לייגט אין אַ קאָנווערט, פאַרקלעפּט און דערויף אָנגעשריבן מיט רויטן בליישטיפט: „אויפמערקזאַם, רעדאַקטאָר!״

צומאָרגנס אין אָוונט איז געשען דער „נס״, וואָס האָט אים געהאָלפן מאַכן פּליטה.

געשען איז עס אין יענער שעה, ווען לינקאָלן מיט זיין באַגלייטער פון דער עף־בי־אַי, דזשאָנסאָן, זענען אַריין אין זייער לאָקאַל עסן אָוונט־ברויט. די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט — עטל און מעיפּעל — מיט וועלכע לינקאָלן איז געוואָרן שטאַרק באַפריינדעט, האָבן זיך אויך צוגעזעצט צו זייער טיש, און די פאַרשטענדיקונג מיט מעיפּעל איז געווען, אַז לינקאָלן מוז פאַרשווינדן פון דזשאָנסאָנס אויגן כאָטש אויף אַ גאַנצער שעה... דזשאָנסאָן איז זיכער געווען, אַז זיין „אַרעסטאַנט״ וועט אים נישט פאַראַטן, אַז ער וועט פון אים נישט אַנטלויפן, ווייל זיי זענען געווען נאָענטע פריינט, וואָס האָבן געהאַט צוטרוי איינער צום צווייטן.

וואָס דזשאָנסאָן האָט געטראַכט איז געווען איין זאַך און וואָס לינקאָלן האָט פּלאַנירט איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט געהאַט אָפּגעמאַכט מיט דעם מיידל מעי־פּעל, אַז זי זאָל אים באַהילפיק זיין ביים אַנטלויפן. זי האָט אים אויך געגעבן אַן אַדרעס אין אַ נאָענטער פאַרם, וווּ ער וועט דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן אויף עטלעכע טעג, נאָכדעם ווי פּאָליציי וועט אָנהויבן דאָס געיעג נאָך אים. די פאַרם איז געווען נישט ווייט פון פילאַדעלפיע, אָבער אָנצוקומען אַהין האָט מען געמוזט פּטור ווערן פון דעם באַגלייטער דזשאָנסאָן כאָטש אויף צוויי שעה...

ווען דער זייגער האָט געוויזן 8.30, האָט דזשאָנסאָן זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול און געזאָגט, אַז ער וויל גיין זען אַ באָקס־קאַמף, וואָס דאַרף פאַרקומען צווישן צוויי באַרימטע נעגער־באָקסערס.

— איך האָב בעסער ליב צו פאַרבּרענגען מיט מיין מיידל מעיפּעל, איידער צו זען דעם באָקס — האָט לינקאָלן פּרובירט זיך וויצלען.

— ווייסט נישט וואָס דו רעדסט, לינקאָלן! — אַזאַ

באָקס־קאַמף זעט מען נישט יעדן טאָג. דאָס זענען צוויי טשאַמפּיאָנען!

— אויב אַזוי, גיי מיט דיין מיידל עטל און איך וועל דאָ וואַרטן אין לאָקאַל, ביז דו וועסט צוריקקומען...

דזשאַנסאָן האָט זיך געוווּנדערט פאַרוואָס לינקאָלן זאָגט אים אָפּ. אָבער ער האָט געשוויגן. אַ לענגערע ווײַלע האָט ער אים אָנגעקוקט פאַרשנדיק און דערנאָך זיך אויסגעדרייט צו עטלען:

— וועסט וועלן גיין מיט מיר?

— מיט דיר וועל איך גיין אומעטום! — האָט דאָס מיידל זיך געחנדלט.

— אַלזאָ, וועסט וואַרטן ביז איך וועל צוריקקומען! — האָט דזשאַנסאָן מיט אַ פינגער שפּאַסיק אים געדראָט, ווי ער וואָלט אים אָנגעזאָגט: „סוף־כל־סוף בין איך נאָך אַלץ דאָס געזעץ און דו ביסט מיין אַרעסטאַנט!"

— וועגן דעם דאַרפסטו זיך נישט זאָרגן! — האָט לינקאָלן מיט אַ ווונק פון אויג אים פאַרזיכערט.

ווי נאָר דער עף־בי־אַי אַגענט מיט עטלען זענען אַרויס פון באַר, זענען לינקאָלן מיט מעיפּעלן אַריין אין אַ דער־בייאיקן צימערל, וווּ ער האָט שנעל זיך גענומען איבער־טאָן. ער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך פּויערים־קליידער און אַ פּאָר ברילן, אַז ס'איז שווער געווען אים צו דער־קענען. באַלד אָבער האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קליידער.

— אויף וואָס וואַרטסטו איצט? — האָט מעיפּעל אים אַ שטופּ־געטאָן אַ פאַרוווּנדערטע.

ער איז צוריק אַריין אין באַר און גענומען זופּן אַ גלאָז ביר. ווען די איבעראַשטע מעיפּעל האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, האָט ער איר געזאָגט:

— כ'מוז איבערוואַרטן. דזשאַנסאָן וועט באַלד צוריק־קומען. ער האָט פאַרגעסן מיטצונעמען די האַנט־קייטן...

נאָך איידער ער האָט פאַרענדיקט רעדן, האָט דזשאַנ־סאָן ווידער זיך באַוויזן.

— כ'האָב פאַרגעסן דאָס וויכטיקסטע... — האָט ער

פילדייטיק געשמייכלט און דערביי איז ער געווען באַרו־איקט, וואָס ער האָט געטראָפן זיין אַרעסטאַנט אַזוי ווי ער האָט אים פריער איבערגעלאָזט...

באַלד נאָכדעם איז לינקאָלן אויפגעשפרונגען פון אָרט. די ערשטע זאַך — האָט ער אָנגעקלונגען צום רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, ווו זיינע שפּיאָנאַזש־געשיכטעס זענען געדרוקט געוואָרן, און אים אָנגעזאָגט, אַז איצט, אין דער מינוט ווען ער רעדט צו אים, הויבט זיך אָן זיין אַנטלויפן. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעטאָן, אַרויפגעזעצט זיינע גרויסע ברילן און איז אַרויס אין גאַס דורך אַ הינטער־טיר. ער האָט נאָך באַוויזן זיך אַריינצוגנבענען אין זיין אַמאָליקן האָטעל „ניקערבאַקער" און אַרויסנעמען די אי־בערגעבליבענע זאַכן.

צען מינוט שפּעטער איז ער שוין געזעסן אין אַן אויטאָבוס, וואָס האָט אים געזאָלט צופירן צו דער פאַרם הינטער פילאַדעלפיע.

דער פאַרמער, טאָמאַס גראָיעל, האָט לינקאָלנען אויפ־גענומען זייער פריינטלעך, ווייל מעיפעל האָט אים מיט־געגעבן אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט נישט דערציילט, אַז ער איז אַן אַנטלאָפענער אַרעסטאַנט, נאָר אַ נייער אימי־גראַנט, אירס אַ פריינט, וועלכער זוכט אַרבעט.

אַרום 11 אַזייגער איז דזשאָנסאָן מיט זיין באַגלייטערין עטל צוריקגעקומען פון דעם באָקס־קאַמף. ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. איין באָקסער האָט באַזיגט דעם צווייטן מיט אַ „נאָק־אַוט" ביי דער צענטער רונדע, און יעדע סעקונדע ביים צוקוקן זיך צום באָקס איז געווען פול מיט אויפרעגונג.

ווען דזשאָנסאָן האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דעם באַר און נישט געזען זיין אַרעסטאַנט לינקאָלן, איז ער געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט. נאָך איידער ער האָט געעפנט זיין מויל צו פרעגן מעיפעלן ווו עס געפינט זיך לינקאָלן, האָט יענע שוין מיט אַ היסטעריע געשריגן:

— כ'ווייס נישט ווו לינקאָלן איז!... ער איז אַרויס

טעלעפֿאָנירן און איז נישט צוריקגעקומען... שוין העכער אַ שעה ווי איך וואַרט אויף אים...

— פֿאַרוואָס האָסטו נישט טעלעפֿאָנירט צו דער פּאָליציי?

— כ'האָב נישט געוואוסט צו וועמען צו טעלעפֿאָנירן... איבעריקנס, כ'האָב גערעכנט אַז ער קומט צוריק יעדע מינוט.

דזשאָנסאָן איז געווען אַ פֿאַרלוירענער. ווי אַזוי וועט ער איצט זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר די העכערע אָפּיצערן? מען וועט אים דאָך גלייך אָפּזאָגן פֿון זיין אַמט פֿאַר פֿאַרנאַכלעסיקן זיינע פֿליכטן!

ער האָט אַלאַרמירט די פּאָליציי. צענדליקער פּאָליציי־אויטאָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ געיעג איבער אַלע טיילן שטאָט, אָבער אומזיסט. דער „פֿויגל" איז שוין געווען פֿאַרשוווּנדן.

צומאָרגנס האָבן אַלע צייטונגען אין ניו יאָרק צעפּויקט די נייעס. די גרויסע, פּעטע קעפּ האָבן דערציילט:

„דער דייטשער שפּיאָן, דער געוועזענער פּאַרלאַמענט־מיטגליד אין ענגלאַנד, איז אַנטלאָפֿן פֿון דער ניו יאָרקער טורמע!"

„לאָנדאָן וועט אָנקלאָגן וואַשינגטאָן פֿאַר לאָזן אַנטלויפֿן אַ דייטשן שפּיאָן".

אָבער די שרייענדיקסטע קעפּ זענען געווען געדרוקט אין דער צייטונג, וווּ לינקאָלנס שפּיאָנאַזש־געשיכטעס זענען געווען געדרוקט:

„לינקאָלן דערציילט אַליין וועגן זיין אַנטלויפֿן!"

„ווי אַזוי כ'האָב אָפּגענאַרט מיין באַגלייטער פֿון עף־בי־אַי! אַן אָפֿענער בריוו צו דער רעגירונג אין וואַשינג־טאָן".

אין דעם „אָפֿענעם בריוו" האָט לינקאָלן געשריבן: „איך בין געקומען צו די ברעגן פֿון דעם פֿרייען לאַנד ווי אַ פֿליכטלינג פֿון ענגלאַנד... ווען כ'האָב דערזען די „פֿריי־הייטס־סטאַטוע" ביים האַפֿן, בין איך זיכער געווען, אַז כ'האָב דערגרייכט דאָס פֿרייע לאַנד אַמעריקע. כ'האָב נישט

געגלויבט, אַז פונדאַנען וועט מען מיך וועלן איבערגעבן אין די הענט פון די ענגלענדער..."

הינטער די סענסאַציאָנעלע נייעס איז געווען געמאָלדן גאָר אָנזעעוודיק: „לייענט פון היינט־אָן די סעריע גע־שיכטעס וועגן לינקאָלנס שפּיאָנאַזש אין פראַנקרייך און אין בעלגיע!"

לינקאָלן איז געוואָרן די סענסאַציע פון דער וועלט, און די ניו יאָרקער פּאָליציי האָט אים אַרומגעזוכט אויף אַלע וועגן.

קאַפּיטל זיבעצן

בלויז דריי טעג איז לינקאָלן געבליבן אויף דער שטי־לער פאַרם הינטער פילאַדעלפיע. דער פאַרמער, וואָס האָט דערוויל זיך דערוווסט ווער זיין גאַסט איז, האָט אים געוואָרנט נישט אַרויסצוגיין אין דרויסן, ווייל די שכנים־פאַרמער וועלן אים דערקענען לויט די שילדערונגען פון דער פּאָליציי... דער פאַרמער טאָמאַס גראָועל האָט צוליב געטאָן זיין קרובה מעיפעל און נישט אויסגעגעבן דעם דייטשן שפּיאָן... ער האָט בלויז געוואָרט אויף דער ערשטער געלעגנהייט פון אים פּטור צו ווערן.

לינקאָלן אַליין האָט זיך געלאַנגווייליקט. מעיפעל איז ביי אים געווען אַ גאַנצן טאָג, אָבער דאָס האָט אים ווינציק אויפגעמונטערט. די צייט איז געווען אַן אומרואיקע. די וועלט איז פול מיט אויפטרייסלענדיקע פאַסירונגען און ער זיצט אַ פאַרשפאַרטער אין אַ העק הינטער פילאַדעלפיע! פון די ניו יאָרקער צייטונגען, וואָס מעיפעל האָט אים גע־בראַכט, האָט ער זיך דערוווסט, אַז דער דייטשער אַמבאַ־סאַדאָר, פראַנץ פאָן פאַפען, האָט גערופן צו זיך שטילער־הייט די גרויסע אַמעריקאַנער אינדוסטריעלער און זיי פאַר־געשלאָגן פינאַנסיעלע הילף פון דער דייטשער רעגירונג, אַבי זיי זאָלן נישט פאַרקויפן קיין וואָפן צו ענגלאַנד, און אויך נישט די מאַטעריאַלן, פון וועלכע מען פּראָדוצירט

גיפטיקע גאַזן. די זאַך איז דערגאַנגען צו דער פּרעסע און די סענסאַציע איז געווען גרויס...

אויפן דריטן טאָג האָט לינקאָלן זיך אַרויסגעגנבעט פון דעם פאַרמערס הויז און באַשלאָסן אַריינצופאָרן קיין ניו יאָרק. פון גרויס צערודערונג האָט ער גענומען אַ נישט־ריכטיקע באַן און איז פאַרפאָרן אין אַן אַנדער ריכטונג. צוליב דער פאַרשפּעטיקונג איז ער אָנגעקומען עלף אַזייגער קיין ניו יאָרק.

ער האָט געהאַט אין זינען אַריינצוגיין אין זיין באַ־ליבטן באַר און כאַפּן אַ שמועס מיט מעיפעלן. ער האָט אָבער אונטערדריקט דעם פאַרלאַנג. אָנשטאָט דעם איז ער איז אַריין אין אַן אַפּטייק און טעלעפאָנירט אין דער רע־דאַקציע פון „דהי אַמעריקען".

ער האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל צושיקן צום טעלעפאָן דעם רעדאַקטאָר.

ווען דער רעדאַקטאָר פון „אַמעריקען" האָט דערהערט, אַז דאָ רעדט טריביטש לינקאָלן, האָט ער פון אָנהויב נישט געגלויבט. נאָך אַ שמועס פון צוויי מינוט האָט לינקאָלן דעם פּעסימיסטישן רעדאַקטאָר איבערצייגט, אַז דאָס איז ער און נישט קיין אַנדערער, און ער מאַכט אים אַ פאָר־שלאָג צו שרייבן ווי אַזוי ער האָט אָפּגענאַרט די אַמע־ריקאַנער פּאָליציי. דאָס איז אַן אמתע געשיכטע און מיליאָ־נען מענטשן וועלן וועגן דעם וועלן לייענען.

דער רעדאַקטאָר האָט אים געהייסן אַריבערקומען.

אין פופצן מינוט אַרום איז לינקאָלן שוין געשטאַנען אין דער רעדאַקציע און פאַרקויפט זיין סענסאַציע פאַר 500 דאָלאַר. אין רעדאַקטאָרס צימער האָבן זיך געפונען בלויז נאָך צוויי מענטשן, זיין סעקרעטאַרין און אַ פאָטאָ־גראַפיסט. פאַר די איבעריקע אָנגעשטעלטע האָט מען נישט געוואָלט אויסזאָגן, אַז דער אַנטלאָפענער שפּיאָן גייט איצט דיקטירן איינע פון זיינע מערקווירדיקסטע געשיכטעס.

די סעקרעטאַרין האָט פיבערדיק געפּויקט מיט אירע פינגער אויף דער שרייב־מאַשינקע און לינקאָלן האָט אין אַן אויפגערעגטן טאָן, געמישט מיט שרעק, דערציילט אין

אָפּגעהאַקטע ווערטער אַלע איינצלהייטן פון זיין פאַרשווע־רונג קעגן זיין עף־בי־אַי־באַגלייטער, וואָס איז געווען נישט בלויז זיין וועכטער, נאָר אויך זיין נאָענטער פריינט. און אויך ווי ער איז געלעגן פאַרשטעקט אין אַ פאַרם, הינטער דער נאָז פון דער ניו יאָרקער פּאָליציי.

אומגעריכט פאַר אים האָט דער פאָטאָגראַפיסט אַראָפּ־געכאַפּט זיין בילד. די לינאָטיפּן האָבן שוין אויסגעזעצט אַ שרייענדיקן קאָפּ:

„ווי אַזוי כ׳האָב פאַרפירט די אַמעריקאַנער פּאָליציי!"

„לינקאָלן, דער דייטשער שפּיאָן, באַזוכט די רעדאַקציע „דהי אַמעריקען".

נאָך האַלבער נאַכט איז ער שוין ווידער געווען אין גאַס מיט 500 דאָלאַר אין קעשענע. פאַרן פאַרלאָזן די רעדאַקציע האָט ער געוואָלט אַן ערן־וואָרט, אַז מען וועט אים נישט אויסגעבן צו דער פּאָליציי. דער רעדאַקטאָר האָט אים געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— ווייסט איר דען נישט, אַז די אַמעריקאַנער צייַ־טונגען העלפן נישט אַרויס די פּאָליציי? די פּאָליציי זוכט פאַרברעכער און מיר זוכן נייעס...

ער האָט נישט געוווסט וווהין ער זאָל איצט אריינגיין. נעמען אַ צימער אין אַ האָטעל וואָלט געווען געפערלעך, און זיך זען מיט מעיפּעלן אין באַר וואָלט אויך קיין גוטס נישט געבראַכט. געוויס וואַרט אויף אים דאָרט דזשאַנ־סאָן מיט עטלעכע פּאָליציי־לייט...

און ווי ער איז אַזוי געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, האָט ער פּלוצים זיך דערמאָנט, אַז אין זיין ביכל איז פאַרשריבן דער אַדרעס פון אַ דייטש אין ניו דזשוירזי, וואָס דער דייטשער שפּיאָן דיטמאַר האָט אים נאָך געהאָט געגעבן אין ענגלאַנד. אָט־דער דייטש איז געווען אַ פּאַטריאָט פון זיין פאָטערלאַנד און דער פאָרזיצער פון דעם „פאַרבאַנד פון אַמעריקאַנער דייטשן" אין ניו דזשוירזי.

לינקאָלן האָט באַשלאָסן צוצופאָרן צו יענעם דייטש.

ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן מיטן אויטאָבוס קיין ניו דזשוירזי. ער האָט זיך געזעצט אויף דער לעצטער באַנק

און כלומרשט איינגעדרימלט, אַזוי ווי עס טוען די אַרבע־טער, וועלכע פאַרן אַהיים שפּעט פון דער אַרבעט.

ס׳איז שוין געווען 2.30 ביינאַכט ווען לינקאָלן האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דעם דייטש. אַ גרויסער הונט האָט אים באַגריסט מיט אַ בילעריי.

— הער הערמאַן? — האָט לינקאָלן געפרעגט דעם מאַן, וואָס האָט געעפנט די טיר.

— יאָ! און ווער זייט איר?

— כ׳האָב געבראַכט אַ גרוס פון הער דיטמאַר, ד״ר דיטמאַר פון לאָנדאָן...

— אַך זאָ! קאָמען זי הערײַן — איז דער דייטש גע־וואָרן זיס און העפלעך. — וואָס מאַכט דיטמאַר? איז ער געבליבן אין לאָנדאָן ביז היינט, אָדער איז ער צוריקגעפאַרן קיין דייטשלאַנד?

— ער איז שוין צוריק אין בערלין...

— און וואָס ברענגט אייך אַהער? הער...

— הער טריביטש לינקאָלן — האָט ער אים צוגעהאָלפן ביים אַרויסזאָגן זיין נאָמען.

— אַך, זאָ? יעצט פאַרשטיי איך שוין... די פּאָליציי יאָגט אייך?

— ריכטיק... מען האָט אין ערגעץ נישט ליב מענטשן, וואָס אַרבעטן פאַר דייטשלאַנד... קען איך דאָ בלייבן אַ פּאָר טעג?

דער דייטש האָט זיך פאַרקרומט און אַ גרימצאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן איבער זיין געזיכט. „כ׳בין אַריינגעפאַלן — האָט לינקאָלן ביי זיך געטראַכט — אָבער וואָס טוט מען?״

— יאָ... יאָ... — האָט דער דייטש געשטאַמלט. — אָבער איר וועט מוזן אַרבעטן אויפן פעלד, כדי נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט אין הויז... כ׳וועל זאָגן, אַז כ׳האָב אייך געדונגען אַלס אַ „האַנט״...

— גוט! — האָט לינקאָלן איינגעשטימט, כאָטש ער האָט שוין געהאַט זיין דערפאַרונג ביי דער אַרבעט אויף אַ פאַרם אין קאַנאַדע, ווען ער איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס...

נאָך אַ ווײַלע האָט דער דײַטש זיך אָנגערופֿן צו זײַן אומגעריכטן גאַסט:

— און וויפֿל וועט איר מיר צאָלן? כ׳מײַן פֿאַר דער שוץ, וואָס איר וועט קריגן אין מײַן הויז?

לינקאָלן איז געוואָרן בלאַס פֿון כּעס, אָבער ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן מיט אײַזערנע כּוחות. נאָך אַלעם איז דאָס דאָך געווען דאָס אײנציקע הויז, וווּ מען האָט פֿאַר אים איצט געעפֿנט אַ טיר... ער האָט זיך באַדונגען מיט דעם הער הערמאַן, אַז ער וועט אים צאָלן אַ וועכנטלעכן אָפּצאָל. צומאָרגנס האָט ער שוין געאַרבעט אויפֿן פֿעלד.

עס זענען פֿאַרבײַ דרײַ וואָכן. טריביטש לינקאָלן איז געווען אַ פֿאַרמער בײַטאָג און בײַנאַכט האָט ער געשריבן שפּיאָנאַזש־געשיכטעס, כאָטש ער האָט נישט געהאַט ווו זיי אָפּצושיקן. ווען דער דײַטש האָט דערשמעקט, אַז בײַ זײַן גאַסט לאָזט זיך אויס דאָס געלט, האָט ער אים אָפֿן געווארנט: „אָן געלט גייט וווינען ערגעץ אַנדערש...״

איינמאָל האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט אינדרויסן און טעלעפֿאָנירט קיין ניו יאָרק צו זײַן מיידל מעיפּיל. ער האָט איר דערציילט וואָס פֿאַר אַ שלעכטער מאַן דער הערמאַן איז און ווי אַזוי ער נוצט אים אויס. מעיפּעל האָט אים געהייסן גלײַך אַרויסציען זיך פֿון דעם דײַטש און קומען קיין ניו יאָרק. זי וועט דינגען פֿאַר זיי ביידן אַ קליינע דירה, ער וועט אָפּנעמען דאָס געלט וואָס קומט אים פֿאַר זײַנע אַרטיקלען און זי וועט אים אויסהיטן פֿון דער פּאָליצײַ.

לינקאָלן האָט זי געפֿאָלגט און געקומען קיין ניו יאָרק אָבער אָן זײַנע זאַכן. ער האָט געשיקט מעיפּעלן אָפּנעמען זײַן געלט פֿאַר די שפּיאָנאַזש־געשיכטעס און אין אַ טאָג שפּעטער האָט ער טעלעפֿאָנירט צום דײַטש הערמאַן, אַז ער קומט נאָך זײַנע זאַכן.

דער דײַטש האָט אים אָבער געראָטן, אַז ס׳איז בעסער זיי זאָלן זיך טרעפֿן אין אַ באַשטימטן פּלאַץ אין ניו יאָרק, ווו ער פּערזענלעך וועט קומען און אים איבערגעבן זײַנע

וואַליזעס. עס איז נישט געזונט ער זאָל זיך ווידער באַווייזן אין ניו דזשוירזי...

לינקאָלנס האַרץ האָט אים נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. ער האָט שוין געפילט, אַז מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם הער הערמאַן. ער קען אים נאָך פאַראַטן און אויסגעבן דער פאָליציי...

טראָצדעם האָט ער באַשלאָסן איינצושטעלן. אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט האָט אים באַהערשט צו אַלץ. ס׳איז אים שוין נמאס געוואָרן דאָס אויסבאַהאַלטן זיך און דאָס נאָכאַנאַנדיקע אַנטלויפן פון דער פאָליציי. און עס האָט זיך אים סיי־ווי אויסגעוויזן, אַז סוף־כל־סוף וועט ער אַריינפאַלן. ער האָט אפילו זיך דערוווּסט, אַז אויך ענגלישע געהיים־אַגענטן העלפן אַרויס דער ניו יאָרקער פאָליציי, און וואָס פאַר אַ זין קען שוין האָבן דאָס לעבן פון אַ געיאָגטן פליכטלינג? און אויב עס איז אים באַשערט צו זיצן אין אַ טורמע, איז דאָך שוין בעסער אין אַ ניו יאָרקער טורמע, איידער אין אַן ענגלישער. פון אַ טורמע אין ברוקלין קען מען דאָך צומאָל אַנטלויפן!

ס׳איז אים פאָרגעקומען מאָדנע ווי פּלוצים האָט ער גענומען בענקען נאָך זיין זון דזשאָן... ער אַליין האָט נישט באַנומען די באַדייטונג פון אַזאַ פּלוצימדיקער בענקשאַפט. פון ווען אָן איז ער גאָר באַהערשט פון פאָטערלעכע געפילן? נאָך זיין געזעצלעכער פרוי מאַרגאַרעטאַ אין דייטשלאַנד האָט ער אפילו נישט געבענקט. ער האָט אַפילו נישט געוווּסט ווו זי געפינט זיך.

זיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט. ווי מיט כישוף־קייטן האָט עס אים געצויגן צו זיין זון דזשאָן, אפשר דערפאַר, ווייל ער איז געווען דער זון פון ליידי הערמינאַ גלענוויל און אין דער ווירקלעכקייט האָט עס אים געצויגן צו זיין געליבטער הערמינאַ?

דער קליינער דזשאָן איז אין יענער צייט אַלט געווען זעקס יאָר און זיין פאָטער, טריביטש לינקאָלן, האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען. ווען ער איז אַוועק קיין

אַמעריקע, האָט דאָס קינד זיך געכאַוועט ביי דער דערציערין אין סקאָטלאַנד. אומזיסט האָט לינקאָלן זיך געבעטן ביי מאַדאַם הערמינאַ, אַז זי זאָל ברענגען צו אים דאָס יינגל קיין לאָנדאָן כאָטש אויף איין טאָג. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט, ווייל אויסער זייביידן האָט קיינער נישט געוווסט פון דעם סוד...

לינקאָלן האָט געבענקט נאָך אַ לעבעדיק וועזן, נאָך זיין אייגן בלוט און פלייש, וואָס ער האָט צומאָל נישט געקענט... ווי זעט דער קליינער דזשאָן אויס? הערמינאַ האָט אים געזאָגט, אַז דאָס קינד און ער זענען ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, אָבער ער האָט פונדעסטוועגן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן ווי דזשאָן זעט פאָרט אויס.

אין דער באַשטימטער שעה איז לינקאָלן געקומען צום פּלאַץ, ווו דער דייטש הערמאַן האָט זיך באַשטעלט מיט אים. אָבער אָנשטאָט הער הערמאַן האָט ער דאָרט דערזען דריי געהיים־אַגענטן, געזעץ־היטער, וועלכע האָבן אים גלייך אַרעסטירט. ער האָט אפילו נישט פּרובירט זיך קעגנצו־שטעלן. דער דייטש האָט אים פאַראַטן...

און ווידעראַמאָל איז טריביטש לינקאָלן געזעסן אין דער ברוקלין־טורמע אויף רעימאָנד סטריט. די אַלטע אַרעס־טאַנטן האָבן זיך דערפרייט מיט אים ווי מיט אַן אַלטן פריינט. מען האָט אים באַגריסט מיט אויסגעשרייען: „דער קעניג איז צוריקגעקומען פון זיין וועלט־רייזע!" מען האָט אים אַריינגעזעצט אין דעם זעלבן קאַמער, פון וואַנען ער איז אַנטלאָפן, אָבער דאָס מאָל האָט ער שוין נישט געהאַט די פריערדיקע פּריווילעגיעס. מען האָט אים געהיט מיט זיבן פּאָר אויגן.

איצט איז אים אויך קלאָר געוואָרן, אַז עס וועט לאַנג נישט דויערן און מען וועט אים איבערגעבן צו די ענג־לענדער. ער האָט פאַרשפּעטיקט צו אַפּעלירן אין געריכט אַ צווייט מאָל. דערצו האָט ער מער נישט געהאַט קיין געלט, ווייל זיין געטריי מיידל מעיפּעל האָט ביי אים אַלץ צוגענומען, ווען זי האָט אָנגעהויבן אויסמעבלירן אַן איי־

גענע דירה. מעיפעל האָט אים אויך געראַטן, אַז ער זאָל ווידעראַמאָל אַנטלויפן פון געפענגעניש.

אויך זיינע פריינט אינעווייניק, אין טורמע, האָבן צוגעזאָגט אים צו העלפן אַנטלויפן. אַזאַ צויבערמאַן ווי ער — האָבן זיי זיך געוויצלט — טאָר נישט זיצן הינטער קראַטעס... זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, לויט וועלכן לינקאָלן האָט געדאַרפט אַרויסשפּאַצירן פון טורמע מיט דער פּאַראַדנער טיר און דווקא אינמיטן העלן טאָג.

דער פּלאַן איז געווען, אַז לינקאָלן זאָל זיך פאַרשטעלן אַלס דער מאַן פון דער קאַנטין, וואָס האָט זיך געפונען אויפן טורמע־הויף. מיט אָט־דעם מאַן, וועלכער איז אויך געווען אַ ייד, האָט ער זיך שוין געקענט פון פריער, ווייל ער האָט ביי אים איינגעקויפט שפּייז פאַר זיין אייגן געלט. לינקאָלן האָט, דאַן ווען עס האָט אים געלוינט, געשפּילט די ראָל פון דעם ייד, וואָס מוז בלויז עסן „כשרע שפּייזן" און דעריבער איז ער באַשטאַנען צו קויפן ביים ייד פון דער קאַנטין, וואָס פאַרקויפט דאָך געוויס נאָר כשר... אָפּט־מאָל פלעגט לינקאָלן אויך נישט זעלטן אַמוזירן די יידישע אַרעסטאַנטן מיט חזנישע געזאַנגען...

איצט זענען זיינע פריינט געקומען מיט אים צו אַ פאַרשטענדיקונג, אַז אַרום מיטאָג־צייט, ווען זיי וועלן אַרויס אין טורמע־הויף, וועלן זיי באַפאַלן דעם מאַן פון דער קאַנ־טין, אים פאַרשטאָפּן דאָס מויל און אים אַריינשלעפּן אין אַ קאַמער. אין דער זעלבער צייט וועט לינקאָלן אָנטאָן זיינע קליידער און זיך אַרויסגנבענען דורך דעם פּראָנט־טויער. פאַרשטייט זיך, אַז דעם בעל־דבר אַליין האָט מען קיין זאַך נישט דערציילט, אויס מורא אַז ער וועט אַלעמען אַרויסגעבן.

דער פּלאַן צו אַנטלויפן האָט אָבער געהאַט איין חסרון: דער ייד פון דער קאַנטין האָט געהאַט אַ בערדעלע און לינקאָלן האָט זיין אייגן בערדעלע שוין לאַנג אָפּגעשוירן. איידער ער האָט געהאַט צייט זיך צו פאַרלאָזן אַ ניי בערדל, האָבן פּלוצים אין אַ פרימאָרגן זיך באַוויזן אין זיין קאַמער צוויי טורמע־וועכטער און אים אַריינגעפירט אין ביוראָ

פון דער טורמע. דאָרט האָט מען אים געלאָזט וויסן, אַז ביינאַכט וועט ער אָפּפאָרן מיט אַ שיף קיין ענגלאַנד.

נאָך האַלבער נאַכט איז די שיף „קאַמעראָניאַ" אָפּגעשווומען פון ניו יאָרקער האַפן קיין איירָאָפּע. לינקאָלן האָט זיך אַרומגעדרייט אויפן דעק פון דער שיף און געקוקט אויף די רוישיקע כוואַליעס פון ים. ער האָט אָבער געשפּירט ווי הינטער אים לאָזן זיינע וועכטער נישט אַראָפּ פון אים די אויגן. די פינצטערניש אַרום איז געווען געדיכט און טיף. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט בלייענע כוואַליעס. די ליכט פון די ניו יאָרקער וואָלקנקראַצערס זענען שוין געווען ווייט פון אים, ווייט און פאַרנעפּלט...

און קוקנדיק אַראָפּ צו די טונקעלע, רוישיקע כוואַליעס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זיין וועלט איז פאַרשפּילט. ווי מאָדנע! געקומען איז ער אַהער זיך אויסצורוען פון די אַוואַנטורעס אין איירָאָפּע און געניסן פון דעם רייכטום אין דעם גאָלדענעם לאַנד, און דאָ שיקט מען אים צוריק אין דעם קאָכעדיקן ווולקאַן, איירָאָפּע... און אפשר מאַכט ער אַליין אַ פאַלשן חשבון? די וועלט מיינט דאָך געוויס, אַז ער וועט שוין זיינע לעצטע יאָרן אָפּפינצטערן אין אַ פינצטערער טורמע. זיי האָבן נישט אויסגערעכנט, אַז די אַוואַנטורעס פון יצחק, דער זון פון נתן טריביטש, וועלן זיך ערשט איצט אָנהויבן...

קאַפּיטל אַכצן

ענגלאַנד האָט נישט אויפגענומען טריביטש לינקאָלנען ווי עס וואָלט געפּאַסט פאַר אַ געוועזענעם מיטגליד פון ענגלישן פּאַרלאַמענט. די מלחמה קעגן דייטשלאַנד האָט זיך שוין געצויגן דאָס צווייטע יאָר, טראָצדעם וואָס אין איירָאָפּע האָט מען געגלויבט, אַז נאָך דריי חדשים וועט שוין זיין נאָכן קריג. אויפן מערב־פראָנט איז נישט געווען פרייליך. דעם צאַרס אַרמייען האָבן געליטן שרעקלעכע מפּלות. און אַמעריקע האָט דאַן נאָך אפילו נישט אינזינען

געהאַט, אַז זי וועט אַמאָל אַריינגעצויגן ווערן אין דעם קאָנפליקט.

די שטימונג אין ענגלאַנד איז געווען אַן אומעטיקע. ווען לינקאָלן איז צוריקגעקומען קיין ענגלאַנד, אין יאַנואַר 1916, אין דער באַגלייטונג פון צוויי אַגענטן פון „סקאָטלאַנד יאַרד", האָבן די צייטונגען אפילו נישט געמאָלדן וועגן זיין אָנקומען. מען האָט אים גלייך אַריינגעזעצט אין דער לאָנדאָנער ריקסטאָן־טורמע, ווו ער האָט געדאַרפט וואַרטן אויף זיין פּראָצעס.

זיצנדיק אין טורמע האָט ער געשפּונען פּלענער ווי אַזוי צוצוגרייטן זיין פאַרטיידיקונג. צוערשט האָט ער געטראַכט צו שרייבן צו זיינע הונדערטער פריינט און באַקאַנטע אין לאָנדאָן און בעטן זייער הילף און אינטערווענץ. ער האָט אָבער באַרעכנט, אַז עס וועט בעסער זיין ער זאָל שווייגן. צו וועמען וועט ער שרייבן? און וואָס וועט ער זיי זאָגן? אַז ער ווערט אָנגעקלאָגט אין פעלשן טשעקן, כדי מען זאָל אים קענען שטעלן צום משפט? אפילו די מאַדאַם הערמינאַ גלענוויל אַליין, די מאַמע פון זיין באַליבטן זון דזשאָן, האָט דאָך אפילו נישט געוווסט אין וואָס ער איז ווירקלעך שולדיק. און עס איז בעסער אַזוי! ער האָט זי נישט געטאָרט פאַרשעמען פאַר דער געזעלשאַפט. זי איז אַן אַריסטאָקראַטין מיט בלוי בלוט אין אירע אָדערן!

אין דער לאָנדאָנער טורמע האָט ער געקראָגן נייע פריינט. איינער פון זיי, ראַדזשערס קעיזמענט, איז מיט אים געוואָרן נאָר נאָענט. קעיזמענט איז געווען אַן אירלענדישער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון אירלאַנד. זיין שנאה צו ענגלאַנד איז געווען אַזוי שטאַרק און אַזוי פאַנאַטיש, אַז ער האָט אָנגעהויבן צי גלויבן, אַז מיט דעם וואָס ער וועט העלפן דייטשלאַנד, וועט זיין לאַנד אויך געהאָלפן ווערן. ער האָט דעריבער איינגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט די דייטשע אַגענטן און זיי געהאָלפן איינאָרדנען אַ שפּיאָנאַזש־סיסטעם אין דובלין. די ענגלענדער האָבן אים גענומען געפאַנגען אין אַ דייטשער אונטערוואַסער־שיף, נישט ווייט פון ענגלאַנד, און אים געשטעלט צום משפט

אַלס פאַררעטער, ווייל ער איז געווען אַן ענגלישער בירגער...

זיין פראָצעס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן טומעל אין ענגלאַנד און אין אירלאַנד. זיין לעבן איז געווען אָפּהענגיק פון דער אויסטייטשונג פון אַ יורידישן פונקט אינם געזעץ קעגן פאַרראַט, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך פון יאָר 1351. די אויסטייטשונג פון דעם יורידישן פונקט איז געווען ווידער אָנגעוויזן אויף דעם גוטן ווילן פון די ריכטער, אָבער דער אורטייל קעגן אים איז געווען אַ פאַטאַלער. דאָס געריכט האָט אים פאַר׳משפט צום טויט.

לינקאָלן האָט זיך באַגעגנט מיט אָט־דעם אירלענדער כמעט יעדן טאָג. צוזאַמען האָבן זיי פאַרבראַכט לאַנגע שעהן און גערעדט וועגן ענגלאַנד און איר פּאָליטיק. צוויי טעג איידער מען האָט אים געהאַנגען, האָט ער שוין געפילט ווי זיין סוף דערנענטערט זיך און דעריבער האָט ער אים איבערגעגעבן אַ זייגער מיט דעם פאַרלאַנג, אַז ער זאָל דאָס אַריבערפירן צו אַ געוויסער פרוי אין אירלאַנד, נאָכדעם ווי ער אַליין וועט באַפרייט ווערן פון טורמע.

קעיזמענט איז דערנאָך אַ רואיקער געגאַנגען צו דער תליה.

איידער לינקאָלן האָט אריינגעלייגט דעם זייגער אין קעשענע אים אָפּצוהיטן ביז צו זיין באַפרייאונג, האָט ער געוואָלט וויסן צי דאָרט ליגט נישט פאַרשטעקט עפּעס אַ געהיימער בריוו. ער האָט אָן עפן־געטאָן דעם גאָלדענעם צודעק און פאַר זיינע אויגן האָט אַ בליץ־געטאָן אַן אויסגראַ־ווירטע אויפשריפט: „אויף צוויי זאַכן שטייט די וועלט — אויף דער ליבע פון פאָטערלאַנד און פון אַ פרוי...״

נאָך לאַנגע אָפּלייגונגען איז ענדלעך פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון טריביטש לינקאָלן אין יוני 1916. ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין פעלשן צוויי טשעקן. איינער אויף דער סומע פון 750 פונט, מיט דער געפעלשטער אונטערשריפט פון זיין געוועזענעם פריינט און באָס ראַונטרי, דער קאַקאַאָ־קעניג... און דער צווייטער טשעק איז געפעלשט געוואָרן מיטן נאָמען אַלפּערד דאָגלעס פאַרמער. די אָנקלאַגע איז

געמאַכט געוואָרן דורך דער ענגלישער רעגירונג און פאַר דער עפנטלעכער מיינונג איז געווען קלאָר, אַז לינקאָלנס אמת׳ע שולד איז געווען שפּיאָנאַזש... ענגלאַנד איז אָבער נישט געווען פאַראינטערעסירט אַרויסצורופן אַ טומל מיט אַ נייעם שפּיאָן און מיט אַ נייער תליה.

לינקאָלן האָט קאַטעגאָריש געלייקנט, און זיין געוועזענער פריינט ראָונטרי איז געקומען אין געריכט און דערציילט, אַז לינקאָלן האָט אים קיינמאָל נישט פאַרראַטן. ראָונטרי איז אים ווירקלעך געבליבן געטריי.

לינקאָלן האָט גע׳טענה׳ט, אַז דער פּראָצעס איז אַ פּאָליטישער און דעריבער האָט ער פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל ברענגען אַלס עדות טשערטשילן און לאָיד דזשאָרדזשן. זיי וועלן שוין וויסן וואָס צו זאָגן וועגן אים. דער ריכטער האָט אָפּגעזאָגט זיין פאַרלאַנג.

אויפן פערטן טאָג פון פּראָצעס איז לינקאָלן פאַראורטיילט געוואָרן פאַר פעלשן צוויי טשעקן און ער האָט געקראָגן דריי יאָר טורמע. ער איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר גאַנץ ענגלאַנד אַלס שווינדלער און אויסוווּרף.

אין דער צייט, ווען דער פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען, האָט ער געהאָפט און געוואַרט, אַז פרוי גלענוויל זאָל קומען אים זען אין געריכט נישט ווי אַ פריינדין, וואָס וויל אים העלפן, נאָר ווי איינע פון די געריכט־צושויער. זי איז אָבער נישט געקומען. ער האָט זיך אפילו שפּעטער געטרייסט, אַז אַזוי איז בעסער. זי טאָר אים נישט זען אין זיין געפאַלנקייט.

די דריי יאָר האָט לינקאָלן געמוזט פאַרברענגען אין דער טורמע פאַרקהווירסט, אויפן אינזל וואַיט. די ענגלענדער האָבן אָנגענומען אַלע באַוואָרענישן, אַז ער זאָל נישט פּרובירן אַנטלויפן.

נישט לייכט איז אים אָנגעקומען זיך צוצופּאַסן צו די נייע לעבנס־באַדינגונגען. דריי פולע יאָר וועט ער דאַרפן זיצן! דאָס איז דאָך אַן אייביקייט! ווי אַזוי קען מען אריינקלעמען א ווולקאַן אין אַ פלאַש? ער האָט געוווּסט, אַז אַרום אים בושעוועט אַ שטורעם. די מלחמה איז אויסגע־

שפרייט איבערן גאַנצן קאָנטינענט און ער האָט גאָר געבונ־
דענע הענט.

די אָרדנונג אין דער ענגלישער טורמע איז געווען אַ
מוסטערהאַפטע און אויך דאָס באַהאַנדלען די אַרעסטאַנטן
זענען געווען פיל בעסער ווי אין ברוקלין. די צעלן זענען
געווען ריין און די שפּייזן געשמאַק. אַ מאָדנע פאָלק זענען
די דאָזיקע ענגלענדער! — האָט לינקאָלן ביי זיך געטראַכט.
זיי אַליין האָבן נישט גענוג פאַר זיך צו עסן; די דייטשע
אונטערוואַסער־שיפן זינקען די ענגלישע שיפן וואָס פירן
אַריבער שפּייז, די באַפעלקערונג לעבט אויף צוגעטיילטע
פּאָרציעס פלייש, מילך, פּוטער און דאָך — פאַר אים ווייזט
מען נישט אַרויס קיין שפּאָרזאַמקייט. ער באַקומט יעדן טאָג
אַ גאַנצע קילאָ קאַרטאָפל, אין דער צייט ווען זייערס אַ
בירגער זעט דאָס אפילו נישט אַ גאַנצע וואָך!

ער האָט געפונען באַשעפטיקונג אין דעם טורמע־
וואַרשטאַט, וווּ די אַרעסטאַנטן האָבן אויסגעאַרבעט פאַרשי־
דענע זאַכן פון האָלץ און מעטאַל. דאָרט האָט ער אויך זיך
באַקענט טאָג־טעגלעך מיט נייע מענטשן. אין די פרייע שעה'ן
איז ער ווידער פאַרזונקען געוואָרן אין דער וועלט פון מיסטיק.
דאָס איז געווען אַ געוויסע אָפּפרישונג פאַר זיין שטורמישער
נאַטור.

פון צייט־צו־צייט איז אים אפילו געקומען אויפן געדאַנק
אַ פּלאַן צו אַנטלויפן פון דער טורמע, און אין אַזאַ פאַל
האָט ווידער ביי אים געקראָגן די אויבערהאַנט דער פאַרלאַנג
נאָך אַוואַנטורעס. אין אַזאַ אַוואַנטורע, ווי דאָס פּרובירן
אַנטלויפן פון דער טורמע, איז געווען אַ סך צייט־פאַרטרייב,
אויפרעגונג — זאַכן וואָס לינקאָלן האָט אָנגענומען ווי אַ
אָנגענעמע פאַרווײַלונג...

אײנמאָל האָט מען באַשלאָסן אונטערצוקויפן דעם צעל־
וועכטער, ער זאָל זיך מאַכן אַוועקקוקן, ווען לינקאָלן וועט
מאַכן פּליטה. צוליב דעם האָבן די אַרעסטאַנטן אָנגעהויבן
זאַמלען צווישן זיך אַ סומע געלט. אָבער אין לעצטן מאָמענט
איז דער פּלאַן צעשטערט געוואָרן, ווייל דער זעלבער וועכטער
איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ענגלאַנד.

אין אַ צווייטער פּראָבע צו אַנטלויפן האָט לינקאָלן זיך נישט געקענט באַטייליקן, ווייל ער האָט נישט געקענט שווימען. אַ גרופּע אַרעסטאַנטן האָבן, ביים אַרויסרייסן זיך פון געפענגעניש, געדאַרפט אַריבערשווימען אַ וואַסער. ער, לינקאָלן, וועלכער איז געבוירן געוואָרן ביי די ברעגן פון דונאַי, האָט קיינמאָל זיך נישט אויסגעלערנט שווימען. נישט בלויז דאָס — נאָר ער האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר וואַסער. דאָס האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין פאָטער, וועלכער האָט אין אים איינגעפלאַנצט אַ פּחד פאַר שטורמישע וואַסערן...

איין האָפענונג האָט געטליעט ביי אים אין האַרצן וועגן זיין באַפרייונג — דאָס איז, אַז די ערשטע וועלט־מלחמה זאָל זיך וואָס שנעלער ענדיקן. לינקאָלן איז זיכער געווען, אַז אין פרידנס־צייט דאַרפן די ענגלענדער אים נישט האַלטן פאַרשפּאַרט הינטער קראַטעס.

ער איז אָבער אַנטוישט געוואָרן.

אין נאָוועמבער 1918 האָבן די דייטשן קאַפּיטולירט צו די קאָאַליציע־מלוכות און עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער וואַפנשטילשטאַנד. אָבער לינקאָלן איז נישט אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון געפענגעניש. אַלע זיינע פּראָטעסטן האָבן געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס... ער האָט געזוכט רעקאָמאַנ־דאַציעס ביי הויכע רעגירונגס־מענטשן, געשריבן בריוו צו אַלטע, איינפלוסרייכע פריינט — אָבער אָן רעזולטאַטן.

פון דעמאָלט־אָן האָט זיך נאָך מער צעפלאַקערט אין אים די שנאה צו ענגלאַנד. די פיינטשאַפט האָט אין אים איינגעפלאַנצט אַזויפיל סם צו דער בריטישער אימפּעריע, אַז ער וואָלט גרייט געווען צו טאָן אַלץ אין דער וועלט, אַז ענגלאַנד זאָל פאַרלירן איר מאַכט אין דער וועלט. פון צו־לאַנג זיצן אין געפענגעניש, איז אויך זיין געזונט־צושטאַנד פאַרערגערט געוואָרן. מען האָט אים אַריבערגעפירט אין שפּיטאָל אריין, אָבער זיין קראַנקהייט איז נישט געווען קיין פיזישע, נאָר אַ פּסיכישע.

ער האָט געמאַכט פּלענער ווי אַזוי ער זאָל דורכפירן זיין גרויסן נקמה־אַקט. אַמאָל האָט ער געוואָלט ווערן אַ

צווייטער ד׳איזראַעלי (לאָרד ביקאָנספילד), דער פּרעמיער פון ענגלאַנד, וואָס וועט פאַרגרעסערן די מאַכט פון קעניגטום איבער אַלע קאָנטינענטן, אָבער די ענגלענדער האָבן אים, לינקאָלנען, נישט געוואָלט פאַר קיין הערשער... דעריבער וועט ער איצט ווערן אַ צווייטער נאַפּאָלעאָן, וואָס האָט אָן אויפגאַבע צו רואינירן ענגלאַנד און אָפּצווישן איר איינפלוס פונעם פּנים פון דער ערד...

אין יולי 1919 איז געוואָרן דריי יאָר ווי לינקאָלן איז אָפּגעזעסן אין דער ענגלישער טורמע. מען האָט אים באַפרייט און אַריבערגעפירט קיין לאָנדאָן. די ענגלענדער האָבן נאָך נישט געהאַט באַשלאָסן וואָס צו טאָן מיט אים. זיין ענגלישע בירגערשאַפט איז פון אים צוגענומען געוואָרן, אָבער צוריקשיקן אים אין זיין געבוירן־לאַנד אונגאַרן, איז אויך נישט געווען קיין פּלאַן...

אין יענער צייט האָט אין אונגאַרן זיך באַוויזן בעלאַ קוהן, דער הערשער אין דער קאָמוניסטישער רעגירונג אין אונגאַרן. בעלאַ קוהן איז געווען אַ ייד און אויך אַ טייל מיטגלידער פון זיין קאַבינעט זענען געווען פון יידישן אָפּשטאַם. און די ענגלענדער האָבן דעמאָלט געמאַכט אַ חשבון, אַז אויב מען זאָל אריינשיקן קיין בודאַפּעשט נאָך איין אַוואַנטוריסט, דערצו נאָך פון אַזאַ פאַרנעם ווי טריביטש לינקאָלן, וועט דאָרט זיך אָנצונדן אַ ווולקאַן און גאַנץ אייראָפּע קען פאַרצערט ווערן אין די פלאַמען...

ענדלעך איז באַשלאָסן געוואָרן אים אַוועקצושיקן קיין בעלגיע.

דעם 15־טן אויגוסט, 1919, איז לינקאָלן, אין דער באַגלייטונג פון צוויי אַגענטן פון סקאָטלאַנד יאַרד אַריבערגעשיקט געוואָרן אין דעם האַפן פון פאָלקסטאָון. אומזיסט האָט ער זיך געבעטן, אַז מען זאָל אים לאָזן בלייבן אַ טאָג, צוויי אין לאָנדאָן, ער זאָל זיך קענען געזעגענען מיט זיינע פריינט און באַקאַנטע. דאָס איז אים נישט באַוויליקט געוואָרן. מען האָט אים בלויז דערלויבט צו שרייבן אָפּשייד־בריוו...

אין בעלגיע איז לינקאָלן געבליבן בלויז איין נאַכט. ווי נאָר ער האָט אַראָפּגעשטעלט אַ פוס אויף דער ערד,

האָט ער שוין געוואָלט ווייטער פאָרן. אָבער וווהין? קיין אונגאַרן? נישט־געוועזן צוליב וואָס! וואָס וואַרט אויף אים דאָרט היינט? אויב שוין יאָ זיך אומקערן אַהין — דאַרף ער וואַרטן, ער זאָל קענען אַריינפאָרן ווי אַ זיגער...

מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן אַריינצופאָרן קיין בערלין. די דייטשע הויפּט־שטאָט וועט פאַר אים פון איצט־אָן ווערן אַ צענטער פון אַרבעט. דאָרט וועט ער געפינען אויפמערק־זאַמע אויערן. און צי איז דען דייטשלאַנד אים נישט שולדיק אַן אַלטן חוב פאַר דעם דינסט פון אַלע יאָרן פריער?

אַלע וועגן זענען דעריבער געגאַנגען אין דער ריכטונג צו בערלין. די צרה איז אָבער געווען, אַז ווען ער האָט שוין זיך געפונען אויפן וואָקזאַל, האָט ער נישט פאַרמאָגט קיין גראָשן אפילו אויף צו קויפן אַ בילעט. ער האָט פאָרט זיך אַריינגעזעצט אין דער באַן. ווען דער קאָנדוקטאָר האָט אים דערזען, האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז ער איז אַ דייטשער קריגס־געפאַנגענער וואָס איז ערשט איצט אַנטלאָפן פון ענגלאַנד נאַקעט און אָרעם... ער פאָרט איצט צו זיין פאַמיליע קיין בערלין און קומענדיק אַהין וועט ער באַצאָלן זיין חוב.

דער קאָנדוקטאָר האָט אויס מיטלייד אים אָפּגעלאָזט.

צוויי שעה שפּעטער האָט לינקאָלן זיך שוין אַרומגעדרייט אין אַ פאָרשטאָט פון בערלין. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין פּלאַן און נישט קיין ציל וווהין צו גיין. זיין לאַגע איז געווען אויסזיכטלאָז.

קאַפּיטל נייַנצן

בערלין נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז נישט געווען דאָס זעלבע וואָס אין די צייטן פון דעם שטאָלצן קייזער. איר פּראַכט איז פון איר אַוועקגענומען געוואָרן און איבער אירע גאַסן האָבן מער נישט מאַרשירט די יונקערישע מיליטערלייט אונטער די קלאַנגען פון אָרקעסטערס. דייטשלאַנד האָט נישט געטאָרט האָבן קיין אַרמיי, לויטן באַשלוס פון די זיגערישע קאָאַליציע־לענדער. דייטשלאַנד איז געווען באַזיגט, געשלאָגן,

הילפסלאָז און דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעזען אויף דער באַפעל־קערונג פון דער הויפּט־שטאָט בערלין.

לינקאָלן איז געוואָרן דערשלאָגן, ווען ער האָט דערזען וואָס עס איז געוואָרן פון בערלין, די שטאָט וואָס האָט אַמאָל געגלאַנצט מיט איר פּראַכט און רייכקייט. אַלע זענען צוואים געווען פרעמד. ער האָט דאָ איצט אַפילו נישט געקענט גע־פינען קיין איינציקן פריינט פון די אַמאָליקע, גוטע צייטן.

און אַזוי גייענדיק אַ דערשלאָגענער איבער די גאַסן, אָן אַ ציל און אָן אויסזיכטן, האָט לינקאָלן פּלוצים זיך דער־מאָנט אָן איינעם בערנאַרד שאַפּיראָ, אַ יידישער באַנקיר, מיט וועמען זיין פאָטער אין שטעטל פּאקס האָט אַמאָל גע־האַנדלט... ער האָט באַשלאָסן אים צו זען. זיין אַדרעס האָט ער נישט געהאַט, איז ער אַוועק אין אַ פּאָסט־ביוראָ און אויפ־געזוכט שאַפּיראָס וווינאָרט אין טעלעפאָן־בוך. עס האָט נישט לאַנג גענומען און ער איז שוין געשטאַנען פאַר דעם באַנ־קירס הויז.

די געביידע האָט געהאַט דריי שטאָק, אָבער אַלץ אַרום האָט עפּעס אויסגעזען פּוסט און פאַרלאָזן. אין אַלע פענצ־טער איז געווען פינצטער, בלויז פון איין שויב, אויף אַ דאַך־שטיבל, האָט אַרויסגעלויכטן אַ שוואַכער שיין. אָן איבער־צוקלערן אַן איבעריקע מינוט איז לינקאָלן אַרויפגעקראָכן ביז צום לעצטן שטאָק און ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווייַלע און ער האָט געמוזט נאָכאַנאַנד פּויקן מיט די פינגער אין דער טיר, ביז וואַנען עס האָבן זיך דערהערט טריט פון יענער זייט וואַנט. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער מאַן מיט גרויסע, דערשראָקענע אויגן.

— וועמען זוכט איר דאָ? — האָט דער זקן געפרעגט מיט אַ שוואַך קול און אָן שפּור פון העפלעכקייט.

— כ׳בין געקומען זען דעם באַנקיר, הער בערנאַרד שאַפּיראָ...

— ער איז געשטאָרבן... — האָט דער אַלטער קורץ אַ זאָג געטאָן.

דאָס איז פאַר אים געווען אַן אומאָנגענעמע איבערראַ־

שונג. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז שאַפּיראָ האָט אויך געהאַט אַ ברודער, וואָס האָט ביי אים געוווינט. לינקאָלן האָט זיך אָפּגערופן:

— אויב אַזוי, וויל איך רעדן מיט זיין ברודער.

— ער איז געשטאָרבן... — האָט דער אַלטער ווידער קורץ געענטפערט.

דאָס איז דאָך אומעגלעך!... — האָט לינקאָלן ביי זיך געטראַכט. אַט־דער אַלטער מאַן מוז זיין טויב אָדער צעמישט. ער איז אַוודאי דער וועכטער פון הויז און ער פאַרשטייט נישט וואָס מען רעדט צו אים...

— איך רעד צו אייך וועגן די צוויי ברידער שאַפּיראָ, די באַנקירן... — האָט לינקאָלן פּרובירט געבן צו פאַרשטיין דעם זקן.

— זיי זענען געשטאָרבן... — האָט דער זקן איבערגע־חזרט דעם זעלבן פּזמון.

אַלע באַמיאונגען צו פאַרפירן אַ שמועס מיט אַט־דעם צעדולטן אַלטן מאַן האָבן זיך אים נישט איינגעגעבן. עס האָט זיך אים איצט אויסגעדוכט, אַז ער וואַנדערט אַרום אויף אַ בית־הקברות, צווישן מצבות, אָבער אַלע נעמען זענען דאָרט אָפּגעמעקט...

נישט האָבנדיק קיין ברירה איז ער צוריק אַוועק צום צענטער פון שטאָט. ער איז געווען הונגעריק און נישט פאַרמאָגט אפילו קיין געלט אויף אַ גלאָז קאַפע אָדער טיי. טראָצדעם האָט ער באַשלאָסן אַריינצוגיין אין אַ קאַפע־הויז. דאָרט וועט ער זיך אָפּרוען און וואַרטן. אפשר וועט פאַרט זיך באַווייזן עמעצער פון זיינע אַמאָליקע פריינט אין דייטשלאַנד.

ער האָט זיך געזעצט ביי אַ זייטיק טישל, אַז דער קעלנער זאָל אים נישט באַמערקן. דער קעלנער האָט אים אָבער יאָ באַמערקט און צוגעקומען צו אים נאָך אַ באַ־שטעלונג.

— וואָס ווינטשט מיין הער?

לינקאָלן האָט נערוועז זיך אַרומגעקוקט, געכאַפּט אַ בליק אויף זיין זייגער און געזאָגט אין פאַרלעגנהייט:

— כ׳וועל אַביסל צוואַרטן... מיינע פריינט דאַרפן אַריינקומען צו יעדער מינוט...

דער קעלנער איז אַוועק און לינקאָלן איז זיכער געווען, אַז לאַנג וועט ער דאָ נישט קענען בלייבן זיצן. ער וועט ווידער מוזן אַרויס אין גאַס און זיך שלעפּן אויף זיינע מידע פיס אָן אַ ציל... און ווי ער האָט זיך ווידעראַמאָל אַרומגעקוקט איבערן קאַפע־הויז, האָט ער באַמערקט ביי אַ טישל אַ פעטלעכן מאַן און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז יענעמס פנים איז אים קענטלעך... ער האָט פּרובירט זיך דערמאָנען ווו ער האָט אַמאָל דעם מאַן געזען, אָבער איידער וואָס־ווען, האָט יענער אים אויך באַמערקט און אויפהויבנדיק זיך פון זיין זיץ־אָרט איז ער אַקעגנגעלאָפן צו לינקאָלנען מיט גרויס פרייד:

— לינקאָלן! לינקאָלן! וואָס מאַכען זי דאַהיר? און וואָרום באַהאַלט איר זיך אויס?

לויט זיין שטימע האָט טריביטש לינקאָלן דערקענט ווער דאָס איז. עס איז געווען הער דיטמאַר, דער שעף פון דייטשן שפּיאָנאַזש אין ענגלאַנד פאַרן קריג. איצט האָט לינקאָלן געוווסט פאַרוואָס עס איז שווער אים צו דערקענען. ער איז געוואָרן שטאַרק פעט, פאַרעלטערט און זיינע האָר זענען שוין אויך געווען גרוילעך...

— דיטמאַר! — האָט לינקאָלן איצט אויסגערופן אין אַ שטים, וואָס איז געווען געמישט פון איבעראַשונג און פרייד.

ביידע זענען זיך געפאַלן אויף די העלדזער.

— ווו זייט איר געווען אַלע יאָרן? — האָט דיטמאַר אים געפרעגט.

— ווייסט איר ווירקלעך נישט ווו איך בין געווען? — האָט לינקאָלן געפרעגט מיט אַ טאָן פון פאָרוווּרף.

— געוויס ווייס איך ווו איר זייט געווען!... — האָט דיטמאַר זיך צעלאַכט. — דאָס לעבן אין דער ענגלישער טורמע איז נישט געווען אַזוי באַקוועם, וואָס?

— ניין, ס׳איז נישט געווען באַקוועם... — איז לינקאָלן געווען באַליידיקט פון דער באַמערקונג.

— אויב אַזוי, פאַרגעסט די פאַרגאַנגענהייט, לינקאָלן... קומט און זעצט זיך ביי אונזער טישל. איר וועט זיך באַקענען מיט מיינע פריינט.

ער האָט אַ שלעפּ געטאָן לינקאָלנס אָרעם און אים צוגעפירט צו אַ טישל, וווּ עס זענען געזעסן נאָך פיר מענטשן. דיטמאַר האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר זיינע באַקאַנטע:

— דערלויבט מיר, מיינע הערן, פאָרצושטעלן פאַר אייך מיין פריינט טריביטש־לינקאָלן — האָט ער אָנגעוויזן מיט זיין האַנט אויף דעם אומגעריכטן גאַסט, און דערנאָך זיך געווענדעט צו לינקאָלנען — דאָס איז ד״ר האַלפּרייך... דאָס איז לויטענאַנט ערהאַרדט... דאָס איז מאַיאָר סטיפאַני און דאָס — מיין פריינט, דער לויטענאַנט פּאַבסט... איך בין זיכער, לינקאָלן, אַז איר האָט וועגן זיי אַלעמען געהערט...

— זעלבסטפאַרשטענדלעך!... — האָט לינקאָלן געשאָקלט מיטן קאָפּ. — כ׳האָב וועגן אַלעמען פיל געהערט...

— אַלזאָ, זיצט, לינקאָלן... וואָס ווילט איר טרינקען? אַ גלאָז מאַרטיני? רהיין־ווין אָדער בערלינער קאַפע?

לינקאָלן האָט אַ שמייכל געטאָן. נישט די אויסגערעכנטע געטראַנקען האָבן אים איצט דערפרייט, נאָר דאָס וואָס ער האָט געפונען אַן אויסלייזער. זיין מאָגן איז ליידיק און צוערשט מוז ער זיך גוט אָנעסן. נאָך אין זיין טאַטנס הויז האָט ער זיך געלערנט, אַז ער טאָר קיינמאָל זיך נישט מייאש זיין. ווען די פאַרצווייפלונג ווערט גאָר גרויס, דאַן מוז קומען די הילף, אָדער אַ נס...

— איך וויל אַ בערלינער קאַפע און שטרודל. — האָט לינקאָלן געזאָגט.

אין דער אמתן האָט לינקאָלן קיינמאָל נישט געהערט די נעמען פון דיטמאַרס באַקאַנטע. די טורמע אין ענגלאַנד האָט ביי אים איבערגעריסן יעדן קאָנטאַקט מיט דער וועלט. אָבער כדי געפעלן צו ווערן דיטמאַרן, און ווען ער האָט זיך איצט גאָר שטאַרק געניטיקט, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט וועגן די פיר דייטשן אַ סך געהערט.

ערשט אין פאַרלויף פון דעם ווייטערדיקן געשפּרעך האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ער זיצט אין דער געזעלשאַפט

פון אַ גרופּע מאַנאַרכיסטן. דער לויטענאַנט ערהאַרדט איז געווען דער קאָמאַנדיר פון אַ נייער בריגאַדע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויף זיין נאָמען. דאָס איז געווען אומ־געזעצלעך, ווייל לויט דעם אָפּמאַך פון ווערסאַיל האָבן די באַזיגטע דייטשן נישט געטאָרט האָבן קיין שום מיליטער, אויסער די הונדערט טויזנט סאָלדאַטן צו היטן די גרענעצן. די דייטשן האָבן אָבער נישט געוואָלט פאָלגן דאָס וואָס די קאָאַליציע־מלוכות האָבן דיקטירט, און ערהאַרדט האָט נישט געוואָלט אויפלייזן זיינע מיליטער־אָפּטיילונגען, נאָכדעם ווי דייטשלאַנד האָט אַזוי מיאוס פאַרלוירן דעם קריג.

שוין דעמלט, אין 1919, האָט מען געקענט זען ווי איבער די גאַסן פון בערלין און אויך אין אַנדערע שטעט שפּאַצירן אַרום דייטשן אין אוניפאָרמען מיט מעדאַלן אויף זייערע ברוסטן און זינגען פּאַטריאָטישע לידער. ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן פאַרלאַנגט, אַז דייטשלאַנד זאָל אַנטוואָ־פענען אַלע מיליטערישע איינהייטן, וואָס זענען נאָך גע־בליבן, אָבער די דייטשן האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז זיי קענען דאָס נישט טאָן אָן בלוט־פאַרגיסונג... און עס איז דאָך אויסגעשלאָסן אַז איין דייטש זאָל שיסן אויף אַ צווייטן... עס איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז צוליב דעם זאָל אויסברעכן אַ בירגער־קריג.

לויטענאַנט ערהאַרדט האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער ווייסאַר־רעפּובליק, וואָס איז געקומען נאָך דער אַבדיקאַציע פון קייזער ווילהעלם. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפ־גאַבע ווידער אויפצושטעלן אַ מעכטיק דייטשלאַנד, ווי אין די אַלטע צייטן.

וועגן אַט־דער שטרעבונג האָט מען אָפן גערעדט אין דער אָנוועזנהייט פון לינקאָלנען. די דייטשע מאַנאַרכיסטן האָבן נישט געפונען פאַר נויטיק זיך צו היטן פאַר אים. גאַנץ דייטשלאַנד האָט דעמלט געוווסט, אַז די דייטשע פּאַט־ריאָטן, די געוועזענע מיליטערלייט, גרייטן זיך צו אַן אויפ־שטאַנד קעגן דער ווייסאַר־רעגירונג. כאָטש מען האָט גע־רעדט וועגן דעם אָפן, האָט אָבער קיינער נישט געגלויבט, אַז דאָס קען דורכגעפירט ווערן.

— איך גלויב — האָט זיך אָנגערופן דער דייטש פּאַבסט — אין אַ פייערלעכן טאָן — אַז עס איז געקומען די צייט צו מאַכן די רעוואָלוציע! דאָס דייטשע פאָלק איז מיט אונז און אַלע ערלעכע פּאַטריאָטן זענען שוין מיד און אַנטוישט פון אונזערע סאָציאַליסטישע פּאַרטעער, וואָס פירן־אָן מיט דער רעגירונג!

— איך בין נאָך נישט זיכער צי די צייט איז שוין רייף פאַר אַ נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע... — האָט אים איבערגע־שלאָגן ד״ר האַלפּרייך.

ער האָט, אין קעגנזאַץ צו פּאַבסטן, גערעדט געלאַסן און שטיל, און צו זיינע ווערטער האָבן די אַרומיקע ביים טישל זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, און די אויפמערקזאַמקייט איז אים געקומען, ווייל ער איז געווען דער דירעקטאָר פון דער דייטשער רייכסבאַנק און פון אים זענען געווען אָפּהענגיק די אַלע דייטשע „רעוואָלוציאָנערן״, וואָס האָבן זיך געגנויטיקט אין פינאַנציעלער שטיצע און געמוזט אָנקומען צו זיין באַנק.

— אַנטשולדיקט מיין פריינט, ד״ר האַלפּרייך! — האָט פּאַבסט זיך געהאַלטן ביי זיין שטאַנדפּונקט. — איך קען די עפנטלעכע מיינונג אין לאַנד און איך ווייס, אַז דאָס פאָלק פאָדערט אַ ניי דייטשלאַנד, אַ שטאַרק דייטשלאַנד און נישט אַזאַ ווי עס פירט אָן די סאָציאַליסטישע רעגירונג...

פּאַבסט האָט גערעדט ווי אַן עקספּערט. ער איז דאָך געווען דער גרינדער פון דער „נאַציאָנאַלער פּאַרייניקונג״, וואָס האָט אַריינגענומען פאַרשידענע עלעמענטן אין דייטש־לאַנד, אָבער די מערהייט זענען דאָרט געווען די רעאַק־ציאָנערן, וועלכע האָבן געוואָלט וואָס שנעלער צוריקקריגן מאַכט און פּרעסטיזש אין אייראָפּע. אָט־דער עלעמענט איז באַשטאַנען אויך פון די אונטערשטיצער פון קייזער ווילהעלם און פון דער אַרמיי.

— פילייכט זייט איר גערעכט, העד פּאַבסט! — האָט ד״ר האַלפּרייך זיך אָנגערופן. — דאָס פאָלק וויל אַן אַנדערע רעגירונג, אָבער פאַרוואָס זאָלן מיר פאַרגיסן אומזיסט בלוט?

לאָמיר וואַרטן ביז צו נייע וואַלן און מיר וועלן קענען איבערנעמען די רעגירונג אויף אַ געזעצלעכן וועג...

— דאָס נאַרן מיר זיך אַליין! די פּאַרטייען אין דער איצטיקער רעפּובליק זענען נישט פאַרינטערעסירט אין קיין שנעלע וואַלן — האָט זיך אַריינגעמישט דיטמאַר. — זיי וועלן אָפּשלעפּן די וואַלן, ווייל זיי ווייסן, אַז דאָס פאָלק וועט זיי אַרויסטרייבן פון דער רעגירונג...

— גערעכט איז דיטמאַר! — האָט איצט זיך אָנגערופן סטיפאַני. — די פּאַרטייען, וואָס זענען איצט אין דער רעגי־רונג, וועלן אַזוי מאַנעווורירן, אַז עס זאָל אַזוי שנעל נישט קומען צו קיין וואַלן... וועגן וואָס איך בין באַזאָרגט איז דאָס: די קאָאַליציע־לענדער וועלן נישט איינשטימען, אַז מיר זאָלן צוריק אַרויפזעצן אויפן טראָן דעם קייזער...

— איר זייט גערעכט! — האָט פּאַבסט געזאָגט — מיר מוזן איבערצייגן דעם קייזער, אַז ער זאָל אויפגעבן זיין פאַרלאַנג צוריקצוקומען צום טראָן. זאָל ער איבערגעבן די מאַכט צו זיין זון, אָדער אייניקל...

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט ביים טיש. קיי־נער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, אָבער עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלע זענען איינשטימיק מיט פּאַבסטן. עס וועט זיך מוזן עמעצער געפינען, וואָס זאָל האָבן דעם מוט און אויך די איבערצייגונגס־קראַפט איבערצורעדן דעם קייזער ער זאָל אויפגעבן זיינע אַמביציעס. מיט דעם קייזער קען מען אַזוי שנעל נישט פאַרטיק ווערן. דייטשלאַנד איז טאַקע געשלאָגן און באַזיגט, אָבער נישט ער, ווילהעלם דער צווייטער! אין אים האָט נאָך געקאָכט דער באַגער נאָך נקמה, באַזונדער צו די ענגלענדער... „דער ענגלישער דאָק־טאָר האָט טאַקע פאַראַליזירט — נאָך ביי מיין געבורט — מיין לינקע האַנט, אָבער מיין רעכטע האַנט איז נאָך שטאַרק! איך וועל זיי ווייזן, די ענגלענדער!" — אַזוי האָט געטראַכט ווילהעלם דער צווייטער, דער געוועזענער דייטשער קייזער, וואָס איז אַנטלאָפן קיין האָלאַנד און געוואַרט מען זאָל אים צוריקגעבן דעם דייטשן טראָן...

עס האָט אויסגעזען, אַז צווישן די פינף דייטשן ביים

טישל, וואָס זענען גרייט געווען אָנצוהויבן אַ רעוואָלוציע, האָט זיך בישט געפונען קיין איין געוואַגטער מאַן, וואָס זאָל זיך אונטערנעמען צו ווירקן אויפן קייזער ער זאָל אויפגעבן זיינע חלומות...

אין יענעם מאָמענט האָט פּלוצים לינקאָלן גענומען אַ וואָרט אין דער דעבאַטע. ער איז שוין געווען אַביסל זאַט. די שמערצן אין מאָגן זענען אַוועק. דאָס טעפּל קאַפּע איז געווען אויסגעטרונקען, דער קוכן — אויפגעגעסן, און ער איז געווען אַ נייער מענטש.

לינקאָלן האָט פון דעם קורצן געשפּרעך אויפגעכאַפּט דאָס גאַנצע פּראָבלעם. ער האָט געוווסט גענוי צו וואָס די באַזיגטע דייטשן גרייטן זיך...

— מיינע הערן! — האָט לינקאָלן זיך אָנגערופן מיט אַ הילכיקער שטימע. — מיר אַלע זענען דאָ היינט איינ־שטימיק, אַז די גלעקער פון דער רעוואָלוציע קלינגען שוין! דאָס פאַטערלאַנד וואָרט אומגעדולדיק, אַז מען זאָל עס אויס־לייזן פון דער גרופּע פאַרעטער, וואָס זיצן אין דער ווימאַר־רעגירונג און טרייבן דאָס דייטשע פאָלק צו אומקום...

ער איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט שטאַרק אַקצענטירט דאָס וואָרט „פאַטערלאַנד”, אַזוי אַז נישט בלויז ער, נאָר די ארומיקע ביים טישל האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז נישט קיין דייטש, נאָר אַ ייד, געבוירן אין אונגאַרן...

לינקאָלן האָט באַמערקט, אַז זיינע רייד האָבן געמאַכט אַן איינדרוק, האָט ער איצט זיך צוגעבויגן צו זיינע צוהערער עטוואָס נעענטער און גערעדט שטיל, ווי ער וואָלט איינגע־רוימט אַ סוד:

— די פראַגע איז איצט, ווען גענוי מיר דאַרפן אָנהויבן דעם אויפשטאַנד... זענען מיר ווירקלעך אַלע זיכער, אַז די צייט איז שוין רייף? איר אַלע האָט דאָ גערעדט וועגן דעם קייזער... דאָס איז איין פּראָבלעם. אָבער וואָס הערט זיך מיט די קאָאַליציע־מלוכות? וואָס וועט זאָגן רוסלאַנד, אַ שטייגער? און ווי וועט דערויף קוקן ענגלאַנד? וואָס וועט פּאַסירן דאַן, ווען מיר וועלן שיקן אונזערע סאָלדאַטן איינ־

צונעמען בערלין און די קאָאַליציע־רעגירונגען וועלן זאָגן, אַז דערמיט האָבן מיר געבראַכן דעם ווערסאַיל־פּאַקט און גלייך וועלן זיי אַריינשיקן זייערע ארמייען אָפּצושטעלן די רעוואָלוציע?

לינקאָלן האָט גערעדט איבערצייגנד, דיפּלאָמאַטיש, וואָס זעט זאַכן ווייטער פון זיין נאָז. אַזוי יעדנפאַלס האָט וועגן אים געטראַכט ערהאַרדט, ווייל ער האָט גלייך צוגעגעבן:

— לינקאָלן רעדט גאָר זאַכלעך! מיר מוזן טאַקע ערנסט זאָרגן וועגן דעם, וואָס עס וועלן זאָגן רוסלאַנד און ענגלאַנד.

— וואָס אַנבאַלאַנגט רוסלאַנד, וועלן מיר דורכקומען!

— האָט פּאַבסט געזאָגט. — איר אַלע ווייסט ווי פיינט איך האָב די באָלשעוויקעס אָבער אויב עס וועט נויטיק זיין, וועלן מיר מוזן קומען צו אַן אויסגלייך... מיך אַרט נישט, אַז מיר זאָלן אַפילו דאַרפן שליסן אַ בונד מיט דעם טייוול, אַבי צו באַפרייען דייטשלאַנד. די צוויי געקריוודעטע לענדער אין אייראָפּע, רוסלאַנד און דייטשלאַנד, וועלן שטענדיק קענען קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג...

— און וואָס איז וועגן ענגלאַנד? — האָט ד״ר האַלפּרייך געפרעגט.

— כ׳האָב אַן אויסגעצייכנטן פאָרשלאַג! — האָט דיטמאַר זיך אָנגערופן. — נישטאָ היינט אין דייטשלאַנד קיין מער פּאַסיקער פּערזאָן ווי לינקאָלן, וואָס זאָל אונז קענען העלפן אין דער הינזיכט...

אַלע האָבן איצט אויסגעדרייט זייערע בליקן צו דעם מאַן, וועמען זיי האָבן ערשט היינט אָוונט צום ערשטן מאָל דערזען. לינקאָלן אַליין האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שפּור פון אויפרעגונג, אָדער גערירטקייט, וואָס מען איז גרייט איבערצוגעבן אין זיינע הענט דעם שיקזאַל פון דייטשלאַנד... ער האָט אויך נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט ווען דיטמאַר האָט אים ווייטער געלויבט.

— לינקאָלן איז דאָך געווען אַ מיטגליד אין ענגלישן פּאַרלאַמענט! — האָט דיטמאַר ווייטער גערעדט. — איך האָב זיך באַקענט מיט אים אין יענער צייט אין לאָנדאָן... ער איז

באַפּריינדעט מיט לאָיד דזשאָרדזש און ווינסטאָן טשערטשיל... ער האָט גלענצנדע פאַרבינדונגען און מען דאַרף אים אָנפאַר־טרויען די מיסיע, אויב ער וועט זי וועלן אָננעמען...

צי די אַרומיקע ביים טישל האָבן געוווּסט, אַז לינקאָלן איז געזעסן דריי יאָר אין אַן ענגלישער טורמע, צי זיי האָבן דאָס נישט געוווּסט — יעדנפאַלס, זיי האָבן נישט רעאַגירט אויף דיטמאַרס פאָרשלאָג. זייער שווייגן האָט אָבער באַדייט, אַז זיי האָבן גאָרנישט דאַקעגן. דעריבער איז איצט געווען לינקאָלנס ריי עפּעס צו זאָגן:

— עס וועט פאַר מיר זיין אַ גרויסער כבוד, אויב איר וועט מיר איבערגעבן אַזאַ מיסיע... די אויפגאַבע איז אַ פאַר־אַנטוואָרטלעכע און דיטמאַר איז גערעכט, אַז איך האָב די נויטיקע פאַרבינדונגען... איך קען פערזענלעך זייער גוט לאָיד דזשאָרדזשן, דעם בריטישן פּרעמיער, און איך וועל געוויס מיט אים דאַרפן רעדן פערזענלעך וועגן דייטשלאַנדס שיקזאַל...

לינקאָלן האָט פאַרהוילן פון זיי, אַז מען האָט אים אַרויס־געטריבן פון ענגלאַנד און אַז ער האָט פאַרלוירן די ענגלישע בירגערשאַפט. ער אַליין האָט אָבער נישט געצווייפלט אויף איין מאָמענט, אַז מען וועט אים געבן אַ דערלויבעניש אַריינצופאָרן קיין לאָנדאָן. ער נעמט דאָך עפּעס אָן אַן אָפיציעלע דיפּלאָמאַטישע מיסיע און ענגלאַנד דאַרף זיין פאַראינטערעסירט אין דעם!

לינקאָלן האָט געוווּסט, אַז די ענגלענדער זענען דזשענ־טלמענער. צוליב דיפּלאָמאַטיע בעטן זיי זיך איבער מיט די נעכטיקע ביטערסטע שונאים און זיי פאַרגעסן די צרות, וואָס דער קעגנער האָט זיי פאַרשאַפט...

לינקאָלן האָט מיט געציילטע ווערטער געווונען דעם צוטרוי פון די אַרומיקע ביים טישל.

— אויב אַזוי — האָט פּאַבסט זיך אָנגערופן — שלאָג איך פאָר, אַז הער לינקאָלן זאָל גלייך זיך טרעפן מיטן קייזער און באַהאַנדלען מיט אים דאָס צוויטע פּראָבלעם...

— איך שליס זיך אָן צו דעם פאָרשלאָג — האָט סטעי־פאַני אויסגערופן. — און איך אַליין וועל אויף זיך נעמען

די אויפגאַבע צו פֿאַרמיטלען מיט די רוסן... אויב הער לינ־קאָלן וועט אונז קענען גאַראַנטירן די נייטראַליטעט פֿון ענגלאַנד, קענען מיר פּראָקלאַמירן די רעוואָלוציע אָן אָפּ־האַלט...

קאַפּיטל צוואַנציק

ערשט מיט איין טאָג פֿריער איז לינקאָלן געווען אַ הונגעריקער, היימלאָזער מענטש אין אַ פֿרעמדער שטאָט, אָבער היינט איז ער פֿאַרעכנט געוואָרן אַלס איינער פֿון די וויכטיקסטע פֿיגורן אין דעם נאָכמלחמהדיקן דייטשלאַנד. ער איז געוואָרן איינער פֿון די הויפּט־פּראָפּאַגאַנדיסטן אָנ־צוהייבן באַלד אַ נאַציאָנאַלע איבערקערעניש אין דייטש־לאַנד. ער האָט גערופֿן די דייטשן צו צעשמעטערן די רע־פּובליק און אומצוקערן דעם טראָן.

טריביטש־לינקאָלן איז איצט געווען אַ פֿירער ביי די דייטשן. אין דער פּרעסע האָט מען נאָך וועגן אים נישט געשריבן, אָבער אַזוי פֿירט זיך שוין אין אַ צייט, ווען מען גרייט־צו אַ רעוואָלוציע. אַלץ ווערט געטאָן אין דער שטיל, אונטערערדיש. לינקאָלן אַליין האָט אויסגעמיטן עפֿנטלעכע רעקלאַמע און אָנערקענונג, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז זיינע אויפֿטוען זאָלן קומען ווי אַן איבעראַשונג פֿאַר דער גאַנצער וועלט און גראָד אין יענעם טאָג, ווען מען וועט זיך נישט ריכטן דערויף.

און ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ פֿאָלקס־פֿאַרשטייער, האָבן די דייטשע נאַציאָנאַליסטן פֿאַר אים געדונגען אַ לוקסוס־אַפּאַר־טאַמענט אין דעם פּרעכטיקן האָטעל „אַרלאָן”. עס האָט אים איצט אויך נישט געפֿעלט קיין געלט.

די וואָס האָבן פּלאַנירט אַ מאָנאַרכיסטישע איבערקע־רעניש האָבן געהאַט ריזיקע פֿאָנדן, וואָס זיי האָבן צונויפֿ־געזאַמלט ביי אַלע דייטשן, וואָס האָבן געבענקט צוריק נאָך דעם קייזער ווילהעלם און דער אַמאָליקער אַרמיי. איינער פֿון די גרעסטע באַשטייערער צו דעם פֿאָנד איז געווען הוגאָ

סטינעס, דער רייכער דייטשער אינדוסטריעלער. ער אַליין האָט געגעבן צוויי מיליאָן מאַרק. אויך אַנדערע אינדוסטריע־לער זענען געווען גרויסמוטיק.

אין איינעם פון די סעפּטעמבער־טעג אין יאָר 1919 איז טריביטש לינקאָלן געשטאַנען פאַר דעם שפּיגל אין זיין האָטעל־וווינונג. עס איז געווען קורץ פאַר זיין רייזע צום דייטשן קייזער.

ער האָט געקוקט אין שפּיגל און ממזריש אַ ווונק־געטאָן מיט אַן אויג. לינקאָלן, וואָס איז פונדאָסניי געבוירן געוואָרן, האָט איצט סאַלוטירט דעם נעכטיקן לינקאָלן, דעם אומ־גליקלעכן, דעם היימלאָזן... אַ ניי בלאַט האָט זיך געעפנט אין דעם בוך פון זיין לעבן — האָט ער ביי זיך געטראַכט — און עס איז סימבאָליש, וואָס דווקא היינט, ווען ער הויבט אָן זיין נייע רייזע, פאַלט גראָד אויס ערב ראש השנה און עס איז אויך זיין געבורטס־טאָג... ער ווערט שוין פערציק יאָר אַלט. און וואָס האָט ער דען באַוויזן ביז היינט אויפ־צוטאָן? גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט די אונטערנעמונגען, וואָס ער גרייט זיך איצט דורכצופירן... צווערשט וועט ער מאַכן די איבערקערעניש אין דייטשלאַנד, דערנאָך וועט ער פאַרניכטן ענגלאַנד און שפּעטער וועט שוין סיי־ווי די גאַנצע וועלט זיין פאַר אים אָפן...

די דערמאָנונג, אַז ס'איז היינט זיין געבורטס־טאָג האָט אַרויפגעבראַכט אויפן זכרון זיין היים־שטעטל פּאַקס. וואָס טראַכט וועגן אים זיין אַלטער פאָטער? און אפשר טראַכט ער קיינמאָל נישט וועגן אים, נאָר ער צינדט אָן יעדעס יאָר אַ יאָרצייט־ליכט נאָך אים, ווי נאָך אַ געשטאָרבענעם? עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ווען זיין פאַרביטערטער פאָטער ווייסט, אַז זיין זון יצחק בן נתן טריביטש איז איצט אַ גאַנצער קנעפּל שבקנעפּל מיט דעם דייטשן קייזער, וואָלט ער אים אַלע פריערדיקע זינד מוחל געווען...

די עקספּרעס־באַן, אין וועלכער לינקאָלן האָט זיך גע־פונען, איז געלאָפן אין דער ריכטונג פון עמירונגען, אין האָלאַנד. דאָרט האָט ווילהעלם דער צווייטער אָפּגעריכט גלות. אויפן וואָקזאַל זענען אויך געווען צוויי באַגלייטער:

דיטמאַר און פּאַבסט. זיי האָבן לינקאָלנען געוווּנטשן דער־פאָלג אין זיין מיסיע און געבעטן, אַז ער זאָל זיי גלייך טעלעפאָנירן נאָכן אָנקומען אין האָלאַנד.

אין אָוונט איז ער אָנגעקומען אין הויז פון קייזער ווילהעלם דעם צווייטן, אָבער צו זיין גרויסער דערשטוינונג, איז ער ניט אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ פּאָמפּע ווי ער האָט דערוואַרט. דער דייטשער קייזער האָט אים ניט אָפּגע־וואַרט אויף דער שוועל פון זיין הויז און עס האָט זיך אים אפילו אויסגעדוכט, אַז מען האָט זיך אפילו ניט געריכט אויף אים...

אַ הויז־באַדינער איז אַרויסגעקומען און געפרעגט זיין נאָמען און ער איז פאַרשוווּנדן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער זיך ווידער באַוויזן און געפרעגט וואָס ער וו,ינטשט... ווען לינקאָלן האָט געזאָגט, אַז ער וויל רעדן מיט דעם קייזער, איז דער באַדינער ווידער ארויס פון צימער. ער איז ווידעראַמאָל צוריקגעקומען און געמאָלדן, אַז דער קייזער איז ניט גרייט מיט אים צו רעדן, אָבער זיין אַדיוטאַנט וועט אויף אים וואַרטן אין דעם נאָענטסטן רעסטאָראַן אין אַ האַלבער שעה אַרום...

אין יענעם מאָמענט האָט לינקאָלן קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז דער קייזער ווייסט גענוי וואָס די מאָנאַרכיסטישע קרייזן אין בערלין האָבן פון אים געוואָלט... איינער פון זיינע געטרייע אַגענטן האָט אים נאָך פריער אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע, אַז מען גרייט זיך אַהינצושיקן צו אים דעם שליח לינקאָלן ער זאָל ביי אים ווירקן, אַז ווילהעלם זאָל מער ניט האָבן קיין פּרעטענזיעס אויף דער דייטשער מלוכה...

דער אַגענט, וועלכער האָט אים באַצייטנס געלאָזט וויסן טעלעגראַפיש וועגן אַזאַ באַשלוס, איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דיטמאַר אַליין... און די, וועלכע זענען מיט אים געזעסן ביי איין טישל אין דעם קאַפע־הויז, האָבן די מינדעסטע אַנונג ניט געהאַט, אַז דיטמאר איז דער לאָיאַ־לער אַגענט פון קייזער ווילהעלם דעם צווייטן...

דער געשפּרעך צווישן דעם קייזערס אַדיוטאַנט און

לינקאָלנען האָט נישט געפירט צו קיין רעזולטאַטן. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דער קייזער וועט זיך נישט פאַרפליכטן צו קיין זאַך און ער וועט אַוודאי נישט אויפגעבן זיין פּרעטענזיע אויפן טראָן. ווילהעלם דער צווייטער האָט באַשלאָסן פון זיין גלות אין האָלאַנד צו באַאָבאַכטן די פּאַסירונגען אין דייטשלאַנד און ערשט דערנאָך וועט ער נעמען אַ שטעלונג מיט וועלכן צד ער זאָל גיין...

אָבער דערפאַר האָט דער דייטשער קרוינפּרינץ אויפגענומען לינקאָלנען גאָר פריינטלעך. צוויי שעה האָט געדויערט דער געשפּרעך צווישן זיי. דער קרוינפּרינץ אַליין איז געווען מיט דער זעלבער מיינונג וואָס די מאָנאַרכיסטישע לייט, אַז עס איז מער נישט געוווּנטשן, אַז זיין פאָטער ווילהעלם דער צווייטער זאָל זיך אומקערן צום טראָן, ווייל ענגלאַנד וועט דאָס נישט דערלויבן... אָבער פון דער אַנדערער זייט — איז דער קרוינפּרינץ געווען זיכער — אַז ער אַליין מעג יאָ זיך אַרויפזעצן אויפן קייזערלעכן טראָן אין בערלין, ווייל וואָס קענען דען ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך האָבן צו אים? ער האָט דאָך נישט געפירט קיין מלחמה קעגן דער וועלט...

ווען לינקאָלן האָט שפּעטער זיך געזעגנט מיט דעם דייטשן קרוינפּרינץ, איז ער גלייך אַוועק אין אַ פּאָסט־אַמט און אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו די מאָנאַרכיסטישע פירער אין בערלין מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „דער קייזער וויל נישט אויפגעבן דעם טראָן, אָבער דער קרוינפּרינץ איז גרייט צו פאָלגן אונזערע אינסטרוקציעס...”

צומאָרגנס האָט אין דער ענגלישער פּרעסע זיך באַוויזן אַ סענסאַציאָנעל שטיקל נייעס. די נייעס האָט מיט שרייענדיקע קעפּ געמאָלדן: „די מאָנאַרכיסטישע קרייזן אין דייטשלאַנד פּלאַנירן צוריקצוברענגען דעם קייזער... לינקאָלן, זייער פאָרשטייער, פירט אונטערהאַנדלונגען מיט ווילהעלם דעם צווייטן...”

דער קוואַל פון דער סענסאַציאָנעלער נייעס איז געווען אין בערלין. ווער האָט געקענט אַרויסשיקן אַזאַ העכסטגעהיימע ידיעה פון דער דייטשער הויפּטשטאָט? ווער האָט

צוגעשטעלט די אינפאָרמאַציע צו דער לאָנדאָנער פּרעסע? אַלע אויספאָרשונגען אין די מאַנאַרכיסטישע קרייזן אין בער־לין האָבן צו קיין רעזולטאַטן נישט געפירט. דער וואָס האָט אַרויסגעגעבן די נייעס איז נישט געפונען געוואָרן.

אָבער לינקאָלן אַליין האָט געהאַט ווייניק פאַרדרוס פון דער זאַך. פאַרקערט, ער האָט צומאָרגנס זיך געטראָפן מיט איינעם פון די גאָר הויכע רעגירונגס־באַאַמטע אין דער ענג־לישער אַמבאַסאַדע אין פּאַריז. דער הויכער באַאַמטער, מאַיאָר רייען, איז געווען דער פאָרשטייער פון ענגלישן אויסערן־מיניסטעריום. אַזוי ווי לינקאָלן האָט נישט געטאָרט אַריינ־קומען קיין ענגלאַנד, האָט מאַיאָר רייען זיך געטראָפן מיט אים אין פּאַריז. לינקאָלנס פּרעסטיזש איז אין ענגלאַנד שטאַרק געוואקסן צוליב דער נייעס וועגן זיינע אונטער־האַנדלונגען מיט דעם קייזער. איצט האָט דער ענגלישער דיפּלאָמאַט געוווסט, אַז ווען ער רעדט מיט לינקאָלנען, פירט ער אונטערהאַנדלונגען דירעקט מיט דעם פאָרשטייער פון דעם איצטיקן דייטשלאַנד...

— איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער וויכ־טיקייט פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע אין דעם הייטיקן דייטשלאַנד! — האָט טריביטש לינקאָלן געזאָגט צום ענג־לענדער אין אַ טאָן ווי די רעוואָלוציע וואָלט שוין געווען אַ פאַקט — דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק שטייט איצט הינטער די מאָנאַרכיסטן און שטיצט זיי!

לינקאָלן האָט זיך באַמיט צו איבערצייגן דעם ענגלענ־דער, אַז די מאָנאַרכיסטן וועלן צעשמעטערן די סאָציאַליס־טישע רעגירונג אָן ווידערשטאַנד און באַזונדערס איצט, ווען דער עקאָנאָמישער חורבן ווערט גרעסער פון טאָג־צו־טאָג. אויב די מאָנאַרכיסטן וועלן נישט פאַרכאַפּן די מאַכט וועלן דאָס טאָן די קאָמוניסטן. און וואָס וועט זיין בעסער פאַר ענגלאַנד, אַ מאָנאַרכיסטישער צי אַ באָלשעוויסטישער רעזשים אין דייטשלאַנד?

— אויב ענגלאַנד וויל אַ סטאַבילע לאַגע אין אייראָפּע — האָט לינקאָלן געזאָגט — מוז מען קודם כל פּטור ווערן פון דער ווייַמאַר־רעפּובליק... נאָר דייטשלאַנד קען איצט

ווערן אַ דאַמבע אין אייראָפּע קעגן דער אויסשפּרייטונג פֿון באָלשעוויזם...

מאַיאָר רייען האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט לינקאָלנען און צום סוף איס געזאָגט, אַז ער וועט די אַלע פֿאָרשלאָגן איבערגעבן צו דעם אויסערן־מיניסטעריום אין לאָנדאָן, ווייל ער אַליין קען אים דאָ אויפֿן אָרט קיין ענטפֿער נישט געבן.

— איך פֿאַרלאַנג נישט קיין באַלדיקן ענטפֿער דאָ פֿון אייך — האָט לינקאָלן געזאָגט. — אַלץ וואָס מיר ווילן איז, אַז איר זאָלט באַאיינפֿלוסן לאָיד דזשאָרדזשן, אַז ער מוז אונז העלפֿן... אָדער צום ווינציקסטנס בלייבן נייטראַל און זיך נישט מישן, ווען מיר וועלן אָנהויבן מאַכן אָרדענונג אין אונזערע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן... עס איז פֿאַר דער טובה פֿון ענגלאַנד...

מאַיאָר רייען האָט געשמייכלט. ער האָט זיך אַמוזירט ביי דער בלויזער דערמאָנונג, אַז אָט־דער מענטש, וואָס רעדט מיט אַזאַ פּאַטריאָטישן פֿייער וועגן „זיין דייטשלאַנד", איז ערשט מיט פֿיר יאָר צוריק געווען אַ מיטגליד אין ענג־לישן פּאַרלאַמענט. אין יענער צייט איז ענגלאַנד געווען זיין נייע היים. היינט איז דייטשלאַנד „זיין היים".

— איך וועל וועגן אונזער געשפּרעך מיטטיילן אונזער רעגירונג אין לאָנדאָן — האָט מאַיאָר רייען געזאָגט. — אָבער איין זאַך נעם איך זיך דאָס רעכט אייך צו זאָגן... אויב איר זאָלט מיך פֿאָלגן, וואָלט איר געדאַרפֿט טאָן אַלץ אין דער וועלט, אַז גענעראַל לודענדאָרף זאָל נישט זיין צווישן די פֿירער פֿון אייער רעוואָלוציע... זאָל ער בעסער דערווייל בלייבן אין שאָטן... דאָס איז אויך פֿאַר דער טובה פֿון דייטשלאַנד...

די רייד פֿון מאַיאָר רייען האָבן געטראָפֿן אין פּינטל אַריין. ער האָט געוווסט אויסגעצייכנט וואָס ער וויל און לינקאָלן האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די ענגלענדער זענען גוט אינפֿאָרמירט און ווייסן וואָס עס קאָכט זיך איצט אין בער־לין... הינטער די מאָנאַרכיסטישע רעוואָלוציאָנערן איז גע־שטאַנען דער פֿאַרהאַסטער גענעראַל לודענדאָרף און עס איז

געווען די געפאַר, אַז ער וועט אָנפירן מיט די אויפשטאַנד־לעגיאָנען קעגן דער ווײַמאַר־רעגירונג...

— אײַער אָנווייזונג, מאַיאָר רייען, געפעלט מיר אויס־געצייכנט — האָט לינקאָלן זיך אָנגערופן. — אויך איך האַלט, אַז גענעראַל לודענדאָרף זאָל דערוויַיל בלייבן הינטער די קוליסן... איך אַליין וועל אַזאַ פאָרשלאַג מאַכן דעם גענעראַל...

ווען דער געשפּרעך האָט זיך געענדיקט, האָט לינקאָלן אַרויסגעשיקט קיין בערלין אַ צווייטע טעלעגראַמע: „דער געשפּרעך מיט דעם מאַיאָר איז געווען דערפאָלגרייך. ענג־לאַנדס נייטראַליטעט איז געזיכערט..."

לינקאָלן האָט זיך אומגעקערט קיין בערלין און איז באַלד געוואָרן אַן אינטימער פרײַנט פון גענעראַל עריך לו־דענדאָרף. גאַנצע אָוונטן האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען אין געשפּרעכן וועגן דײַטשלאַנדס צוקונפט, און אָפטמאָל, ווען עס איז געוואָרן גאָר שפּעט, איז לינקאָלן געבליבן נעכטיקן אין דעם גענעראַלס היים. דער דײַטשער מיליטערמאַן, דער גענעראַל פון ערשטן וועלט־קריג, האָט זיך נישט געקענט זעטיקן מיט די געשיכטעס פון דעם אַוואַנטוריסט... „לינקאָלן איז אַ מענטש מיט אַ גרויסער וויזיע!" — פלעגט ער זאָגן צו זײַנע פרײַנט. „ווען מיר וואָלטן געהאַט אַזעלכע צוויי לינקאָלנס, וואָלט דײַטשלאַנד צוריק געוואָרן אַ גרויסמאַכט..."

און פאַקטיש איז געווען עפּעס געמיינזאַמעס צווישן אָט די צוויי מענטשן. לודענדאָרף האָט באַוווּנדערט לינקאָלנס דערגרייכונגען און דערצו האָט ער אויך, נאָך דײַטשלאַנדס מפּלה, גענומען זיך אָפּגעבן מיט מיסטיק. דער געשלאָגענער גענעראַל האָט געוואָלט ראַטעווען דײַטשלאַנד דורך דער לערע פון מיסטיציזם. אַ נייעם סאָרט געצנדינסט האָט ער געוואָלט אײַנפירן ביי זײַנע דײַטשע גלויבנס־גענאָסען...

— איר פאַרשטייט, הער לינקאָלן? — האָט ער איינ־מאָל זיך אָנגערופן. — די וועלט מוז איצט קריגן אַ נייעם גלויבן, אַ נייע רעליגיע... ווען מיר זאָלן זיך קענען בלויז דערגרונטעווען צום ענדגילטיקן אמת...

דער גענעראַל האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ „בולדאָג" מיט אַ דאָפּלטער גאָמבע. די שטריכן זײַנע זענען געווען

גרויזאַמע, קאַלטע. אָבער די אויגן, וואָס האָבן אַמאָל געהאַט אין זיך אַ פייערדיקע שנאה צו דער וועלט, זענען איצט געווען פאַרחלומטע. דער באַזיגטער גענעראַל האָט געזוכט טרייסט אין מיסטיק.

— איך פאַרשטיי אייך אויסגעצייכנט, הער גענעראַל! — האָט לינקאָלן אונטערטעניק געענטפערט. — אונזער פּלאַץ דאַרף זיין אין אַ מאָנאַסטיר אין דעם ווייטן טיבעט... איך בין זיכער, אַז אַמאָל וועל איך פאַרווירקלעכן אָט־דעם חלום מיינעם צו זיצן אין אַ מאָנאַסטיר... וואָס אַנבאַלאַנגט אייך, הער גענעראַל, ווייס איך נישט... דייטשלאַנד מוז אייך האָבן און זי וועט זיך שטענדיק נויטיקן אין אייך...

לודענדאָרף איז געווען אַזוי פאַרליבט אין טריביטש־לינקאָלן, אַז ער האָט שטענדיק זיך געמוזט געפינען ביי זיין זייט. אפילו מיט דעם כבוד האָט ער זיך געטיילט מיט זיין פריינט. ווען די דייטשע רעגירונג האָט באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ פאַראַד איבער די גאַסן פון בערלין, האָט לודענדאָרף געשטעלט אַ באַדינג, אַז לינקאָלן מוז אויך קריגן דעם זעלבן כבוד אין דעם פאַראַד.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אין דעם ערשטן, געפוצטן אויטאָמאָביל אין דעם פּאַראַד זענען געזעסן: הינדענבורג, לודענדאָרף און הינטער זיי — גענעראַל פאָן ליטוויץ, דער דייטשער פעלדמארשאַל, דער קאָמאַנדיר גוסטאַוו באַוער און זיין געהילף — לינקאָלן...

דער המון האָט געשאַלט און געיובלט. ווען עס זענען פאַרבייגעפאָרן די באַזיגטע דייטשע גענעראַלן. אַן אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט, וועלכער האָט באַטראַכט דעם פּאַראַד, האָט זיך געווענדעט מיט אַ פראַגע צו זיינעם אַ פריינט:

— איך קען אַלע גענעראַלן דאָ, אויסער דעם פּראָפעסאָר מיט דעם קורצן בערדל און מיט די ברילן... ווער איז ער?

— זיין נאָמען איז טריביטש־לינקאָלן! — האָט יענער געענטפערט.

— ווער איז ער? כ'האָב קיינמאָל וועגן אים נישט געהערט!

— אויב אַזוי, פֿאַרצייכן זיין נאָמען, דו וועסט וועגן אים נאָך געניג זיך אָנהערן...

גענעראַל לודענדאָרף האָט געהאַלטן, אַז נאָר אַ „פּוטש", אַן איבערקערעניש אין דער רעגירונג קען צוריקשטעלן דייטשלאַנד אויף די פֿיס. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעגירונג פֿון עבערט און נאָסקע דערנידעריקן בלויז דאָס פֿאַטערלאַנד. לויט לודענדאָרפֿס מיינונג איז דייטשלאַנד נישט באַזיגט געוואָרן אויפֿן שלאַכטפֿעלד, נאָר דורך אַ מעסער־שטאָך פֿון אינעווייניק, דורך די „סאָציאַליסטישע פֿאַרעטער".

פֿונדעסטוועגן האָט ער פֿאַר דער טובה פֿון פֿאָטערלאַנד איינגעשטימט צו בלייבן דערווייל אין שאָטן. ער וועט זיך ערשט באַווייזן אויף דער סצענע, ווען די רעוואָלוציע וועט שוין זיין פֿאַרענדיקט און די זיגרייכע אַרמיי־אָפּטיילונגען וועלן אריינמאַרשירן קיין בערלין דורך דעם „בראַנדענבורגער טויער". אין דער שפּיץ פֿון מיליטער האָט געזאָלט שטיין גענעראַל פֿאָן ליטוויץ אַליין, דער אַרמיי־שעף פֿון דער וויימאַר־רעפּובליק, אָבער ער האָט געשטעלט איין באַדינג: אַז פֿריער מוז מען לאָזן וויסן וועגן דעם „פּוטש" דעם פּרעזידענט עבערט. דאָס האָט געהייסן, אַז דייטשלאַנדס פּרעזידענט האָט געמוזט פֿריער וויסן, אַז מען גייט פֿאַרכאַפּן די מאַכט...

— וואָס פֿאַלט אייך איין? — האָט לינקאָלן דיסקוטירט מיטן גענעראַל פֿאָן ליטוויץ. — ווי נאָר עבערט וועט וויסן וועגן דער פֿאַרשווערונג, וועט ער דאָך גלייך אַרויסשיקן זיין רעגירונגס־אַרמיי צו קעמפֿן קעגן די רעוואָלוציאָנערן...

לינקאָלן האָט נישט געקענט איבערצייגן דעם גענעראַל. די דייטשע „סיסטעמאַטישקייט" און „אָרדענונג" און „געהאָרכזאַמקייט" האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז די רעוואָלוציאָנערן זאָלן צוערשט לאָזן וויסן דער געזעצלעכער רעגירונג וועגן זייער געפּלאַנטער רעוואָלוציע...

און דאָס אומפֿאַרמיידלעכע איז געשען. ווי נאָר די וויימאַר־רעגירונג האָט זיך דערוווסט וועגן דעם געפּלאַנטן „פּוטש", איז באַלד אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפֿעל צו

אַרעסטירן די אָנפירער: פאָן ליטוויץ, פּאַבסט, לינקאָלן און די איבעריקע פאַרשווערער.

דערווייל האָט זיך באַוויזן אין דייטשלאַנד אַ נייע פיגור — ד״ר קאַפּ — און דער „פּוטש״ איז אָנגערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען.

ווער איז געווען אָט־דער ד״ר קאַפּ? דאָס איז געווען אַן עלטערער דייטש פון מזרח־פּרייסן. די אויפשטענדלער האָבן געזוכט אַ געשטאַלט, וואָס זאָל צוגעבן אַ געוויסן פּרעסטיזש זייער „רעוואָלוציע״. זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ ווירדיקע, צענטראַלע געשטאַלט, וואָס זאָל קענען ווערן דער צייט־ווייליקער דייטשער קאַנצלער נאָכן „פּוטש״, ביז וואַנען מען וועט קענען אַרויפזעצן דעם קרוינפּרינץ אויפן טראָן, און יענער זאָל קענען צוזאַמענשטעלן אַ סטאַבילע רעגירונג.

איינער פון די מאָנאַרכיסטישע פירער האָט פאָרגעשלאָגן דעם נאָמען ד״ר קאַפּ, כאָטש קיינער האָט וועגן אים פריער נישט געהערט. ד״ר קאַפּ אַליין איז באַגייסטערט געוואָרן פון דעם כבוד, וואָס דייטשלאַנד וויל אים צוטיילן און ער איז אָנגעקומען קיין בערלין. אַלץ איז געווען פיקס־און־פאַרטיק פאַר דער דייטשער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. מען האָט בלויז געדאַרפט באַשטימען די דאַטע.

דעם 9־טן מערץ, 1920, איז פאָרגעקומען אַ געהיימע זיצונג פון די אָנפירער פון „פּוטש״ אין דער וווינונג פון טריביטש לינקאָלן. אפילו גענעראַל לודענדאָרף האָט זיך אין דער זיצונג באַטייליקט „נישט אָפיציעל״. די פראַגע וואָס מען האָט באַהאַנדלט איז געווען: ווען זאָל דער „פּוטש״ זיך אָנהויבן?

נאָך אַ קורצער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן די דאַטע פון דעם 12־טן מערץ, 1920, עלף אַזייגער ביינאַכט. דער באַשלוס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן. דער סיגנאַל פאַר דער רעוואָלוציע איז געגעבן געוואָרן.

קאַפּיטל איין-און-צוואַנציק

טריביטש לינקאָלן איז געווען די ווילטיקסטע פיגור אין דעם „פּוטש". אין דער צייט ווען די מיליטערישע פירער, ווי פאָן ליטוויץ, פּאַבסט, ערהאַרדט און אַנדערע, האָבן זיך פאַרנומען מיט די מיליטעריש־סטראַטעגישע אָפּעראַציעס, איז לינקאָלן געווען דער קאָאָרדינאַטאָר, דער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן זיי אַלע און ער האָט אויך גערעדט אין נאָמען פון ד"ר קאַפּ. ער איז אויך באַשטימט געוואָרן אַלס דייטשלאַנדס פאָרשטייער פאַר דער אויסערלעכער וועלט, אַזאַ סאָרט נישט־אָפיציעלער אויסערן־מיניסטער.

לינקאָלן האָט געשריבן די פּראָקלאַמאַציעס און די אויפרופן וועגן פונאַנדערלאָזן דעם דייטשן רייכסטאַג און אויפשטעלן אַ נייעם דייטשן רייך... ער האָט אַפּעלירט צום דייטשן פאָלק, עס זאָל שטיין הינטער דער רעוואָלוציאָנער אַרמיי און באַפרייען דאָס פאָטערלאַנד פון דער ווייַמאַר־רעגירונג, וואָס האָט דאָס לאַנד פאַרשקלאַפט...

פונקט 11 אַזייגער אין אָוונט, דעם 12־טן מערץ, האָט זיך אָנגעהויבן דער מיליטערישער צוג אויף בערלין. די ווייַמאַר־רעגירונג האָט זיך דערשראָקן פאַר ד"ר קאַפּס אולטימאַטום, וואָס איז פאַקטיש געשריבן געוואָרן דורך טריביטש לינקאָלן, און די מיניסטאָרן מיט זייערע באַעמטע זענען אַנטלאָפן פון דער הויפטשטאָט. די דרייסיק טויזנט סאָלדאַטן, אונטער דער קאָמאַנדע פון ערהאַרדט, זענען זיכער געווען, אַז אין פאַרלויף פון געציילטע שעהן וועט די רעוואָלוציע זיין פאַרענדיקט. ד"ר קאַפּ האָט פאַרכאַפּט די רעגירונגס־געביידע. אויך לינקאָלן האָט דאָרט געקראָגן אַ באַזונדער ביוראָ, און איבער זיין טיר איז געהאָנגען אַ שילדל: „אינפאָרמאַציע מיניסטעריום... פאַראַנטוואָרטלעכער אָנפירער: טימאָטי טריביטש לינקאָלן..."

באַלד איז די רעגירונגס־געביידע באַלאַגערט געוואָרן פון הונדערטער אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן. יעדער איי־

נער האָט געוואָלט וויסן וועגן די פּלענער פון דער נייער רעגירונג. הונדערטער אינטערוויוען זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער וועלט־פּרעסע. אויסער דייטשלאַנד איז דער נאָמען פון ליבקאָלן געווען פּונקט אַזוי פּאָפּולער ווי דער נאָמען פון ד״ר קאַפּ, וואָס האָט דורכגעפירט די בלוטלאָזע רעוואָלוציע...

אָבער בלויז דורך פאַרכאַפּן די רעגירונגס־געביידעס איז נאָך נישט געקומען קיין סוף צו דער רעוואָלוציע. די לאַגע איז געווען שטאַרק פאַרנעפּלט... די רעגירונג פון עבערט און נאָסקע האָבן אָפּגעטאָן אַ קלוגע זאַך. זי האָט נישט געוואָלט אַרויסשיקן איר מיליטער און פאַרפירן אַ בלוטיקן בירגער־קריג. אַנשטאָט דעם האָט די רעגירונג איינגעלאַדן ערהאַרדטן צו דעם אַדמיראַל טראָטע, אַז ער זאָל מיט אים פאַרהאַנדלען. די רעגירונג האָט געוואָלט געווינען צייט, ווייל זי האָט געוווסט, אַז אַ פאַרשלעפּטער „פּוטש" מוז דורכפאַלן... אַ „פּוטש" קען זיין דערפאָלגרייך נאָר ווען עס איז אַ „בליץ־פּוטש"...

ערהאַרדט האָט, ווייזט אויס, נישט געלייענט די געשיכטע פון מלוכה־איבערקערענישן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז די צייט איז קעגן אים. פאַרקערט, דער העפלעכער אָנבאָט פון דער ווימאַר־רעגירונג צו פאַרהאַנדלען אויף אַ פרידלעכן וועג, איז אים גאָר געפעלן געוואָרן. דאָס איז פאַר אים געווען אַ באַוויז, אַז מען רעכנט זיך מיט אים... די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן לאַנגע שעהן אָן רעזולטאַט, ביז זיי זענען איבערגעריסן געוואָרן.

דערווייל האָט גענעראַל לודענדאָרף מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט ביים בראַנדענבורג־טויער אין בערלין, דורך וואַנען ער האָט געזאָלט אַריינפירן זיינע זיגרייכע חיילות, און ליבקאָלן, וואָס האָט דערשמעקט, אַז דאָס אָפּשלעפּן די פאַרהאַנדלונגען וועט ברענגען אָן אומגליק, האָט געהאַלטן אין איין טעלעגראַפירן צו ערהאַרדטן, ער זאָל מאַכן אַ סוף צו די נוצלאָזע געשפּרעכן מיט דעם ווימאַר־פאַרשטייער...

צומאָרגנס, דעם 13־טן מערץ, האָט די ווימאַר־רעגירונג זיך אַנטשלאָסן אויף אַ געוואַגטן שריט. זי האָט אַרויסגע־

לאָזט אַ רוף צו אַלע אַרבעטער־פּאַריינען און צום פֿאָלק זיך אָנצושליסן אָן דעם אַלגעמיינעם שטרייק אין לאַנד, וואָס זאָל פּאַראַליזירן דאָס גאַנצע לעבן אין דייטשלאַנד...

און דאָס פֿאָלק האָט געפֿאָלגט דער רעגירונג. אין גע־ציילטע שעהן איז דאָס לעבן אין בערלין געוואָרן ווי אויס־געשטאָרבן. די באַפֿעלקערונג איז געבליבן אָן וואַסער, אָן עלעקטריע, אָן גאַז און אָן טראַנספּאָרט־מיטלען. אפילו די באַנען, וואָס האָבן געבראַכט שפּייז צו דער הויפּטשטאָט, האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

דער „פּוטש" האָט איצט אויסגעזען צו זיין אַ פֿאַר־וויקלטער ענין. אומזיסט האָט טריביטש ליִנקאָלן געשטורעמט צו זיינע מענטשן, אַז מען זאָל זיך איילן און נישט קווענקלען זיך. צווישן די גענעראַלן האָט געהערשט אַ פֿאַרלוירנקייט.

די ערשטע צרות האָבן זיך אָנגעהויבן מיט די „רעוואָלו־ציאָנערע סאָלדאַטן". מען האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר זיי וועלן זיך דערנענטערן צו די טויערן פֿון בערלין, וועלן זיי קריגן באַצאָלט פֿאַר יעדן טאָג פֿון זייער אַרבעט, אַזוי ווי מען באַצאָלט אַרבעטער אין אַ פֿאַבריק. ערהאַרדט און פֿאָן ליטוויץ האָבן נישט געקענט האַלטן זייער צוזאָג. זייער שותּף אין „פּוטש", ד״ר האַלפֿרייך, האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער גייער „קאַפּ־רעגירונג" און פֿאַרהאַקט די טירן פֿון דער רייכסבאַנק. ליִנקאָלן האָט פֿאָרגעשלאָגן אויפֿצורייסן די באַנק און אַרויסצונעמען דאָס געלט. לודענדאָרף און ד״ר קאַפּ האָבן געשטיצט זיין פֿאָרשלאַג, אָבער די איבעריקע האָבן מורא געהאַט אויסצורויבן די באַנק...

די דרייסיק טויזנט געדונגענע דייטשע סאָלדאַטן האָבן נישט געקראָגן באַצאָלט פֿאַר זייער „מאַרש אויף בערלין" און גענומען זיך בונטעווען.

דערווייל האָט דער אַלגעמיינער שטרייק אין בערלין דעמאָראַליזירט די באַפֿעלקערונג. ליִנקאָלן האָט צונויפֿגערופֿן זיין קאַבינעט און פֿאָרלאַנגט צו אַרעסטירן עבערטן און נאָסקען און אונטערדריקן דעם שטרייק, אָבער זיינע „קאַבי־נעט־מיטגלידער" האָבן זיך געקווענקלט. זיי האָבן נישט גע־וואָלט אַרויסרופֿן קעגן זיך דעם צאָרן פֿון אַרבעטער־פֿאָלק.

ווען לינקאָלן האָט זיך אַרומגעזען, אַז עס איז שוין גאָר שלעכט, איז ער אין איילעניש אַוועק צום גענעראַל לודענ־דאָרף און אים געראָטן, אַז ער זאָל ראַטעווען די לאַגע אָן אָפּהאַלט. צו באַצאָלן די סאָלדאַטן האָט מען גלייך גע־מוזט האָבן פינף מיליאָן מאַרק. אַזאַ סומע האָט מען, לויט לינקאָלנס מיינונג, געקענט צונויפשטעלן אָן שוועריקייטן, און דערנאָך באַפעלן די אַרמיי איבערצונעמען די קאָנטראָל איבער דער שטאָט.

לודענדאָרף האָט שוין איינגעשטימט אַרויסצוגיין פון דער באַהעלטעניש. אָבער גראָד דאַן איז צו אים געקומען אַ שליח פון ערהאַרדטן און אים דערציילט, אַז איין לעגיאָן האָט זיך שוין אויפגעלייזט. דערהערנדיק דאָס, האָט לודענ־דאָרף באַשלאָסן, אַז עס איז גלייכער ער זאָל ווייטער וואַרטן און זען וואָס דאָ וועט זיך אויסשפּילן...

עס זענען פאַרביי נאָך דריי טעג, דער 15־טער, 16־טער און 17־טער מערץ, און עס האָט זיך נישט געזען קיין פאָר־שריט מיט דער „רעוואָלוציע"... דער „פּוטש" איז געלונגען, אָבער די „רעוואָלוציאָנערע רעגירונג" איז געשטאָרבן...

אויפן פינפטן טאָג נאָכן „פּוטש" האָט ד"ר קאַפּ געהאַט הינטער זיך בלויז זעקס מיליטערישע קאָמאַנדירן פון די פּופּציק, וואָס זענען פריער געווען צו אים געטריי... די באַפעלקערונג האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן דעם אַלגעמיינעם שטרייק און עס האָט אויסגעזען, אַז מען גרייט זיך אויסצולאָזן דעם צאָרן צו די נייע פאַרזאָרגער, די „פּוטש"־מאַכערס. עס איז שוין איצט געווען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז דער „פּוטש" איז דורכגעפאַלן.

ד"ר קאַפּ אַליין האָט געכאַפּט אַן עראָפּלאַן און איז אַנטלאָפן קיין שטאָקהאָלם. פּאַבסט האָט זיך פאַרשטעלט מיט אַ שוואַרצער באָרד און אָנגעטאָן אַ פּאָר טונקלע ברילן אז מען זאָל אים נישט דערקענען. לודענדאָרף איז פאַר־שוווּנדן ווי דער גאַנצער „פּוטש" וואָלט אים מער נישט אָנגעגאַנגען... און לינקאָלן, קעגן וועמען די ווײַמאַר־רעגי־רונג האָט אַרויסגעגעבן אַן אַרעסט־באַפעל, נאָכדעם ווי זי איז צוריקגעקומען קיין בערלין, האָט איצט ווידער אָפּגע־

גאָלט זיין באָרד, זיינע וואָנצעס און זיך אויסבאַהאַלטן אין דער דירה פון אַ דרוקער־אַרבעטער אין בערלין.

צוויי טעג איז לינקאָלן נישט אַרויס פון זיין באַהעל־טעניש. דערווייל האָט דאָס לעבן אין דער הויפּטשטאָט זיך אָנגעהויבן צו נאָרמאַליזירן. אויפן דריטן טאָג איז גע־קומען צו אים אַ דעלעגאַציע פון דריי מענטשן פון דער שטאָט קעניגסבערג. ווען זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, איז דער באַלעבאָס אַרויס און אַ דערשראָקענער גע־פרעגט:

— וועמען זוכט איר, מיינע הערן?

— מיר ווילן זען טריביטש־לינקאָלן...

— איך קען נישט קיין מענטש מיט אַזאַ נאָמען... יעדנ־פאַלס וועט איר אים נישט געפינען ביי מיר אין הויז...

— זאָגט אים, אַז מיר קומען אין נאָמען פון גוסטאַוו באַוער, וועט ער אונז וועלן גלייך זען...

גוסטאַוו באַוער איז געווען דער הויפּט־געהילף פון גענעראַל פאָן ליטוויץ, דער קאָמאַנדיר פון דער לעגאַלער דייטשער אַרמיי. דער זעלבער קאָמאַנדיר האָט אין צייט פון „פּוטש" זיך פאַרבונדן מיט די מאָנאַרכיסטן און ער איז געוואָרן אַ פּערזענלעכער פריינט און פאַרערער פון טריי־ביטש לינקאָלן.

לינקאָלן האָט זיך באַגריסט מיט די דריי דייטשן און באַלד איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זיי זענען געקומען אים אָנזאָגן, אַז מען האָט אים באַשטימט אַלס אָנפירער פון אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, וואָס זאָל פּרובירן דורכפירן אַ צווייטע רעוואָלוציע אין קעניגסבערג, ווייל דאָרט איז דער באָדן רייף פאַר אַזאַ „פּוטש"...

— איך מוז דאָס לײַדער צוריקווייזן — האָט לינקאָלן נאָך אַ ווײַלע טראַכטן געענטפערט — נאָך אונזער דורכפאַל אין בערלין, טאָרן מיר נישט מאַכן קיין ווייטערדיקע טעותן... מיר טאָרן נישט פאַרגיסן אומזיסט בלוט... בלויז איין שטאָט איז היינט פאַראַן אין דייטשלאַנד, וווּ מען קען צוגרייטן אַ נייע רעוואָלוציע, און דאָס איז: מינכען... דאָרט קען מען אויפבויען אַ גרויסע אַנטי־סאָציאַליסטישע באַזע, וואָס וועט

באַפרייען דייטשלאַנד... דערווייל דאַרף קיין איבערגעאייל־טער שריט נישט געמאַכט ווערן...

די שליחים האָבן נאָך פּרובירט אים איבערצייגן, אַז ער זאָל אָננעמען דעם נייעם אַמט, אָבער זיי האָבן קיין ווירקונג אויף אים נישט געהאַט. פונדעסטוועגן ווען זיי האָבן זיך געזעגנט מיט אים, האָט ער זיי צוגעזאָגט, אַז ווען דער טאָג פאַר אַן איבערקערעניש וועט זיין רייף, וועט ער נישט שטיין פונדערווייטנס...

און לינקאָלן האָט קיינעם נישט גענאַרט. נאָך זיצנדיק אין בערלין, האָט ער געגרינדעט אַ נייעם קאָמיטעט, וואָס זאָל אין דער צוקונפט אָנהויבן אַ פרייהייטס־באַוועגונג אין מינכן.

ווען די דייטשע געהיים־פּאָליציי האָט זיך דערוווסט, אַז לינקאָלן געפינט זיך אין בערלין, האָט מען אים גענומען נאָכ־שפּירן און אַ פאַרזוך אים צו אַרעסטירן. די רעגירונג האָט געוואָלט אים שטעלן צו אַ פּראָצעס און אים פאַראור־טיילן אויף לעבנס־געפענגעניש.

און לינקאָלן האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון בערלין אָן זיין פּראָפעסאָר־בערדל, אָן זיינע ברילן, אָבער אַ געפאַר האָט אויף אים געלויערט יעדע מינוט. אַ באַפעל איז פון דער פּאָליציי אַרויסגעגעבן געוואָרן צו כאַפּן טריביטש־לינקאָלן „אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן!” און דאָס מוז געטון ווערן פאַר דער זיכערקייט פון דער רעפּובליק...

איינמאָל נאָכמיטאָג, ווען ער האָט געכאַפּט אַ שפּאַציר איבער דער גאַס, איז ער געבליבן שטיין פאַר אַ פּלאַקאַט אויף וועלכן ס'איז געווען זיין בילד. דאָס האָט די פּאָליציי אַרויסגעהאָנגען דעם פּלאַקאַט מיט אַ מעלדונג, אַז זי וועט געבן אַ גרויסן געלט־פּרייז פאַר זיין קאָפּ...

לינקאָלן האָט געזען זיין בילד אויפן פּלאַקאַט, כאָטש ער האָט איצט נישט געטראָגן קיין באָרד און קיין אויגן־גלעזער, און ער האָט זיך צעשמייכלט. אָבער פּלוצים האָט ער באַמערקט ווי עטלעכע פאַרדעכטיקע מענטשן קוקן אים נאָך. ער האָט זיך געאיילט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, אָבער די, וועלכע האָבן אים נאָכגעקוקט, זענען שוין געווען הינטער אים...

ער איז אַריינגעלאָפן אין אַ טעקסי און געהייסן דעם שאָפער טרייבן מיט דער גרעסטער שנעלקייט פאָרויס. אָבער אויך די, וועלכע האָבן אים נאָכגעפאָלגט, האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל און עס האָט זיך אָנגעהויבן איינער פון די גרעסטע געיעגן איבער די גאַסן פון בערלין. לינקאָלנען איז פאָרט געלונגען אָנצוקומען פריער אין זיין באַהעלטעניש. ווי נאָר ער איז אַריין אין הויז, האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון שופלאָד צוויי געהיימע צירקולאַרן. דאָס זענען געווען די בריוו פון גענעראַל לודנדאָרף צו די דייטשע מיליטערישע קאָמאַנדירן. ער האָט די בריוו פאַרברענט און דאָס אַש אַרויסגעשאָטן דורכן פענצטער.

ווען ער האָט שפּעטער דערהערט קלעפּ אין טיר, האָט ער אויפגעפּראַלט אַ פענצטער אין אַ זייטיקן צימער און איז אַנטרונען פון זיינע פאַרפאָלגער, וואָס זענען געווען דייטשע געהיים־אַגענטן.

אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה האָט לינקאָלן זיך אַריינגעזעצט אין אַ באַן, וואָס האָט אים געדאַרפט פירן קיין מינכן. דער וועג אַהינצו איז נישט געווען קיין גלייכער. ער האָט עטלעכע מאָל געביטן די באַנען, כדי אָפּצונאַרן די אַגענטן, וואָס האָבן אים נאָכגעיאָגט. ערשט צומאָרגנס אַרום מיטאָגצייט איז ער אָנגעקומען אין מינכן.

צוערשט האָט ער זיך געטראָפן מיט די מענטשן פון זיין „באַפרייאונגס־קאָמיטעט” און זיי האָבן זיך גלייך אַוועקגעזעצט אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר אַ נייער רעוואָלוציע. אין מינכן האָט ער זיך דערפילט פרייער. יעדנפאַלס, די אַגענטן האָבן זיך מער נישט געיאָגט נאָך אים.

אין די אָוונטן פלעגט ער אָפּזיצן לאַנגע שעהן אין איינעם פון די פּאָפּולערע ביר־קעלערס צוזאַמען מיט זיינע פריינט סטיפּאַני, באַוער און פּאַבסט, וועלכער איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשטעלטער מיט אַ רויטער באָרד. לינקאָלן האָט זיך אויך געטראָפן מיט גענעראַל לודנדאָרף, וועלכער האָט ווייטער צוגעזאָגט זיין שטיצע.

גענעראַל לודנדאָרף, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען פאַרערט ביי מיליאָנען דייטשן אַלס קריגס־העלד, האָט באַזאָרגט לינקאָלנען מיט רעקאָמענדאַציע־בריוו צו די ווichtיקסטע אינ־

דוסטריעלער אין דייטשלאַנד, אַז זיי זאָלן שטיצן די „באַ־פרייונגס־באַוועגונג", מיט וועלכער עס פירט־אָן טריביטש־לינקאָלן.

צוערשט איז לינקאָלן אַוועק צו הער פאָנהער, דעם פּאָ־ליציי־שעף פון מינכן, כדי מיט אים צו קומען צו אַ פאַר־שטענדיקונג, אַז ער זאָל נישט שטערן דאָס אָרגאַניזירן די נייע באַוועגונג. דער פּאָליציי־שעף האָט אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע צו דער באַוועגונג. נישט בלויז, האָט ער צוגעזאָגט, וועט ער נישט שטערן, נאָר פאַרקערט, ער וועט טון אַלץ אין דער וועלט, אַז זיינע פּאָליציי־לייט זאָלן באַשיצן אַלע פאַרזאַמלונגען און מאַסן־מיטינגען.

דער אמת איז געווען, אַז די בערלינער פּאָליציי האָט נאָך אַלץ אַרומגעזוכט לינקאָלנ'ען, און אפילו געשיקט עטלעכע אַגענטן קיין מינכן, אָבער מיט דער הילף פון פאָנהערן, דעם מינכנער געזעץ־היטער, האָט מען אים נישט געפונען...

דאָס פּראָבלעם פון געלט האָט איצט ביי אים נישט עק־זיסטירט. מיט דער הילף פון לודענדאָרפס בריוו האָבן זיך געעפנט פאַר אים די טירן פון די רייכסטע מענטשן. ער איז געוואָרן אַ בוזעם־פריינט מיט די פירער פון דער דייטשער אינדוסטריע. ווידער האָט לינקאָלן זיך געטראָפן מיט הוגאָ סטינעס, דעם גרויסן אינדוסטריעלער, און מיט ד"ר האַלפרייך, דעם דירעקטאָר פון דער רייכסבאַנק, און זיי האָבן אים באַ־קאַנט מיט אַ גאָר רייכן פאַבריקאַנט, הער עהרמאַן. דאָס געלט איז געפלאָסן פון פאַרשידענע קוועלן אין דער קאַסע פון דער דייטשער פרייהייט־באַוועגונג.

אין פאַרלויף פון צען טעג איז לינקאָלן געווען פאַרנומען ביים אויסאַרבעטן דאָס פּאַרטיי־פּראָגראַם פון דער נייער באַ־וועגונג. ער האָט לאַנג שטודירט די פעלערן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין דעם בערלינער „קאַפּ־פּוטש" און גע־זאָרגט, אַז אין דער צוקונפט זאָלן אַזעלכע פעלערן אויסגע־מיטן ווערן.

זיין פּראָגראַם איז געווען אַ ווייטגייענדיקע און זיינע אַפּעטיטן האָט מען גאָר נישט געקענט צוימען... לויט אים איז נישט גענוג געווען, אַז דייטשלאַנד זאָל זיך באַפרייען פון דעם „רויטן" סאָציאַליסטישן רעזשים, נאָר דאָס נייע דייטש־

לאַנד האָט אויך געדאַרפט האָבן די אויפזיכט איבער אונגאַרן און עסטרייך, און אויך יענע צוויי לענדער האָבן געדאַרפט דורכפירן אַ רעוואָלוציע. אין אונגאַרן האָט נאָך רעגירט בעלאַ קוהן מיט זיינע קאָמוניסטן, אָבער די נאַציאָנאַליסטישע כוחות, מיט דער הילף פון דער דאָרטיקער רעאַקציע, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין געהיים.

לינקאָלן האָט געחלומט, אַז גאַנץ אייראָפּע זאָל זיך באַטייליקן אין אַ גרויסן אויפשטאַנד, וואָס זאָל דעמאָנסטרירן אָפן די קעגנערשאַפט צו דעם ווערסאַיל־פּאַקט, וואָס האָט דערנידעריקט און באַרויבט דייטשלאַנד.

און כדי דורכצופירן אַזאַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג, האָט לינקאָלן זיך גענויטיקט נישט בלויז אין פיל געלט, נאָר אויך אין איבערגעגעבענע מענטשן, וואָס זענען פאַנאַטיש צו דער אידעע און וואָס זענען גרייט אָוועקצושענקען זייערע לעבנס.

אין געלט איז מער קיין מאַנגל נישט געווען. דאָס געלט האָט געשטראָמט פון דער דייטשער גרויס־אינדוסטריע.

אָבער די מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט ווערן די „קנעכט פון דער אידעע" — זיי האָט לינקאָלן ערשט געדאַרפט דערציען. „גיט מיר צוואַנציק מוטיקע מענטשן!" — האָט ער געזאָגט צו זיינע פריינט — „און איך וועל אייך פאַרזיכערן אַ ניי, שטאַרק דייטשלאַנד!"

לינקאָלן האָט געמאַכט זיין הויפּטקוואַרטיר אין אַ מינכנער ביר־קעלער. ער איז ווידעראַמאָל געוואָרן אַ פּרעדיקער און דער דייטשער נאַציאָנאַליזם איז געוואָרן זיין רעליגיע. זיינע רעדעס זענען געווען פלאַם־פייערדיקע. ער איז געוואָרן אַ „מיסיאָנער" פאַר דעם דייטשן נאַציאָנאַליזם, און זיין איינציקע אויפגאַבע איז געווען — פונקט ווי אין זיינע אַמאָליקע מיסיאָנערישע יאָרן — צו פאַנגען הערצער און נשמות פאַר זיין לערע...

קאַפּיטל צוויי־און־צוואַנציק

דער זומער פון יאָר 1920 איז געווען הייס און שטיקנדיק, אָבער די וועלכע זענען טאָג־איין טאָג־אויס געזעסן אין דעם ביר־קעלער אין מינכן, האָבן די שווערע היץ נישט געפילט. זיי זענען געזעסן הינטער פאַרמאַכטע לאָדנס און פאַרהאַמערטע טירן, און קיין ווינטל האָט נישט געטאָרט אַריינבלאָזן פון דרויסן.

אַ שילד פאַרן אַריינגאַנג האָט אָנגעזאָגט: „בלויז פאַר געלאַדענע!" אין דער ווירקלעכקייט זענען יעדן טאָג פאָרגעקומען געהיימע, געשלאָסענע זיצונגען. פערציק מענטשן זענען געזעסן אַרום די רונדיקע טישן מיט קופלעס ביר אין זייערע הענט. אַ בלויע ליכט פון אַ ריזיקן לאָמפּ האָט באַלויכטן די געזיכטער פון די אַרומיקע.

דער בלויער לאָמפּ איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף לינקאָלנס באַפעל. ער האָט ערגעץ געלייענט, אַז דער רוימער ברוטוס מיט זיינע פריינט, וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם אַטענטאַט אויף יוליוס צעזאַר, האָבן אויך אַלץ פּלאַנירט אונטערן שיין פון אַ בלויען לאָמפּ.

איידער טריביטש־לינקאָלן איז אַרויף יענעם אָוונט אויף דער קליינער טריבונע אין דעם ביר־קעלער און געוואָלט אָנהויבן זיין פּראָגראַמאַטישע רעדע וועגן דער נייער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג, איז צו אים צוגעגאַנגען פּאַבסט. איצט איז ער שוין געווען אָן זיין רויטער באָרד. ער איז געווען פריש־אָפּראַזירט, מונטער און מיט אַ פריילעך קול אַ זאָג־געטון צו לינקאָלנ׳ען:

— כ׳וויל פאַר אייך פאָרשטעלן אַ נייעם יונגן פריינט פון אונזער באַוועגונג...

— כ׳האָב די ערע! — האָט דער מאַן, וואָס האָט געמוזט זיין אַלט אַ יאָר פערציק, זיך פאַרנויגט מיט גרויס אונטערטעניקייט — מיין נאָמען איז שיקלגרובער־היטלער...

— שיקלגרובער־היטלער? — האָט לינקאָלן ווידערהאָלט דעם נאָמען און געקנייטשט דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך

וועלן דערמאָנען צי ער האָט שוין אַמאָל פון אַזאַ מענטש פריער געהערט.

— זייט איר שוין פריער געווען טעטיק אין אונזער באַ־וועגונג? — האָט לינקאָלן געפרעגט.

פאַבסט איז אונטערגעקומען און גערעדט פאַר שיקל־גרובערן:

— כ'מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז ביז איצט האָבן נאָך ווינציק מענטשן געהערט פון שיקלגרובערן. אָבער איין זאַך וויל איך אייך פאַרזיכערן, לינקאָלן, אַז ס'וועלן פאַרביי אַ פּאָר יאָר און די גאַנצע וועלט וועט זיין שטימע הערן...

לינקאָלן האָט ביי זיך געטראַכט, אַז פאַבסט האָט נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט קיין טעותביים אָפּשאַצן מענטשן. ער האָט דעריבער נייגעריק איצט אָנגעקוקט דעם מאַן, וועמען פאַבסט זאָגט צו אַזאַ גלענצנדע צוקונפט. פאַר אים איז גע־שטאַנען אַ מאַן פון מיטעלן וווקס מיט אַ קאָפּ געדיכטע האָר, וואָס איין לאָק דערפון איז אים געפאַלן איבערן שטערן. זיינע אויגן זענען געווען גרויסע מיט אַן אומהיימלעכן פייער און עפּעס אַ קרענקלעכקייט האָט אַרויסגעשלאָגן פון זיינע בליקן. דאָס זענען געווען אויגן פון אַ מענטש, וואָס מוז זיין אָדער אַ ווילדער פאַנאַטיקער, אָדער אַ פסיכיש־קראַנקער.

די קליינע וואָנצעלעך, וואָס אָט־דער שיקלגרובער האָט געהאַט, האָבן אויסגעזען קאָמיש אין לינקאָלנס אויגן. זיינע האָר אַרום די אויערן זענען געווען אינגאַנצן אויסגעגאָלט.

לינקאָלן האָט נאָך אַלץ שווייגנדיק באַטראַכט דעם גייעם מאַן. פאַבסט האָט ווייטער גערעדט:

— און נישט בלויז ער אַליין איז גרייט זיך צו שטעלן אין דינסט, נאָר אויך זיין קליינע גרופּע וויל זיך אָנשליסן אין אונז... היינט האָט ער נישט מער ווי זעקס מיטגלידער. וויפיל ער וועט האָבן שפּעטער, איז שווער צו זאָגן...

און דאָ האָט זיך אַריינגעמישט שיקלגרובער. זיין שטים איז איצט געווען העכער און דרייסטער:

— מיר זענען געקומען היינט הערן אייער פּראָגראַם־רעדע, הער לינקאָלן... אונזער גרופּע וועט די טעג אויסאַרבע־טן אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם. ס'קען זיין, אַז מיר וועלן קאָנען אַר־בעטן צוזאַמען...

— איך האָב אַזוי! — האָט לינקאָלן קורץ אַ זאָג געטון און האָט זיך געשטעלט אויף דער קליינער פּלאַטפאָרמע, כדי אָנצוהויבן זיין רעדע.

ער האָט גערעדט אין אַ פייערלעכן באַגייסטערטן טאָן, כאָטש זיין רעדע איז געווען אַ קורצע. ער האָט נאָכאַנאַנד אונטערגעשטראָכן פאַר זיינע צוהערער, אַז איצט איז נישט קיין צייט פון רייד, נאָר פון האַנדלונגען. דער דורכגעפאַלע־נער „פוטש" פון ד"ר קאַפּ אין בערלין האָט דווקא באַוויזן, אַז די האָפענונגען פאַר דייטשלאַנד זענען נישט פאַרלוירן. דער „פוטש" איז דורכגעפאַלן נישט דערפאַר, ווייל דאָס דייט־שע פאָלק וויל זיך נישט באַפרייען, נאָר דערפאַר, ווייל די פירער פון „פוטש" האָבן נישט געלערנט קיין געשיכטע און נישט געוווסט ווי אַזוי מען דערפירט אַ רעוואָלוציע צו אַ גליקלעכן פינאַל.

— איך זאָג אייך איצט מיט מיין פולן גלויבן — האָט לינקאָלן געדונערט מיט עקסטאַז — אַז מען קען אַרויסהויבן דייטשלאַנד פון איר פאַרשעמונג... דייטשלאַנד איז נישט באַזיגט געוואָרן אין קריג! פרעגט מיין פריינט, דעם גענע־ראַל לודנדאָרף! ער ווייסט, אַז דייטשלאַנד האָט געקראָגן אַ מעסער אין רוקן דורך אירע אינעווייניקסטע פאַררעטער, דורך די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן... איך זאָג אייך ווידער: אויב די ווייַמאַר־רעגירונג וועט ווייטער עקזיסטירן, וועט דאָס פאָטערלאַנד אינגאַנצן פאַרטיליקט ווערן... דעם ווערסאַילער טראַקטאַט האָט מען אויף אונז אַרויפגעצוווּנגען, אָבער מיר וועלן דאָס נישט אָננעמען! דאָס איז אַן אומפאַרשעמטער דיקטאַט, וואָס קען קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן... די פיינט פון דייטשלאַנד וועלן אונז נישט קענען אייביק אונ־טערדריקן... מיר נויטיקן זיך אין לעבנס־רוים... איז דען אונ־זער פאָלק נישט באַרעכטיקט צו האָבן אַ גענוג גרוימען פּלאַץ אונטער דער זון?...

איינער פון די באַגייסטערטע צוהערער האָט צוגעטראָגן לינקאָלנ'ען אַ קופל ביר. אָבער דער רעדנער האָט אָפּגע־שטופּט דאָס ביר און זיך צערעדט מיט נאָך מער עקסטאַז:

— דער קאָמוניזם אין רוסלאַנד איז דייטשלאַנדס גרעס־טער שונא... מיר מוזן צוימען די אויסשפרייטונג פון באָל־

שעוויזם און דעראָבערן די גרויסע, פוסטע שטרעקעס לאַנד...
מיר מוזן אויפשטעלן אַ קאָאַליציע־בונד אין אייראָפּע קעגן רוסלאַנד, אָבער צוערשט מוזן מיר אויפריכטן אונזער אייגן לאַנד. מיר מוזן אָפּן אַרויסקומען און זאָגן, אַז דייטשלאַנד טאָר נישט זיין צעטיילט אויף פּאַרטייען און קלאַסן! איין פאָלק זענען מיר און דעריבער זענען מיר קעגן סאָציאַליזם! מיר האָבן אַן אייגענעם הייליקן סאָציאַליזם — דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם... דאָס גאַנצע פאָלק שטייט הינטער אונז...
לינקאָלנס רעדע האָט געהאַלטן די צוהערער געשפּאַנט. נאָכדעם ווי ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן אָנוואָרפן דעם גרונט־געדאַנק פון זיין באַוועגונג, איז ער אַריבער צו די דעטאַלן און איינצלהייטן פון דעם נייעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. איינער פון זיינע שטאַרקסטע אָנהענגער יענעם אָוונט איז געווען שיקלברונער־היטלער. ער איז פשוט באַצויבערט געוואָרן פון אים.
שפּעט ביינאַכט, ווען די דעבאַטעס זענען שוין אויך געווען פאַרענדיקט, איז שיקלגרובער־היטלער צוגעגאַנגען צו לינקאָלנ׳ען און צו אים געזאָגט:
— איך דאַנק אייך פאַר אייער רעדע... איר האָט אויסגעצייכנט פאַרטייטשט אייער פּראָגראַם און דאָס גאַנצע פאָלק מוז זיך שטעלן הינטער אייך, הער לינקאָלן!... מיט וואָס קען איך אייך באַהילפיק זיין?
—כ׳האָב געהערט, אַז איר האָט אַ קליינע גרופּע... איר מוזט זען אַריינצוקריגן טויזנטער מיטגלידער אין אייערע רייען... אויסער דעם, מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך?
שיקלגרובער־היטלער האָט אַ ווײַלע זיך געקווענקלט צי ער זאָל ענטפערן. זיין באַרוף איז געווען: מאָלן שילדן, אָבער זיינע אַמביציעס זענען געווען: פּאָליטיק. ער האָט אַ זאָג־געטון:
— כ׳בין אַ שילדן־מאָלער...
— אויסגעצייכנט! — האָט לינקאָלן אויסגערופן. — איר ווייסט גאָרנישט ווי נוצלעך איר קענט זיין פאַר דער באַוועגונג... מיר נויטיקן זיך אין שילדן, אין לאָזונגען, אין שלאָגווערטער, וואָס זאָלן וועקן די באַגייסטערונג ביים פאָלק... מיר מוזן דעראָבערן די דייטשע יוגנט, און דאָס קענען מיר

דערגרייכן בלויז מיט אַגיטאַציע... די יוגנט וויל ראָמאַנטיק און דעריבער מוזן מיר איר געבן אַ נאַציאָנאַלן קולט... מיר מוזן שאַפן פאַר איר נייע סימבאָלן, אוניפאָרמען און — דאָס וויכטיקסטע — מיר מוזן צוריקברענגען דעם מיליטאַריסטישן גייסט און די געהאָרכזאַמקייט... מיר מוזן האָבן דיסציפלין...

די רייד פון לינקאָלנ׳ען האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מוח פון דעם שילדן־מאָלער, וואָס האָט געהאַט די אַמביציע זיך צו באַטייליקן אין פאָליטיק...

צומאָרגנס נאָך דעם מיטינג אין דעם ביר־קעלער, האָבן זיך אָנגעשלאָסן הונדערטער מיטגלידער אין דער נייער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. אין דער מיטינג־נאַכט זענען בלויז אָנוועזנד געווען פערציק מאַן.

לינקאָלנס הויפט־אַרבעט איז איצט באַשטאַנען אָנצושליסן אין דער באַוועגונג אַלע ריכטונגען, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן קעגנערשאַפט צום באָלשעוויזם נישט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער. זיין אויפגאַבע איז געווען צו צעשמעטערן דעם קאָמוניסטישן רעזשים, אָבער דערצו האָט ער ווידער געמוזט אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט די פּאָליטיקער פון אייראָפּע.

ער איז געפאָרן אין פאַרשידענע לענדער און אויף זיינע רייזעס האָט ער זיך באַנוצט מיט געפעלשטע פּאַספּאָרטן, אַז נישט וואָלט מען אים אין ערגעץ נישט אַריינגעלאָזט.

אין פּאַריז האָט ער זיך געטראָפן מיט די אַנטלאָפענע גענעראַלן פון רוסלאַנד, מיטן גענעראַל ביסקופּסקי, וועלכער איז געווען דער פירער פון די אימיגראַנטן, האָט ער געהאַט לאַנגע געשפּרעכן און יענער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט מאָביליזירן אַלע ווייסע אַרמייער, וואָס זענען צעשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע. לינקאָלן האָט אויך אָפּגעהאַלטן קאָנפערענצן מיט דעם אונגאַרישן אַדמיראַל האָרטי, וועלכער האָט שטילערהייט אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד קעגן דעם קאָמוניסטישן רעזשים פון בעלאַ קוהן אין אונגאַרן.

און כדי אויפצושטעלן אַ מעכטיקן אַנטי־קאָמוניסטישן פראָנט, האָט ער אויך זיך געטראָפן מיט גוסטאַוו באַוער, דער פירער פון דער דייטשער „נאַציאָנאַלער איינקייט”. ער האָט באַזוכט עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע, און אויך דאָרט

אָרגאַניזירט שטורם־טרופּן וואָס האָבן געקראָגן מיליטערישע אויסאיבונג. ער האָט אויך געהאַט אַ פאַרלאַנג אויפצושטעלן אַ נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג אין אוקראַינע, כדי די אוקראַינער זאָלן זיך באַפרייען פון רוסלאַנדס יאָך.

לודנדאָרפן האָט לינקאָלן באַשטימט אַלס דעם „באַפרייער״ פון אייראָפּע. ער האָט געפּלאַנט דעם אַלטן גענעראַל צו שטעלן אין דער אָנפירערשאַפט פון אַלע אַרמייען, אָבער דער גענעראַל איז איצט געווען גלייכגילטיק צו דעם גאַנצן טומל. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַריינצופאָרן קיין בודאַפּעשט צו אַ געהיימער פּאָליטישער קאָנפערענץ. ער האָט באַשלאָסן צו וואַרטן אויף אַ סיגנאַל פון טריביטש לינקאָלן וועגן דעם נייעם אויפשטאַנד, וואָס האָט געזאָלט אויסברעכן אין נאָוועמבער 1920.

אַלע איינצלהייטן ווי אַזוי דורכצופירן אַן אויפשטאַנד אין רוסלאַנד קעגן דעם באָלשעוויסטישן רעזשים זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך טריביטש לינקאָלן. אפילו די געלט־פּראַגע איז דורך אים באַהאַנדלט געוואָרן. ווען לינקאָלן איז געווען דער אינפאָרמאַציע־מיניסטער עטלעכע טעג בעת דעם „קאַפּ־פּוטש״ אין בערלין, האָט ער אויף גיך דורכגענישטערט אַ צאָל טעקעס אין דער רעגירונג, נאָכן אַנטלויפן פון פּרעזידענט עבערט און נאָסקע, און דעמאָלט האָט ער זיך דערוווסט, אַז די אָריגינעלע פּלאַטן, אויף וועלכע מען האָט אין רוסלאַנד געדרוקט די רובלס אין צאַרס צייטן, זענען אויף אַ מיסטעריעזן וועג דערגאַנגען קיין בערלין און זיי ליגן פאַרשטעקט אין אַ קעלער...

נישט בלויז די צאַרישע געלט־פּלאַטן האָבן זיך געפונען אין בערלין, נאָר אויך דאָס פאַרביקע פּאַפּיר, אויף וועלכן די רובלס זענען געדרוקט געוואָרן. וואָס, אַלזאָ, קען אים, לינקאָלן, שטיין אין וועג, אַז ער זאָל אָנהויבן דרוקן מיליאָנען רוסישע רובלס און אַזוי־אַרום שאַפן די פאָנדן פאַר דער אַנטי־באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע?

די דאָזיקע געלט־פּלאַטן איז נישט שווער געווען אַריבערצופירן קיין בודאַפּעשט. לינקאָלן האָט זיך געקענט מיט אַן אונגאַרישן דיפּלאָמאַט אין דער אַמבאַסאַדע אין בערלין, און יענער האָט געהאָלפן אַרויסשמאָגלען די געלט־פּלאַטן מיט

דעם פּאַפּיר פון בערלין קיין בודאַפּעשט דורך דער „דיפּלאָמאַטישער פּאָסט“. זיי זענען אַרייַנגעפאַלן אין לינקאָלנס הענט.

אָבער דערווייל האָט לינקאָלן זיך אַרומגעזען, אַז כאָטש טעאָרעטיש עקזיסטירט שוין די „אייראָפּעישע אַרמיי“, פעלן אָבער די מענטשן, וואָס זאָלן אין איר אַרייַנבלאָזן דעם אָטעם פון לעבן. וואָלט גענעראַל לודנדאָרף געווען אַ געוואַגטער מאַן, אַ מיליטערמאַן מיט קוראַזש, וואָלט די אייראָפּעישע אַנטי־קאָמוניסטישע אַרמיי נישט געבליבן אויפן פּאַפּיר. עס איז אַוועק אַ קורצע צייט און גענעראַל וורַאַנגעל, דער אָנפירער פון דער רוסישער ווייסער אַרמיי, האָט געלאָזט וויסן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פונעם בונד. אויך ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן געגעבן אָנצוהערן, אַז ס'איז גלייכער לינקאָלן זאָל איצט נישט אָנהויבן קיין מיליטערישע אינטערווענץ.

לינקאָלן איז געקומען צום אויספיר, אַז די גאַנצע באַוועגונג, וואָס ער האָט אויסגעבויט, האַלט ביים צוזאַמענברעכן. ער האָט זיך אויך דערוווסט, אַז זיין לעבן איז פלוצים אין גרויס געפאַר.

איינמאָל האָט ער זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אין אַ האָטעל אין ווין מיט דעם קאָלאָנעל באַוער. זיי האָבן געזאָלט אָפּהאַלטן אַ קאָנפערענץ מיט אַ צאָל מאָנאַרכיסטן אין עסטרייך. אין דער צייט וועןביידע האָבן געוואַרט אויפן אָנקום פון דער גרופּע מאָנאַרכיסטן, האָבן זיי דערווייל אין באַוערס צימער אַרומגערעדט זייערע פּלענער, וואָס זיי קענען פאַרשלאָגן די עסטרייכער.

— איך מוז זיך איצט אָפּגאָלן — האָט באַוער פלוצים זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול. — וואַרט איר דאָ צו אַ פּאָר מינוט... דערנאָך וועלן מיר ביידע אויפנעמען אונזערע געסט.

ווען באַוער איז אַרייַן אין וואַש־צימער, האָט ער פאַרגעסן זיין בוזעם־פּאָרטפעל אויפן טיש. די נייגעריקייט און שפּירזאַמקייט פון דעם אַמאָליקן שפּיאָן האָט זיך דערוועקט אין טריביטש־לינקאָלן און ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג אַרייַנצוקוקן אין דעם פּאָרטפעל פון זיין פרייַנט באַוער. ער האָט גענישטערט, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ צאָל פּאַפּירלעך און מיטאַמאָל האָט ער אויסגעפונען, אַז פון הימל

האָט מען אים איצט געוואָרנט, אַז זיין לעבן איז אין גרויס געפאַר...

אין דעם טאַשן־פאָרטפעל האָט לינקאָלן געפונען אַ קורץ בריוול, געשריבן פון זיין פריינט סטיפאַני צום קאָלאָנעל באַוער. סטיפאַני איז געווען לינקאָלנס אַ געהילף ביים גרינדן די „נאַציאָנאַלע איינקייט״, און אין זיין איצטיקן בריוו איז געווען געשריבן:

„...איך האָב שטאַרקע באַווייזן, אַז טריביטש־לינקאָלן איז אַ פאַררעטער און ער אַרבעט אין דער זעלבער צייט סיי פאַר אונז און סיי פאַר דעם פיינט... מיר מוז אים גלייך אָפּראַמען פון וועג... אויב איר, הער באַוער, וועט האָבן שווערקייטן, קען איך אייך אַרויסשיקן צוויי פון אונזערע איבערגעגעבענע מענטשן און זיי וועלן אים ליקווידירן... און נאָך עפּעס מוזן מיר געדענקן: „טריביטש לינקאָלן איז אַ ייד״...

אַ שווידער האָט דורכגענומען לינקאָלנ׳ען, ווען ער האָט געענדיקט לייענען דעם בריוו. מיט איין שפרונג איז ער שוין געווען אין וואַש־צימער, וווּ קאָלאָנעל באַוער האָט זיך גע־האַלטן אין ראַזירן. ער האָט היסטעריש זיך צעשריגן:

— זעט, הער באַוער! דאָס איז מיין באַלוינונג פאַר מיין אַרבעט... מען וויל מיך דערמאָרדן...

באַוער האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן, ווען לינקאָלן האָט אויפגעפראַלט די טיר פון וואַש־צימער, אַז ער האָט זיך שיעור נישט אַ שניט געטון אין האַלז מיט דעם ראַזיר־מע־סער. ערשט ווען ער האָט דערזען דאָס בריוול, האָט ער זיך געכאַפּט וואָס פאַר שרעקלעכן טעות ער איז באַגאַנגען דורך איבערלאָזן זיין טאַש־פאָרטפעל אין צימער...

— איר האָט נישט געטאָרט עפענען מיין פאָרטפעל!... — האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַ פאָרוואורף.

— צי כ׳האָב געטאָרט, צי נישט — דאָס איז אַן אַנדערע פראַגע, הער באַוער! — האָט לינקאָלן גערעדט מיט אַ ציטערדיקער שטים. — איר, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דעם געהיים־דינסט, דאַרפט פאַרשטיין די נייגעריקייט פון אַ געוועזענעם שפּיאָן... אָבער ווי וועט איר קענען אויפ־קלערן די פאַרשווערונג קעגן מיר?

— הערט זיך נישט צו צום אידיאָט סטיפאַני! — האָט

באַוער אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט. — ווער נאָך אַזוי ווי איך ווייס, אַז איר זייט אַ געטרייער דײַטש? אייער לאָיאַ־ליטעט איז אויסער יעדן צווייפל... און ווען איך זאָל נישט זיין זיכער מיט אייך, לינקאָלן, וואָלט איך דען זיך געגרייט איצט מיט אייך אויפצונעמען די עסטרייכישע מאָנאַרכיסטן?

אַבער די רייד האָבן לינקאָלנ׳ען נישט באַרואיקט. די דראָונג פון סטיפאַנען איז אים נישט אַרויס אויף קיין איין סעקונדע פון מוח. איצט זענען אים אויך קלאָר געוואָרן אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט אין די לעצטע פּאָר מאָנאַטן. די פּאָליציי האָט שטענדיק אויסגעפונען ווו ער וווינט און די וועלט־פּרעסע האָט געוווּסט אַלע אייַנצלהייטן פון זיין אַרבעט ביים גרינדן די דייטשע אַנטי־קאָמוניסטישע באַפרייאונגס־אַרמיי. איצט האָט ער זיך אַרומגעזען ווער עס אַרבעט די גאַנצע צייט קעגן אים הינטערוויילעכץ און ווער עס וויל אים אַוועקשיקן אויף יענער וועלט... דאָס איז סטיפאַני!

„אַנטלויף און ראַטעווע זיך, לינקאָלן!“ — האָט אַ שטים טיף אין אים געשריען. — „אַנטלויף, איידער עס ווערט צו־שפּעט!“

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז לינקאָלן קראַנק געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן אַנטדעקט ביי אים אַ שווערע מאָגן־קראַנק־הייט און די אַטאַקע איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון צופיל אָנשטרענגונג. אויפן באַפעל פון זיין דאָקטאָר האָט ער גע־מוזט בלייבן אַ לענגערע צייט אין בעט.

איצט האָט ער געהאַט אַ סך טעג און נעכט נאָכצוטראַכטן וועגן דער פאַרגאַנגענער צייט. פולע צוויי יאָר האָט ער גע־אַרבעט פאַר דייטשלאַנד, און וואָס איז געווען זיין באַלוי־נונג? גאָרנישט! ער פאַרמאָגט נישט קיין גראָשן אין טאַש... קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט אים. ער ליגט אין אַ האָטעל, אין ווין, אַ צעבראָכענער, אַן אויסגעשעפּטער און ער מוז אָנקומען צו הלוואות אום צו קענען באַצאָלן פאַר זיין צימער... מיליאָנען מאַרקן זענען דורכגעגאַנגען דורך זיינע הענט און אים אַליין איז נישט געבליבן קיין פּרוטה...

דער צאָרן קעגן דייטשלאַנד האָט אין אים דערוואַכט. דאָס איז געווען דער זעלבער צאָרן וואָס ער האָט פריער געטראָגן

קעגן ענגלאַנד. ער וועט זיי ווייזן, די דייטשן, וואָס ער קען! אוי וועט ער זיי ווייזן! זאָל ער נאָר אַרויסקריכן פון זיין קראַנקהייט און זיך שטעלן אויף די פיס...

קאַפּיטל דריי־און־צוואַנציק

ווען טריביטש לינקאָלן איז געזונט געוואָרן, איז ער געווען פאַרזונקען אין חובות און אָן באַשעפטיקונג. זיינע פאַר־בינדונגען מיט די דייטשע נאַציאָנאַליסטן זענען געווען אי־בערגעריסן, אָבער ער האָט באַשלאָסן דערווייל צו בלייבן אין ווין.

צוויי מעגלעכקייטן האָט ער איצט פאַר זיך געהאַט: צו שרייבן נייע סענסאַציאָנעלע אַרטיקלען וועגן זיינע אַוואַנטור־רעס אין די פאַרגאַנגענע צוויי יאָר, אָדער צו פאַרקויפן „זיינע סודות" צו יענע רעגירונגען וואָס זענען אין אַזעלכע סודות פאַראינטערעסירט. און אַזוי ווי אייראָפּע האָט דעמאָלט געקאָכט און געברויזט ווי אַ ווולקאַן, וואָס האַלט אָט־אָט ביים אויסשפייען מיט פייער, האָט ער איינגעזען, אַז דאָס בעסטע געשעפט וועט זיין צו „פאַרקויפן דיפּלאָמאַטיע". דאָס וועט אים אַריינברענגען גרויסע סומען געלט...

לינקאָלן האָט געטראַכט און געטון. זיין ערשטער וויזיט איז געווען אין דער אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון דער פראַנצוי־זישער מיליטערישער דעלעגאַציע אין ווין. ער האָט געקענט דעם הער מוזע, דעם פאָרשטייער פון דער דעלעגאַציע, נאָך פון פריער און ביים דערזען אים איצט, האָט ער גלייך זיך אָנגערופן געשעפטסמעסיק:

— הער מוזע! איך קען אייך ברענגען אַ בינטל סודות, וואָס די פראַנצויזישע פּאָליטיקער וואָלטן שטאַרק געוואָלט וויסן.

— סודות? — האָט דער פראַנצויז אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויערן. — אויף וועלכן געביט?

— דאָס קען איך נישט זאָגן פריער, ביז מיר וועלן קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג וועגן געלט.

— אָה, איצט פאַרשטיי איך! — האָט הער מוזע אויס־

גערופן. — איר קומט נישט צו מיר בעטן פּאָליטישע הילף פון מיין לאַנד אָדער פון מיין אַרמיי... איר ווילט איינפאַך פאַרקויפן סודות?

— ליידער מוז איך זיך פירן איצט ווי אַ קאַלטער, אויסגערעכנטער געשעפטסמאַן... די זאַך איז מיר נישט צום האַרצן, אָבער ווען כ׳וועל אייך אַלץ גענוי דערציילען, וועט איר מיך פאַרשטיין...

— אָבער איר מוזט דאָך, הער לינקאָלן, מינדעסטנס מיר אָנדייטן מיט אַ וואָרט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, כדי איך זאָל זיך אָריענטירן צי די גאַנצע זאַך פאַרדינט צו פאַרנעמען אונזער צייט... און אויך צי ס׳לוינט זיך צו באַצאָלן געלט...

טריביטש לינקאָלן האָט זיך צעלאַכט:

— איר ווייסט דאָך מיט וואָס איך האָב זיך פאַרנומען די לעצטע יאָרן... נישט איינמאָל האָב איך אייך, ביי אונזערע פריערדיקע באַגעגענישן, געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם...

הער מוזע, דער דורכגעטריבענער פראַנצויז, האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

— איך וועל וועגן דעם זיך באַראַטן מיט דעם פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר אין ווין, און דערנאָך וועט מען זען וואָס מען קען באַשליסן.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז לינקאָלן גערופן געוואָרן צום פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר. אָבער אפילו נאָך דעם געשפּרעך צווישן זיי ביידע, איז מען צו קיין באַשלוס נישט געקומען. ער האָט דעם גאַנצן פאַרשלאַג אַריבערגעפירט קיין פּאַריז און געבעטן, אַז לינקאָלן זאָל זיך ווידער באַווייזן אין אַ פּאָר טעג אַרום.

דער סוף פון די פאַרהאַנדלונגען איז געווען, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן לינקאָלנס פאַרשלאַג. ווער ווייסט? אפשר האָט איינער פון די מיניסטאָרן נישט געוואָלט מ׳זאָל שענקען צוטרוי דעם געוועזענעם דייטשן שפּיאָן? אפשר איז די נייע מאַנעוורע געווען פאַר טריביטש־ליב־קאָלנ׳ען בלויז אַ תירוץ זיך אַריינצורייסן אין די געהיימע אָפּטיילונגען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג?

ס׳האָט אויסגעזען, אַז ס׳האָבן זיך געפונען אין פראַנקרייך מענטשן וואָס האָבן אויסגערעכנט, אַז ס׳איז גלייכער פון

אַנהויב נישט צו עפענען קיין טיר פאַר אים... פונדעסטוועגן איז דער פראַנצויזישער אַפּזאָג געווען גאָר אַ דעליקאַטער. דער אַמבאַסאַדאָר האָט אים געלאָזט וויסן, אַז פראַנקרייך האָט געגוג טיכטיקע אַגענטן אין אַלע לענדער פון אייראָפּע און לינקאָלן וועט נישט קענען צושטעלן אַזעלכע געהיימניסן, וועגן וועלכער דער פראַנצויזישער קאָנטר־שפּיאָנאַזש איז נישט אינפאָרמירט.

טריביטש־לינקאָלן האָט זיך גלייך געווענדעט מיט זיין פאָרשלאַג צו טשעכאָסלאָוואַקיע. ד״ר פלידער, דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער אַמבאַסאַדאָר אין ווין, איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון לינקאָלנס פאָרשלאַג, אַז ער איז גרייט געווען אָפּצוקויפן די סודות פון לינקאָלנ׳ען, נאָך איידער עד האָט אָנגעפרעגט אין פּראַג.

לינקאָלן האָט געקראָגן באַצאָלט פופציק טויזנט קראָנען און ער האָט דערפאַר דיקטירט פאַר דער סעקרעטאַרין אין דער טשעכישער אַמבאַסאַדע די געשיכטע וועגן די צוגריי־טונגען צו דער רעוואָלוציע אין אייראָפּע...

דער מאַטעריאַל איז גלייך אַריבערגעשיקט געוואָרן קיין פּראַג און פון דאָרט איז געקומען אַ באַגייסטערטער דאַנק פאַר לינקאָלנס דינסט. די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג האָט צוגעגרייט די געהיימע אינפאָרמאַציע פאַר די קומענדיקע זי־צונגען פון פעלקער־בונד.

ווען לינקאָלן האָט געזען, אַז מען האָט זיין סחורה צע־כאַפּט, האָט ער אין אַ פּאָר טעג אַרום זיך געווענדעט מיט אַן אָנבאָט, אַז ער האָט נאָך מער וויכטיקערע סודות וועגן די טעטיקייטן פון פאַרשידענע דיפּלאָמאַטן און מיליטערלייט אין די אייראָפּעישע הויפּט־שטעט און צי איז פּראַג גרייט אַזאַ אינפאָרמאַציע צו קויפן?

ד״ר פלידער האָט זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט פּראַג און פון דאָרט איז געקומען אַן ענטפער: „שיקט שוין אַרי־בער צו אונז טריביטש לינקאָלנ׳ען!...״

לינקאָלן איז געפאָרן מיט דעם עקספּרעס־צוג קיין פּראַג. אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער הויפּט־שטאָט האָט מען אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד. ער האָט געהאַט קאָנפערענצן מיט מיניסטאָרן, מיט דעם פאָרשטייער פונם געהיים־דינסט,

אַ נאָענטער פריינט פון דעם פרעמיער־מיניסטער ד״ר עד־
וואַרד בענעש, און לינקאָלן האָט מיט אים פאַרהאַנדלט וועגן
אָפּליפערן די געהיימע אינפאָרמאַציע. פון אָנהויב האָט ער
פאַרלאַנגט 750 טויזנט טשעכישע קראָנעו, אָבער טשעכאָ־
סלאָוואַקיע איז גרייט געווען צו באַצאָלן בלויז 300 טויזנט.
נאָך לאַנגע דינגענישן איז מען געקומען צו אַן אויסגלייך:
500 טויזנט קראָנען.

לינקאָלן האָט גלייך געקראָגן 200 טויזנט און דאָס אי־
בעריקע האָט ער געדאַרפט באַקומען אין צוויי וואָכן אַרום.

הונדערטער געהיימע דאָקומענטן האָט לינקאָלן צוגע־
שטעלט דעם טשעכישן געהיים־דינסט, און מען האָט זיך איצט
ערשט דערוווסט אין וואָס פאַר אַ ריזיקאַלישן שאָך־שפּיל
עס זענען געווען פאַרמישט די דיפּלאָמאַטן און מיליטערישע
פירער פון די אייראָפּעישע לענדער. די סודות זענען געווען
ווי אַן אינטריגירנדער ראָמאַן, אָנגעפּיקעוועט מיט אינטריגעס
און שפּיאָנאַזש, פלענער אויף דורכצופירן פאַרשווערונגען
און איינצלהייטן וועגן אַ קאָלאָסאַלער אונטערגרונט־אַרבעט...

די רעגירונג אין פּראַג האָט גוט אויסגענוצט די געהיימע
אינפאָרמאַציע. עס זענען גלייך געמאַכט געוואָרן קאָפּיעס
און מען האָט די דאָקומענטן פאַנאַדערגעשיקט צו דער העכס־
טער אינסטאַנץ פון די קאַליציע־לענדער, וועמענס הויפּט־
קוואַרטיר איז געווען אין פּאַריז. אַ שאַרפער פאָרוווּרף איז
גלייך דערלאַנגט געוואָרן צו דעם אַדמיראַל האָרטי אין בו־
דאַפּעשט, צו גענעראַל לודנדאָרף אין בערלין, פאַר זייערע
אינטריגעס קעגן דעם ווערסאַילער טראַקטאַט. קאָפּיעס פון די
דאָקומענטן זענען אויך געשיקט געוואָרן קיין וואַשינגטאָן
צום סטייט־דעפּאַרטאַמענט, און יעדעס מאָל זענען די דאָקו־
מענטן באַגלייט געוואָרן מיט אַ פאַרזיכערונג, אַז די אינפאָר־
מאַציע קומט „פון העכסט־פאַרטרויִלעכע קוועלן"...

אָבער ווען ס'איז געקומען די צייט, ווען לינקאָלן האָט
געדאַרפט קריגן די רעשט געלט, 300 טויזנט קראָנען, האָט
ער זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן... די רעגירונגס־באַ־
אַמטע אין פּראַג האָבן כסדר אָפּגעשלעפּט די לעצטע צאָלונג.
ער האָט געקראָגן אַ צוזאָג, אַז מען וועט אים דאָס געלט
אַריבערשיקן אויף זיין אַדרעס קיין ווין, אָבער דער צוזאָג

איז נישט געהאַלטן געוואָרן. ער איז אַ פּאָר מאָל אַ וואָך אַריינגעפאָרן קיין פּראָג, געמאָנט זיין געלט, פּראָטעסטירט. ער האָט אפילו זיך געוואָלט טרעפן מיטן פּרעמיער־מיניסטער ד״ר בענעש, אָבער יענער איז געווען „צופיל פאַרנומען״, אַז ער זאָל קענען אָפּגעבן צייט אַן אינטערנאַציאָנאַלן שפּיאָן...

לינקאָלן האָט געשיקט אַ לאַנגן מעמאָראַנדום צו ד״ר בענעש, אָבער ער האָט קיין ענטפער נישט געקראָגן. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָט ער באַשלאָסן אָנצוקלאָגן די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג אין געריכט.

אין יאַנואַר 1921 האָט לינקאָלנס אַדוואָקאַט דערלאַנגט אין געריכט זיין אָנקלאַגע קעגן דער רעגירונג אין פּראָג. ער האָט געמאָנט 300 טויזנט קראָנען און אין צוגאָב — 30 טויזנט קראָנען פאַר געריכטס־אויסגאַבן.

די אָנקלאַגע איז געווען אַ ציווילע און אין דעם ערשטן טאָג פון פּראָצעס זענען קיין שום איבעראַשנדיקע פּאַסירונ־גען נישט פאָרגעקומען. אָבער צומאָרגנס, ווען די צייטונגען האָבן זיך דערוווּסט, אַז הינטער דער אָנקלאַגע שטעקן אינ־טערנאַציאָנאַלע סודות, איז דאָס געריכט געוואָרן געפּאַקט מיט הונדערטער נייגעריקע מענטשן. אויפן דריטן טאָג איז דער פּראָצעס שוין געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע סענסאַציע.

די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם אויסגאַנג פון די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען און באַ־פוילן, אַז דער פּראָצעס זאָל פאָרקומען הינטער געשלאָסענע טירן. דאָס האָט אָבער נאָך מער פאַרשטאַרקט די שפּאַנונג איבער דער גאַנצער וועלט.

איין אויסוועג איז געבליבן פאַר דער רעגירונג אין פּראָג: צו באַהאַנדלען דעם גאַנצן ענין דיפּלאָמאַטיש און דעליקאַט. און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט טאַקע די רעגירונג אין פּראָג פאַרלאַנגט פון דער רעגירונג אין ווין, אַז מען זאָל גלייך אַרעסטירן טריביטש לינקאָלנען אַלס שווינדלער און אויס־וואָרף. די פּראָגער רעגירונג האָט דערציילט, אַז די דאָקו־מענטן, וואָס לינקאָלן האָט פאַרקויפט, זענען געפעלשטע...

ווין האָט זיך צוגעאיילט און טריביטש לינקאָלנען אַרעס־טירט. דעם ערשטן אָוונט נאָך זיין אַרעסט, דעם 18־טן פעב־רואַר 1921, האָט ער געהאַט אַ וויזיט אין טורמע. דאָס איז

געוועזן ד״ר זייפערט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער אַמבאַסאַדע. ער האָט אים פאָרגעשלאָגן די סומע פון 10 טויזנט קראָנען צו „פאַרענדיקן דעם קאָנפליקט״. לינקאָלן האָט אָפּגעוואָרפן אַזאַ פאָרשלאַג.

— הייסט עס, אַז נישט אַלע דאָקומענטן מיינע זענען „געפעלשטע״... — האָט ער געטענהט. — איר האָט מיך אויסגענוצט און באַליידיקט... וואָלט איר געהאַנדלט ווי ערלעכע מענטשן, וואָלט איר מיר געדאַרפט באַצאָלן עטלעכע מיליאָן קראָנען פאַר מיין דינסט... אָבער איר דינגט זיך איצט מיט מיר ווי ביליקע הערינג־סוחרים...

— דאָס ווענדט זיך נישט אָן מיר — האָט דער אַמבאַסאַדאָר זיך פאַרענטפערט. — איך האָב די אינסטרוקציעס געקראָגן פון פּראָג... איר קענט דעם אָנבאָט אָננעמען אָדער צוריקווייזן...

— ניין, איך נעם דאָס נישט אָן! ווען ד״ר בענעש וואָלט נאָך געוווסט, אַז ביים איבערגעבן די סודות האָב איך פשוט איינגעשטעלט מיין לעבן, וואָלט ער אַנדערש געהאַנדלט...

דער פּראָצעס אין פּראָג האָט זיך געצויגן ביז צום 4־טן יוני 1921. לינקאָלן האָט דעם פּראָצעס געוווּנען, יעדנפאַלס פאָרמעל האָט ער געוווּנען, אָבער נישט —דאָס געלט... דער חוב איז אים קיינמאָל נישט באַצאָלט געוואָרן.

נאָכן פאַרלאָזן די טורמע אין ווין איז לינקאָלן געוועזן צעבראָכן און פאַרשעמט. ער איז געוועזן אָרעם און פאַרשטויסן פון אַלעמען. —מיט קיין פּאָליטיק האָט ער זיך נישט געקענט אָפּגעבן און דערצו האָט זיין דאָקטאָר אים באַפוילן אַ סך צו רוען, ווייל זיין געזונט־צושטאַנד איז געוועזן אַ שוואַכער.

אַלע טירן פון די שפּיאָנאַזש־צענטערס אין אייראָפּע זענען פאַר אים פאַרהאַקט געוואָרן, ווען ער זאָל אַפילו ווען פונדאָסניי אָנהויבן עפּעס צו טאָן. ער האָט אָבער אין דער ווירקלעכקייט נישט געהאַט קיין לוסט מער צו דינען די אַלע לענדער, וואָס האָבן צוערשט אים אויסגענוצט און דערנאָך אים פאַראַטן... אַ געדאַנק איז אים איינגעפאַלן, אַז נישט בלויז ער אַליין ווערט קראַנק, נאָר גאַנץ אייראָפּע איז אַ געפערלעך־קראַנקער פּאַציענט...

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אייראָפּע גרייט זיך צו צום אייגענעם חורבן, — און אַז די מערב־ציוויליזאַציע וועט באַלד אונטערגיין... אויב עס איז פאַראַן אַ רעטונג פאַר דער מענטשהייט, איז עס אין אַזיע. דער פּראָצעס פון אונטערגיין וועט אַזוי שנעל זיך נישט אָנהויבן, אָבער ער וועט קומען. דער צענטער פון מענטשלעכן גייסט, פון מענטשלעכער שעפעריקייט וועט זיין אין אַזיע און דעריבער דאַרף דער מענטש, וואָס וויל אויסמיידן אַ נייע קאַטאַסטראָפע, זיך באַזעצן אין אַזיע...

און נאָך עפּעס האָט געשטאַרקט זיין פאַרלאַנג זיך צו באַזעצן אין אַזיע: די אַלטע באַשולדיקונג, אַז ענגלאַנד יאָגט אים אויף טריט און שריט, — האָט ווידער אין אים אויפגעוואַכט. ענגלאַנד ברענגט אויף אים אַלע צרות. ער מוז ענדלעך נעמען די גרויסע נקמה אין ענגלאַנד. און ווו דען קען מען שאַפן דעם צענטער פון נקמה קעגן ענגלאַנד, אויב נישט אין אַזיע? און ווו קען זיין אַ מער צוגעפּאַסט אָרט פאַר זיינע טעטיקייטן קעגן דער ענגלישער אימפּעריע? פאַרשטייט זיך, אַז נישט ווייט פון אינדיע און דאָס איז כינע!

און איינמאָל אין אַ פרייטיק נאָכמיטאָג האָט לינקאָלן זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ דייטשער שיף אין אייראָפּע און איז אָפּגעפאָרן קיין כינע. וואָס וואַרט אויף אים אין כינע? דאָס האָט ער נישט געוווּסט און ער האָט אויך נישט געטראַכט וועגן דעם... ער וועט שוין זיינס דערגרייכן!

קאַפּיטל פיר־און־צוואַנציק

כינע איז געוואָרן אַ נייע וועלט פאַר טריביטש־לינקאָלן. ער האָט דאָרט נישט געהאַט קיין פריינט, קיין קרוב, קיין באַקאַנטן מענטש. ער האָט אַפילו נישט געקענט קיין איינציק וואָרט כינעזיש, ווען ער איז אַהינצו אָנגעקומען.

אין קעשענע האָט ער געהאַט 600 דאָלאַר. אמת, אַן אַמעריקאַנער פריינט פון אַמאָל, צו וועמען לינקאָלן האָט טעלעגראַפיש זיך געווענדעט, האָט אים פאַרשפּראָכן איבערצושיקן

טויזנט דאָלאַר אין אַ באַנק אין האַנקאָו. אָבער ווי אַזוי קען ער קומען קיין האַנקאָו?

פונדעסטוועגן איז לינקאָלן געווען גליקלעך, וואָס עס איז אים געלונגען צו פאַרלאָזן אייראָפּע. דער אַלטער קאָנטינענט איז פאַר אים געווען ווי אַ שטיקנדיקע קאַמער. נאָך אויפן וועג קיין כינע האָט ער געוווסט, אַז ער פאָרט אין אַ ווייטער, אומבאַקאַנטער וועלט, אַ וועלט פון רו, וווּ עס לעבן 400 מיליאָן מענטשן. דאָרט וועט ער, לינקאָלן, איינגעשלונגען ווערן אין דער אומענדלעכער מענטשן־מאַסע. ער בויטיקט זיך איצט אין אַ סך רו. ער וועט אפשר אַריין אין אַ קלויסטער אין די בערג פון טיבעט... דער דראַנג נאָך מיסטיציזם האָט ווידער אין אים זיך געוועקט און בייגעקומען דעם פאַרלאַנג נאָך אַוואַנטורעס.

ער האָט באַשלאָסן קודם־כל צו רוען עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד.

נאָך זיצנדיק אויפן דעק פון דער דייטשער שיף האָט ער זיך באַקענט מיט די ערשטע כינעזער. דאָס איז געווען אַ גרופּע סטודענטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון בערלין קיין כינע. ער האָט זיך באַפריינדעט מיט זיי גאָר אינטים, געהערט פון זיי אַ סך געשיכטעס וועגן דעם מיסטעריעזן לאַנד און פון זיי האָט ער אויך געקראָגן די ערשטע לעקציעס אין דער כינעזישער שפּראַך. ער האָט אויך זיך דערוווּסט ווי אַזוי ער קען אַריינקומען קיין האַנקאָו.

אַריינקומענדיק אין שטאָט האָט ער געמאַכט דעם ערשטן באַזוך אין דער באַנק, וווּ עס האָט אויף אים טאַקע געוואַרט די צוגעזאָגטע סומע פון טויזנט דאָלאַר. דאָס איז פאַר אים געווען אַ גרויסער קאַפּיטאַל. זיין שטימונג איז דערהויבן געוואָרן און ער איז אין אַ פּאָר טעג אַרום צוגעטראָטן צו זיין טעטיקייט קעגן ענגלאַנד. ער האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן צו עפענען אַ שול, וווּ ער וועט פּרעדיקן זיין נייע לערע.

ער האָט אָפּגעזוכט אַ פּלאַץ, נישט ווייט פון די טיבעט־בערג, און דאָרט האָט ער באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אויף שטענדיק.

אָבער ווען דאָס שיפל האָט אים געטראָגן צו זיין ציל, לענגאויס דעם טייך יאַנגטסע, האָט לינקאָלן זיך ערשט אומ־

געזען אין וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך. קאַנאָנען האָבן פלוצים געשאָסן אויף זיין שיפל פון ביידע זייטן, און ווען דער איבערגעשראָקענער לינקאָלן האָט געפרעגט דעם קאַפּיטאַן פאַרוואָס מען באַשיסט די שיף, האָט יענער מיט אַ רואיקן שמייכל געענטפערט:

— דאָס זענען באַנדיטן... ים־רויבער... זיי ווילן אונז אָפּשטעלן, אָבער איך וועל זיי נישט פאָלגן... בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ, אַ קויל זאָל אייך נישט טרעפן... איר קענט נאָך פאַרלירן דעם קאָפּ... וואָס? איר ווייסט נישט, אַז עס איז פאַראַן אַ פּיראַטן־הערשאַפט אין כינע?

דער קאַפּיטאַן איז געווען גערעכט — כינע איז געווען צעריסן פון די בלוטיקע ברודער־מלחמות, וואָס האָבן זיך געצויגן שוין הונדערטער יאָרן. דאָס ריזיקע לאַנד איז געווען איינגעטיילט אין סעקטאָרן און אין יעדן סעקטאָר האָט גע־הערשט אַן אַנדערער קריגס־העלד.

צוליב די אייביקע מלחמות האָבן פרעמדע מאַכטן גע־קענט כינע עקספּלואַטירן, און באַזונדערס האָט שוין דעמלט דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד איינגעזען, אַז כינע איז אַן אידעאַלע באַזע פאַר קאָמוניזם. רוסלאַנד האָט געשיקט אַגי־טאַטאָרן, געשיקט ריזיקע סומעס געלט, אויסגעטיילט געווער צו די קעמפנדיקע צדדים מיט דער האָפענונג, אַז אַמאָל וועט זי דאָס אומענדלעכע לאַנד דעראָבערן פאַרן קאָמוניזם...

אויף דער שיף, וואָס איז געשווומען איבערן טייך יאַנג־טסע, האָט לינקאָלן זיך אויך נאָענט באַפריינדעט מיט אַ כינעזישן סוחר, אַ גרויסן גביר. דער סוחר איז געווען אַזוי אַנטציקט פון אים, אַז ער האָט אים געבעטן צו וווינען ביי אים די ערשטע עטלעכע טעג אין טשאַנקינג. לינקאָלן האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פאָרשלאַג. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג פשוט פיזיש זיך אויסצורוען די ערשטע צייט, צו באַקענען זיך מיט אָט־דעם נייעם טייל וועלט און דערנאָך וועט ער זיך ערשט אַוועקזעצן און געניי אָנצייכענען אַ פּראָגראַם פאַר כינעס נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

בלויז צוועלף טעג האָט לינקאָלן געוווינט אין הויז פון דעם רייכן כינעזישן סוחר, אָבער ער האָט באַוויזן אין דער קורצער צייט צו מאַכן פאַרבינדונגען מיט וויכטיקע פאַר־

שטייער פון כינעזישן פאָלק. מיט דער הילף פון דעם סוחרס ברודער האָט ער זיך באַקענט מיט דעם גענעראַל יאַנג סען, און טאַקע צו אים האָט ער געבראַכט זיינע ערשטע פאָרשלאָגן וועגן „אויפריכטן דאָס נייע כינע”...

דער שליסל צו זיין פּלאַן איז געווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר „איבער דער מלחמה”. דאָס איז געווען דער גענעראַל וווּ פּעי־פו, און די זאַך איז געווען אַן איינפאַכע: ער איז געווען דער הערשער איבער אַכצן פּראָווינצן אין כינע, און נישט בלויז דאָס. דער דאָזיקער גענעראַל איז געווען אַ קאָנסערוואַטיווער און די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז געווען הויפּטזאַכלעך געצילט קעגן אים.

— ווען מיר הויבן אָן צו רעדן וועגן דער פאַרייניקונג פון כינע — האָט לינקאָלן געזאָגט צום גענעראַל יאַנג סען — מוזן מיר צוערשט קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט וווּ פּעי־פו...

אָבער גענעראַל יאַנג סען האָט געהאַט אַן אַנדערע מיינונג.

— איך קען נישט קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיטן גענעראַל וווּ פּעי פו — האָט ער געזאָגט — ווייל ער איז מיין שונא... ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָב איך געליטן דורך זיין אַרמיי אַ מפּלה...

— אויב אַזוי — האָט לינקאָלן געענטפערט — דאַרפט איר געוויס אים ווייזן דעם פּראָגראַם, דווקא איר און נישט קיין אַנדערער... היינט מוזט איר וויסן, האָט איר נישט קיין אויטאָריטעט און קיין פּאָזיציע, אָבער אויב איר וועט זיך פאַרייניקן מיט דעם שטאַרקן גענעראַל וווּ פּעי־פו, וועט ער אייך באַשטימען אַלס איינעם פון די הויפּט־קאָמאַנדירן און אייער הויכער ראַנג וועט זיין גאַראַנטירט...

דער גענעראַל יאַנג סען איז גלייך באַאיינפלוסט געוואָרן פון טריביטש לינקאָלן און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער אַוועק צו זיין נעכטיקן שונא, דעם גענעראַל וווּ פּעי־פו, און פאָר אים אויסגעלייגט אַלע פּלענער וועגן דער אויפריכטונג פון כינע, וועגן דעם ווידעראויפבוי פון איר עקאָנאָמיע, פון דער אַרמיי און עס איז אויך שוין געווען גרייט אַ פּלאַן ווי אַזוי אַרויסצוטרייבן די פרעמדע פון לאַנד, די אונטערדריקונג

פון קאָמוניזם און דאָס געבן אַ בעסערן לעבנס־סטאַנדאַרט פאַר די פּויערים.

עס איז פאַרביי אַ שטיקל צייט און טריביטש־לינקאָלן איז איינגעלאַדן געוואָרן צום גענעראַל וו פּעי־פו. ווען די דאָזיקע נייעס וואָלט אָנגעקומען צו דער פּרעסע אין אַמע־ריקע און אין אייראָפּע, וואָלט מען דאָס באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן וווּנדער, ווייל ביז דאַן האָט דער דאָזיקער שטרענגער אַזיאַטישער גענעראַל נישט געוואָלט אַפילו הערן פון אויפנעמען ביי זיך אַ פאַרשטייער פון די מערב־לענדער. אָבער לינקאָלן האָט גלייך געוווּנען זיין צוטרוי. זיינע פלע־נער האָבן אים אַזוי באַגייסטערט, ווי נאָר ער האָט זיי דורכ־געקוקט, אַז ער איז געוואָרן שטאַרק נייגעריק און געהייסן רופן צו זיך דעם „גרויסן פּאָליטיקער" טריביטש־לינקאָלן, וואָס האָט עפּעס אין זיך די חכמה פון קאָנפוציוס...

דער גענעראַל וו פּעי־פו האָט געוווינט אין אַ פּאַלאַץ, וואָס האָט נאָך געשטאַמט פון דעם מאַנזשור־קעניגרייך. דער דאָזיקער לעגענדאַרער בנין האָט זיך אַרויסגעהויבן איבערן ברעג פון דעם לאַנגן טייך. דאָס בילד איז געווען אַזוי פּראַכט־פול, אַז ווען מען האָט געקוקט אויף דער געביידע פון דער־ווייטנס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער פּאַלאַץ שוועבט אין דער לופט, ווי אַ ווייסער, מיסטישער וואָלקן און עס האָט אויסגעזען ווי די ווענט זענען איינגעהילט אין ווייִרויך.

אַרום דעם פּאַלאַץ איז געווען אויסגעשפּרייט אַ ברייטער גרינער גאָרטן. די פּאַרקאַנעס זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט געדיכטע בלומען־פלאַנצן, וואָס האָבן זיך געוויקלט ווי שלאַנגען און געבלענדט מיט די מיניענדיקע קאָלירן. די מיסטעריע און די ריחות פון מזרח האָבן זיך געפּילט אַרום און אַרום.

ווען טריביטש־לינקאָלן איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון פּאַלאַץ איז ער פאַרבייגעגאַנגען לאַנגע ווענט פון מאָזאַיִק און פאַרביקע פּאַנטאַנען. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער הערט דאָס שטילע געזאַנג פון די אַלטע געטער און ער איז שיער נישט זיכער געווען, אַז ער אַליין איז אַ גלגול, אַ פאַרוואַנדלונג פון מאַרקאָ פּאָלאָ, דעם אַוואַנטוריסטישן

רייזנדן פון איטאַליע, וואָס האָט דער ערשטער באַזוכט דאָס מיסטעריעזע לאַנד כינע.

צי חלום איך אָדער כ׳בין וואַך? האָט לינקאָלן גערעדט צו זיך אַליין. ער האָט אָבער גלייך איינגעזען, אַז ער איז טאַקע וואַך, ווייל דער כינעזישער גענעראַל האָט פאַר אים אַפילו נישט צוגעגרייט קיין אויפנאַמע... אָט אַזוי לעבט מען דאָ — האָט ער געטראַכט — ווי מיט הונדערטער יאָרן צו־ריק. די אייביקע שטילקייט הויערט פון די ווענט, פון דער סטעליע און די הילכיקסטע שפּראַך דאָ איז דאָס טיפע שוויי־געניש...

ער האָט לאַנגזאַם דורכגעשפּרייזט דעם לאַנגן קאָרידאָר, איבער דעם קאָלירטן שטיינערנעם דיל. אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו דער אָנגעוויזענער טיר, הינטער וועלכער עס האָט געדאַרפט זיצן דער גענעראַל, זענען פּלוצים אויס־געוואקסן ווי פון אונטער דער ערד אַ צוואַנציק לייבוועכטער. זיי זענען געווען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס, און זיי האָבן באַגלייט דעם גאַסט ביז צו אַ לאַנגן טיש, ביי וועלכן עס איז געזעסן דער גענעראַל ווו פּעי־פו.

דער גענעראַל האָט געגעבן אַ צייכן, אַז לינקאָלן זאָל זיך זעצן נעבן אים.

דער „באַלעבאָס פון דער מלחמה” איז געווען אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער. ער פלעגט זיך פירן, אַז בלויז אַ קורצע צייט דורכן טאָג האָט ער געטראָגן דעם מונדיר און דאָס איז געווען דאַן, ווען ער האָט דורכגעפירט זיין אינס־פּעקציע איבערן מיליטער, זעקס אַזייגער אינדערפרי.

דער גענעראַל האָט געציטערט פאַר זיין לעבן. נאָך דער אינספּעקציע פלעגט ער זיצן אין פּאַלאַץ, אַרומגערינגלט פון זיינע לייבוועכטער. ער האָט נישט אַרויסגעשטעקט די נאָז אויס מורא, אַז מען זאָל אים נישט דערמאָרדן.

גענעראַל ווו פּעי־פו איז געווען אַ קורץ־געוויקסיקער מאַן מיט אַ פעטן בויך, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ דיקן לעדערנעם רימען. זיין קאָפּ איז געווען צו־ריזיק אין פאַרגלייך מיט זיין קליינעם קערפּער. זיין האַלז איז זיינע אַקסלען. דאָס געזיכט האָט געהאט אַן אויסדרוק פון גרויזאַמקייט און פון דאָרט האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר ברוי־

נע אויגן, וואָס האָבן געקענט היפּנאָטיזירן יעדן איינעם, מיט וועמען ער האָט גערעדט. אַ פּאָר שווערע, דיקע ברעמען האָבן כמעט צוגעדעקט די אויגן.

צוערשט האָט מען דערלאַנגט אַ מאָלצייט, וואָס איז באַשטאַנען פון פופצן געריכטן, אָבער יעדער געריכט איז געווען געמאַכט פון רייז, געבראָטן און געקאָכט. ווען דער גענעראַל האָט אויפגעהויבן זיין גלאָז ווייַן און געווונטשן דעם גאַסט, איז דאָס אויך נישט געווען קיין אמתער וויין, נאָר אַ געטראַנק געצויגן פון רייז.

די מאָלצייט האָט געדויערט צוויי שעה. ווען די לעצטע טעלערס זענען אַראָפּגערוימט געוואָרן פון טיש, האָט גענעראַל ווו פּעי־פּו זיך אָנגערופן:

— איך האָב געלייענט אייערע צירקולאַרן מיט גרויס אינטערעס. איר האָט מיר אָנגעוויזן די ריכטיקע סטראַטעגיע... איך וועל אייערע פאָרשלאַגן אָננעמען אָן ענדערונגען...

— איך בין גליקלעך וואָס איך קען העלפן כינע צו באַפרייען זיך פון פרעמדן יאָך! — האָט לינקאָלן אונטערטעניק זיך פאַרנויגט.

דער כינעזישער איבערזעצער, אַ יונגער סטודענט, וועלכער איז געזעסן אַביסל אָפּגערוקט פון זייביידן, האָט צו יעדן צד איבערגעגעבן זייער פּליסיק, וואָס איינער האָט געוואָלט וויסן פון דעם צווייטן. אָבער נאָךביים אָנהויב פון געשפּרעך האָט לינקאָלן געהייסן זאָגן דעם גענעראַל, אַז אין פאַרלויף פון דריי חדשים וועט ער זיך אויסלערנען אַזוי גוט די כינעזישע שפּראַך, אַז די סודות פון לאַנד וועלן בלויז געהערט ווערן דורך צוויי פּאָר אויערן, אָן אַ פאַרמיטלער.

דער גענעראַל ווו פּעי־פּו האָט זיך צעלאַכט. לינקאָלנס צוזאָג איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. דערנאָך האָבן זיי גערעדט וועגן רוסלאַנד, ענגלאַנד, וועגן בירגער־קריג אין כינע און וועגן דער מעגלעכקייט פון פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע. זיי האָבן נישט פאַרפעלט צו דערמאָנען די געפאַר וואָס לויערט פון יאַפּאַן און וועגן דער נידעריקער וואַלוטע...

נאָך דעם מאָלצייט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טרינקען טיי אָן אויפהער. לינקאָלן האָט געמיינט, אַז דער בויך וועט

אים פּלאַצן, פונדעסטוועגן האָט ער נישט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק צום גענעראַל. און ווען יענער האָט שוין אָנגעהויבן שטאַרק שוויצן און אַראָפּגענומען דעם הוט, האָט לינקאָלן דערזען ווי זיין קאָפּ איז באַדעקט מיט רויטע האָר. געוויס איז ער אַ מענטש מיט אַ פלאַמיקן טעמפּעראַמענט — האָט לינקאָלן געטראַכט און דערביי האָט ער זיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט ביז איצט אין פּאַלאַץ נישט געזען קיין איינציקע פרוי. איז דער גענעראַל אַן אַסקעט? אַ נזיר? ער גיט זיך נישט אָפּ מיט קיין פרויען און זיין גאַנצער אינטערעס איז צו באַפרייען זיין לאַנד פון פרעמדן יאָך?

ערשט שפּעטער האָט לינקאָלן זיך דערוווּסט, אַז דער גענעראַל איז שוין גאָרנישט קיין אַסקעט און ער טוט זיך נישט אָפּזונדערן פון קיין פרויען... די צאָל פון זיינע ווייבער און קעפּסווייבער איז פּונקט אַזוי ווי די צאָל פון די געריכטן, וואָס מען דערלאַנגט צום טיש ביים מאָלצייט.

לינקאָלן האָט אויך אויסגעפונען, אַז דער גאַנצער לינקער פליגל פון דעם פּאַלאַץ באַשטייט פון אַ באַזונדערן האַרעם, און דאָרט גייט דער גענעראַל אַריין יעדן נאָכמיטאָג אַרום דריי אַזייגער. דער גענעראַל ווו פּעי־פו איז אַ פּינקטלעכער מענטש, ער האַלט פון סיסטעם און אָרדענונג, און פּונקט ווי ער פירט זיך צו מאַכן אַ מיליטערישע אינספּעקציע יעדן אינדערפרי, 6 אַזייגער, אַזוי איז ביי אים אָנגענומען צו באַזוכן די ווייבער דריי נאָכמיטאָג.

וואָס עס איז דאָרט פאָרגעקומען הינטער די געשלאָסענע טירן פון זיין האַרעם, האָט קיינער נישט געוווּסט. אַ באַפעל האָט ער אַרויסגעגעבן צו די ווייבער, אַז קיין איינע פון זיי טאָר זיך נישט אַרומדרייען אין פּאַלאַץ און טאָר אויך נישט רעדן מיט די באַדינער אָדער וועכטער. לויט פאַרשיידענע קלאַנגען האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער גענעראַל טוט קיינמאָל נישט אויס זיין מונדיר און אַפילו נישט זיינע שטיוול אין האַרעם. און די אורזאַך איז אַוודאי געווען די אומזיכערקייט... עס איז אַפילו דערציילט געוואָרן, אַז ער האָט געטראָגן אויפן לייב אַ שטאָלענעם פּאַנצער, און אפשר דערפאַר איז זיין קערפּער אויסגעקומען אַזוי דיק...

— איך וועל זיין צופרידן אויב איר וועט איינשטימען

צו ווערן מיין ראַטגעבער — האָט דער גענעראַל איינמאָל זיך אָנגערופֿן צו לינקאָלנען. — כדי דורכצופֿירן די פּלענער ווי געהעריק, וועל איך טאָג־טעגלעך זיך נויטיקן אין אייערע אָנווייזונגען...

— מיט צופֿרידנקייט וועל איך זיין צו אייער דינסט — האָט טריביטש־לינקאָלן אונטערטעניק געענטפֿערט — איך וויל האָפֿן, אַז מיין דינסט וועט ברענגען נוצן... דער ציל איז אַ דערהויבענער. מיינע כוחות זענען שוואַכע, אָבער איך וועל טאָן אַלץ וואָס כ׳וועל קענען און גאָט וועט אונז העלפֿן...

צוויי צימערן האָט דער גענעראַל פֿאַר אים באַשטימט אין זיין פּאַלאַץ. פֿיר באַדינער זענען געשטאַנען צו זיין באַפֿעל, און אפֿילו אַ קליינעם „פּרויען־צימער" האָט לינקאָלן געקראָגן פֿאַר זיך.

טריביטש־לינקאָלן איז געוואָרן די רעכטע האַנט פֿון דעם שטאַרקן גענעראַל, וואָס האָט געהערשט איבער אַ העלפֿט פֿון כינע. דער גענעראַל איז געווען אַזוי אַנטציקט פֿון זיין ראַטגעבער, אַז עס האָט לאַנג נישט גענומען און לינקאָלן איז געוואָרן דער מוח הינטער דעם רעזשים. עס זענען פֿאַרביי עטלעכע וואָכן און ער האָט שוין גערעדט פֿליסיק כינעזיש. ער האָט געמאַכט רייזעס איבער פֿאַר־שידענע טיילן פֿון לאַנד, געקומען אין קאָנטאַקט מיט נאָך גענעראַלן און פֿאַרהאַנדלט מיט זיי וועגן פֿאַראייניקן גאַנץ כינע.

— אויב עס וועט אייך געלונגען צו פֿאַראייניקן גאַנץ כינע אונטער אייער הערשאַפֿט — האָט לינקאָלן גערעדט צום גענעראַל — דאַן וועט דאָס לאַנד ווערן אַזוי מעכטיק, אַז עס וועט ווערן די וואָרט־זאָגערין איבער גאַנץ אַזיע... פֿאַרגעסט נישט, גענעראַל, כינע דערוואַכט און רוסלאַנד שטייט ביי אונזערע טירן און וואַרט אויף דער געלעגנ־הייט אַרויסצורופֿן אַ רעוואָלוציע...

טריביטש־לינקאָלן איז געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. אייראָפּע איז כמעט אויסגעמעקט געוואָרן פֿון זיין האַרץ, ווי זי וואָלט נישט עקזיסטירט אויפֿן פּלאַנעט. ער אַליין האָט זיך באַטראַכט פֿאַר אַ ניי־געבוירענעם טריביטש־לינקאָלן.

איינמאָל האָט גענעראַל ווו פּעי־פו אַריינגערופן צו זיך טריביטש־לינקאָלנען.

— טריביטש־לינקאָלן, איר זייט אַ מענטש פון מערב און מיר איז שווער אַרויסצורעדן אייער נאָמען... איך גלויב, אַז ווי אַ פירער פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג אין אַזיע, וואָלט איר באַדאַרפט ענדערן אייער נאָמען...

— איך האָב שוין אויך אַזוי געטראַכט — האָט לינקאָלן אונטערטעניק געשמייכלט — און איך האָב שוין אפילו צוגעגרייט פאַר זיך אַ נייעם נאָמען...

— וואָס איז דער נאָמען? — איז דער גענעראַל געוואָרן נייגעריק.

— שאַנג יוע — האָט לינקאָלן געזאָגט — די אויפגייענדיקע לבנה...

— און פאַרוואָס האָט איר אויסגעקליבן עפּעס אַזאַ נאָמען: „די אויפגייענדיקע לבנה”?

— ווייל איר, גענעראַל, זייט די „אויפגייענדיקע זון” און איך דערנער זיך פון אייער ליכט... פּונקט ווי די לבנה וואָס האָט נישט איר אייגן ליכט און שפּיגלט אין זיך אָפּ דאָס ליכט פון דער זון...

דער ענטפער איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם שטאַרקן גענעראַל. אַזוי דאַרף רעדן דער ראַטגעבער פון דעם מאַן, וואָס וועט אין אַ קורצער צייט אַרום הערשן איבער גאַנץ כינע...

ווייטערדיקע ביכער פון דער „פאָלקס-ביבליאָטעק״

דערציילונגען

פון ש. י. עגנון

אין דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור לייכט ש. י. עגנון אַליין מיט זיין באַזונדערקייט. פאַרוואָרצלט ווי אַ דעמב אין דעם אייביק־זאַפטיקן באָדן פון דער תלמודישער מעשהדיקייט, וואָס האָט געגעבן אַזוי פיל קראַפט אונזער מאָדערנער ליטעראַטור — איז ש״י עגנון דער מייסטער פון דער יידישער דערציילונג. ער איז טיף, ראָמאַנטיש, ראַפינירט און אין רעזולטאַט אַזוי רירנדיק פשוט, ווי נאָר גרויסע קינסטלער זענען עס.

דער אויסוואַל פון ש״י עגנונס דערציילונגען, וואָס גייען אַריין אין דעם דריטן בוך פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק״, איז ווי אַ פרישער קוואַל, וואָס דער לייענער וועט אַריינבאַקומען אין זיין ביבליאָטעק צו זיין דויערהאַפטן געניוס.

די איבערזעצונג פון די דערציילונגען איז געמאַכט פון אליעזר רובינשטיין, וואָס האָט זיך קונה שם געווען ווי דער בעסטער איבערזעצער פון ש״י עגנונס פראָזע.

ווייטערדיקע ביכער פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק"

און אין דיין בלוט וועסטו לעבן

פון לייב ראָכמאַן

אויב אפילו עס וואָלטן פאַרניכטעט געוואָרן אַלע דאָקומענטן, וואָס באַווייזן דאָס פאַרברעכן פון די דייטשן קעגן יידישן פאָלק און עס וואָלט געבליבן נישט מער ווי לייב ראָכמאַנס טאָג־בוך „און אין דיין בלוט וועסטו לעבן", וואָלט דאָס דאָזיקע איינציקע בוך געקענט דינען ווי אַ צעשמעטערנדיקער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די אייכמאַנס, הימלערס און באָרמאַנס.

„און אין דיין בלוט וועסטו לעבן", געשריבן מיט אַ געלייטערט, שטיל לשון, וואָלט געוועזן גענוג איבערצולייענען אויפן אייכמאַן־פּראָצעס און דער גזר־דין וואָלט געפאַלן נישט דורך פאַראַגראַפן, נאָר דורך ראָכמאַנס בילדער, דורך דעם פיין פון יידישע ראַנגלענישן.

„און אין דיין בלוט וועסטו לעבן" איז גלייכצייטיק אַן עפּאָפּייע פון יידישן העראָישן ווידערשטאַנד קעגן אַ געפאַנצערטער מאַכט, אַ ווידערשטאַנד, וואָס האָט נישט קיין גלייכן.